STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05265

DOVID BERGELSON

Moyshe Mizshiritski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מיזשיריצקי

דאָוויד בערגעלסאָן

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײטן אין אוסר״ר
קיעוו 1935 כארקאָוו

פאראנטוואָרטל. רעדאקטער — ל. משקאָווסקי.
טעכנישער רעדאקטער — מ. זארעצקי.
קאָרעקטער — אי. שטולמאנ.
פאפיר 105×72 — 1/16 — 40 קג. 10¼ דרוקבויגנ.
אינ 1 פאפיר־בויגנ 80.000 צייכנס.
פארלאג. נומ. E — 353. הויפּטליט נומ. 4751.
שטאָטליט נומ. 1064.
3־טע דרוקעריי אופקפ״ט, בערדיטשעוו.
באשט. נומ. 4878. 2000 עקז.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 3/X—1934.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק 23/XII—1934.

פאָרוואָרט.

דאָוויד בערגעלסאָן שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע, אינטערעסאַנטסטע און קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמעס אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דאָוויד בערגעלסאָן איז די בולטסטע אַנטפּלעקונג פון דעם, וויאַזוי די בעסערע פאָרשטייער פון דער אַלטער אינטעליגענץ שטויסן זיך ביסלעכווײַז אָפּ פון דער צעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און באַהעפטן זיך צום רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

א שרײַבער, וואָס איז מיט זײַן ביזרעוואָלוציאָנערן שאַפן געווען ענג פאַרבונדן מיט דער בורזשואַזיע, הייבט ד. בערגעלסאָן אָן ביסלעכווײַז רײַסן מיט זײַן קלאַס, ער הייבט אָן צו באַקעמפן זײַן פאַרגאַנגענהייט, און נאָך פילע אָנשטרענגונגען און שטרויכלונגען ווערט ער צולעצט איינער פון די פּרוכט־באַרסטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

א שרײַבער, וואָס דער שפּעטער־שער מעטאָד פון זײַנע ערשטע ווערק האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א בולטען אויסדרוק פון דער רעאַקציע־עפּאָכע, א שרײַבער, וואָס איז געווען איינער פון די עקסטרעמסטע אויסדריקער פון דעם אָפּגעצוימטן אינזיכיסטיש־פּאַרטיפּטן און פּעסימיסטיש־נאָגנדיקן אימפּרעסיאָניסטישן סטיל, הייבט ד. בערגעלסאָן אָן, מיט זײַן בעהאַדראָגיקן דערנענטערן זיך צו די פּאָזיציעס פון דער אַקטיאַבער־רעוואָלוציע, ביסלעכווײַז צו ענדערן זײַן שפּעערישן מעטאָד און שטעלט זיך פעסט אין זײַנע לעצטע ווערק אַפן וועג פון קלאָרער, מונטערער און רעאַליסטישער שילדערונג.

דאָוויד בערגעלסאָנס שאַפן שטעלט מיט זיך דערום פאָר אַן אויסשליסלעך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג. מיר האָבן דאָ, ערשטנס, דעם ביזרעוואָליוציאָנערן קלאַסישן בערגעלסאָנען, יענע ווערק זײַנע, וואָס בילדן א רײַכן מאַטעריאַל, ווי אַן אָביעקט פון דער ליטעראַטור־ירושע. אויפדעקן דעם קלאַסן־מעהוס פון בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע ווערק, אויסקלאָרן זייער דערקענטעניש־ווערט, אַנאַליזירן זייערע סטיל־אייגנשאַפטן — דאָס איז איין גרופּע פּראָבלעמעס, וואָס בערגעלסאָנס שאַפן שטעלט ארויס פאַר דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

מיר האָבן דאָ, צווייטנס, א גאַנצע ריי ביז גאָר באַדײַטנדיקע ווערק פון בערגעלסאָנס סאָוועטישן שאַפונג־פּעריאָד. ווי א טייל פון דער גאַנצער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, רוקן דידאָזיקע ווערק ארויס א ריי נײַע און קאַרדינאַלע פּראָבלעמעס פון אונדזער לויפנדיקער סאָוועטישער ליטעראַטור.

א דריטע גרופע פראָבלעמעס, וואָס איז פארבונדנ מיט בערגעלסאָנס שאפנ, דאָס איז די פראָבלעמ פונ ליטערארישע ווירקונגענ. ווי ס'איז באוווסט, האָט ד. בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע שאפנ געהאט א באדײַטנדיקע ווירקונג אפ א גאנצער ריי יידישע סאָוועטישע שרײַבער. פונ דער צווייטער זײַט איז ד. בערגעלסאָנ גופע באווירקט געוואָרנ, אינ זײַנ שפּעטערדיקנ שאפנ, פונ דער יידישער סאָוועטישער (אונ ביכלאל פונ דער סאָוועטישער) ליטעראטור. אופדעקנ אונ אנאליזירנ די סיבעס אונ די וועגנ פונ דידאָזיקע קעגנווירקונגענ הייסט שטעלנ די אקטועלסטע פראָבלעמעס, וואָס זײַנענ שײַעכ צו די שפּערישע מעטאָדנ פונ דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור.

א ביז גאָר וויכטיקע פראָבלעמ שטעלט מיט זיכ פאָר די קריטיק וועגנ בערגעלסאָנענ אינ מעשעכ פונ זײַנ 25־יעריקער ליטערארישער טעטיקײַט, באזונדערס די קריטיק פונ בערגעלסאָנס שאפנ אינ דער בורזשואז־נאציאָנאליסטישער אויסלענדישער יידישער ליטעראטור, ווו די באציִונג צו בערגעלסאָנענ האָט זיכ געהאלטנ אינ איינ פארערגערנ אינ דער מאָס, וואָס ד. בערגעלסאָנ האָט זיכ אלץ מער דערנעענטערט צומ ראטנפארבאנד אונ צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

ס'איז שווער אויסצורעכענענ אלע פראָבלעמעס, וואָס בערגעלסאָנס רײַכע אונ פילפארביקע ליטערארישע טעטיקײַט רוקט ארויס פארנ ליטעראטור־פאָרשער (ד. בערגעלסאָנס ליטערארישע שפּראכ, ד. בערגעלסאָנס פובליציסטיק, ד. בערגעלסאָנס דראמאטורגיע א. אז. וו. א. דגל.), נאָכ שווערער,—ס'איז קימאט אומעגלעכ,—ארומצוכאפנ אָט די אלע פראָבלעמעס אינ איינ ארבעט.

מיר האָבנ אינ אונדזער ארבעט געשטעלט פאר זיכ דערומ בלויז איינ גרונט־אופגאבע: אָנמערקנ די עטאפּנ פונ בערגעלסאָנס שאפנ אונ געבנ א כאראקטעריסטיק פונ יעדנ עטאפּ באזונדער. מיר האָבנ דאָ אינזינענ דעריקער די פראָבלעמ פונ איינהײַט פונ אינהאלט אונ פאָרמ אינ בערגעלסאָנס שאפנ. מיר האָבנ געשטרעבט צו דערווײַזנ, וויאזוי עס בײַט זיכ בערגעלסאָנס סטיל אינ ענגנ צוזאמענבונד מיט דער ענדערונג פונ זײַנ סאָציאל־געזעלשאפטלעכער אָריענטאציע סײַ ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, סײַ שפּעטער.

אינזינענ האָבנדיק דעריקער די עוואָליוציע פונ בערגעלסאָנס גאנצנ שאפנ, שפּירנ מיר נאָכ נאָכ בערגעלסאָנס קינסטלערישנ וועג פונ זײַנע ערשטע טריט אָנ ביזנ „באמ דניעפּער" אײַנגעשלאָסנ. דערבײַ באמיִענ מיר זיכ אינ יעדנ נײַעמ ווערק, אָדער גרופּעס ווערק, אונטערצושטרײַכנ בלויז דאָס נײַע, וואָס אָט דאָס ווערק טראָגט מיט זיכ ארײַנ אינ פארגלײַכ מיטנ פאָריקנ ווערק, אונ ניט געבנ אנ אויסשעפּנדיקנ אנאליז פונ דעמ אנדערהאלבנ צענדליק ביכער, וואָס בערגעלסאָנ האָט פארעפנטלעכט.

אפ וויפל מײַנ פרווו ארומצוכאפנ אינ איינ ארבעט די כאראקטעריסטיק פונ בערגעלסאָנס גאנצנ שאפנ איז דער ערשטער, איז ער, נאטירלעכ, ניט ריינ פונ פעלערנ.

די גרעסטע שטערונג אין דער פאָרשונג פון בערגעלסאָנס שאפן איז דאָס, וואָס עס פעלן נאָך די פאָרארבעטן, וועלכע זיינען אומבאדינגט נייטיק פאר דערדאָזיקער פאָרשונג, — אין דער ערשטער ריי די היסטאָרישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע ארבעטן, וואָס דארפן געבן א מארקסיסטישע באלויכטונג פון דער יידישער ליטעראטור און ביכלאל פון דער סאָציאלער קויכעס־פאנאנדערשטעלונג אין דער יידישער סוויווע פאר דער צייט, וואָס צווישן צוויי רעוואָליוציעס. אף וויפל אָבער ס'איז אומעגלעך צו ריידן וועגן בערגעלסאָנען און ניט אָנרירן דערביי די עפּאָכע, קומט דעם ליטעראטור־פאָרשער לעסאטע אויס ווילנדיק — ניטווילנדיקע צו עקספערימענטירן, צו בלאָנדזשען אין דער פינצטער, ריזיקירנדיק ארייַנצופאלן דאָ אין היפּשע פעלערן און פארקריפּלונגען.

ס'זיינען געווען בא מיר אויך טעכנישע שוועריקייטן אין דער ארבעט. מיר איז אויסגעקומען צו שרייבן די בערגעלסאָן־מאָנאָגראפיע אין מעשעך פון א לאנגער צייט, 1931—1934, דערביי מיט גאָר גרויסע איבעררייַסן, און דאָס האָט זיך אָפגערופן ניט צום גונסטן אף דערדאָזיקער ארבעט.

אויב אָבער מיין בוך וועט בא אלע זיינע פעלערן קאָנען כאָטש א ייניקע פּראָטים מיטהעלפן דער ווייטערדיקער בערגעלסאָן־פאָרשונג, וועט דאָס זיין מיין באפרידיקונג.

איך געפין צולעצט פאר מיין כויוו אויסצודריקן מיין טיפן דאנק די כ"כ י. נוסינאָוו און מ. עריק, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין מיין ארבעט מיט א ריי ווערטפולע אָנווייַזונגען.

קיעוו, פעווראל, 1934.

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל.

אייניקע פאָרבאמערקונגען: דאָוויד בערגעלסאָנס ארײַנטריט אין דער ליטעראטור; די ערשטע באגעגעניש מיט דער קריטיק. בערגעלסאָנס ערשטע ווערק און די רעוואָליוציע פון 1905־טן י.

דאָוויד בערגעלסאָן פארנעמט א גאָר באזונדער אָרט אין דער ייִדישער ליטעראטור.

באזונדער און אויסטערליש איז די קראַפט און דער כאראקטער פון בערגעלסאָנס שאפן. אין בערגעלסאָנס א ווערק דערפילט מען גלײַך די אָפּגעצוימטקייט און דערהויבנקייט פונעם אויסגעטיילטן לעבן־שטעטעל, די מעכיצע צווישן דערווירקלעכקייט און דעם לעבנס־ווינקל, וואָס בערגעלסאָן האָט פארכאפט מיט זײַן פענזל. דאָוויד בערגעלסאָן פארמאָגט די אומגעהייערע קראפט ארײַנצוהויכן זײַן אייגענעם אָטעם און שטעמפלען מיט זײַן אָריגינעלקייט די סאמע פארשיידנסטע און געוויינלעכסטע פיגורן און דערשײַנונגען, צו וועלכע זײַן פען רירט זיך נאָר צו. דערפאר קריצט זיך ארײַן בערגעלסאָנס א ווערק באזונדער טיף אין זיקאָרן, און דערפאר טאקע דערשפירט מען גלײַך בערגעלסאָנס א שורע אָדער אן אויסדרוק בא אן אנדער שרײַבער, ווי דידאָזיקע שורע אָדער אויסדרוק סטאַרטשען ארויס, ווי פרעמדע, און רײַסן דאָס אויג.

באזונדער און אויסטערליש איז אויך די גאלערייע פערסאָנאזשן, וואָס בערגעלסאָן מאָלט אונדז אין זײַנע ווערק.

קימאט אלע בערגעלסאָנס פערסאָנאזשן, באזונדערס בערגעלסאָנס באַליבטע פערסאָנאזשן, זײַנען עלנטע און איינזאמע, פארמאָרעשכוירעטע, פאריאָסעמטע און פארייִעשטע. און פאריאָסעמט און פארייִעשט זײַנען דידאָזיקע פארשווינען ניט דערפאר, וואָס ס'האָט מיט זיי געטראָפן אן אומגליק אָדער פיל אומגליקן אין זייער לעבן, נאָר פונקט פארקערט: עס טרעפט מיט זיי אומגליקן דערפאר, וואָס זיי זײַנען פאריאָסעמט און פארייִעשט, דערפאר, וואָס דאָס לעבן גופע איז פאר זיי, ווי דאָס גרעסטע אומגליק, די גרעסטע, געפערלעכסטע און אומהיילבארע ווונד.

באזונדער און אויסטערליש איז אויך בערגעלסאָנס אָרט אין דער ליטעראַרישער געזעלשאפטלעכקייט אינעם ערשטן פעריאָד פון זײַן שאפן.

דאָוויד בערגעלסאָן שטייט ווי בא דער זײַט פון דער ליטעראַרישער וועלט. ער איז אין א געוויסער מאָס אָפּגעזונדערט און אָפּגעפרעמדט פון דער ארו־

מיקער ליטערארישער געזעלשאפטלעכקייַט. דאָוויד בערגעלסאָנ איז אינ דער ערשטער צייַט פונ זייַנ שאפנ ווי עלנט אונ איינזאמ אינ דער יידישער ליטע־ראטור, פונקט ווי זייַנע פערסאָנאזשנ אינ דער ווירקלעכקייַט, וואָס בערגעלסאָנ שילדערט אונדז.

ס'איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש דער פאקט, וואָס בערגעלסאָנענ איז זייער שווער אָנגעקומענ זייַנ ערשטער ארייַנטריט אינ דער ליטעראטור. אָט וואָס עס ווערט דערציילט וועגנ דעמ אינ קיעווער „ביכער־וועלט":

„אינטערעסאנט איבערצוגעבנ.... וויפל מאטערניש עס האָט זיכ גע־פאָדערט, ביז דער מעכאבער (ד. בערגעלסאָנ, הייסט עס — מ.) זאָל אָפ־דרוקנ זייַנע ווערק... פארמאָגנדיק שוינ א פאָר גאנצ שיינ אָנגעשרי־בענע דערציילונגענ, שוינ ארומטראָגנדיק זיכ מיט גרויסע טרוימענ וועגנ די נייַע וועגנ פונ דער יידישער ליטעראטור... גיט זיכ דאָכ בערגעל־סאָנענ ניט איינ אינ מעשעכ פונ אייניקע יאָרנ צו באקומענ די אנער־קענונג אונ סאנקציע פונ די, וואָס שטייענ אויבנאָנ פונ דער יידישער ליטעראטור".

אונ וויַטער ווערט דאָ דערציילט, אז שוינ אינ סאָפ 1906 שיקט בער־געלסאָנ אָפ א גרעסערע דערציילונג אינ דער העברעיִשער צייַטונג „הזמנ", ווו מיט דער ליטערארישער אָפטיילונג האָבנ אָנגעפירט פרישמאנ אונ בער־שאדסקי, אונ האָט קיינ דערפאָלג ניט. אָנהייב 1908 שיקט בערגעלסאָנ א דערציילונג אינ די „ליטערארישע מאָנאטשריפטנ" — אונ אויכ אָנ דערפאָלג. דער „טויבער" איז געשיקט געוואָרנ הילעל צייטלינענ, איז אימ געפעלנ געוואָרנ, אונ דאָכ האָט ער עס אינ די זאמלונגענ „נייַ־צייַט", צו וועלכע ער האָט גע־האט א נאָענטע שייַכעס, ניט געדרוקט. אזוי האָט ער שפעטער אויכ ניט גע־וואָלט דרוקנ דעמ „ארומ וואָקזאל".

ערשט אינ 1909, דאנ ווענ בערגעלסאָנ האָט גענומענ אפ זיכ די גרעסטע טייל הויצאָעס, האָט י. לידסקי, דער אייגנטימער פונעמ פארלאג „פראָגרעס", מאסקימ געווענ ארויסצוגעבנ דעמ „ארומ וואָקזאל". דערבייַ האָט ער געפונענ פאר נייטיק, — קעדיי צו פארגרעסערנ דעמ לייענערס פארינטערעסירטקייַט, — צוצוגעבנ אנ אונטערקעפל „ערציילונג פונ יידישנ לעבנ", ווי אפ די קאָפי־קענע מייַסעס פונ די אמאָליקע פעקל־טרעגער... (קיעווער „ביכער־וועלט", 1919, נומ. 3—2, „צוריק מיט צענ יאָר" פונ מ. בערלינ).

פונוואנענ שטאמט אָט די אָפגעפרעמדטקייַט, אפ וועלכער בערגעלסאָנ האָט זיכ אָנגעשטויסנ בא זייַנע ערשטע ליטערארישע טריט? אפ דערדאָזיקער פרא־גע וועלנ מיר פרווונ געבנ אנ ענטפער שפעטער, נאָכדעמ ווענ מיר וועלנ גענוי דורכאנאליזירנ בערגעלסאָנס שאפנ. דערווייַל וועלנ מיר פארצייכענענ אינ־קורצנ, וויאזוי די קריטיק האָט באגעגנט בערגעלסאָנס ערשטע ווערק.

דער ערשטער, וואָס האָט זיכ אָפגערופנ אפ ד. בערגעלסאָנס „ארומ וואָקזאל", איז געווענ א. וויַטער.

„ד. בערגעלסאָן, — שרײַבט א. ווײַטער אינעם „פרײַנד" נום. 161 פאר 1909, — איז געקומען אין דער ליטעראטור מיט א גרויסן אייגנס. בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאל" שטעלט זיך איין דריי מיט אש'ס „שטעטל" (אונטערגעשטראָכן אינעם טעקסט — מ.).

מע דארף געדענקען, אז אש'ס „שטעטל" איז צו יענער צײַט געווען דער אידעאל פון „יידישער", „נאציאָנאלער" קונסט, אזוי אז דער פארגלײַך מיט אש'ס „שטעטל" איז דעמאלט געווען די העכסטע מאדרייגע פון באשטעטיקונג און אנערקענונג פאר א יידישן שרײַבער.

דערנאָך שרײַבט א. ווײַטער אָט וואָס:

„אויך א „שטעטל", (אָבער) א נײַ שטעטל. אנדערע יידן, אייך סאָכרים, נאָר אנדערע. פארבונדן מיט א וואָקזאל — און דאָך איזאָלירט, אָפגעזונדערט... אָפגעשטאמט פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און ש. אש. גויווער געווען זיי ביידן. זייער נאָענט צו האמסונען (דאָס בוי פונעם „ארום וואָקזאל" איז אין האמסונס גײַסט, אן ארט האמסון־ראָמאן) האָט בערגעלסאָן דורכויס אייגענע פארבן".

...„דאָס בוך איז ניט קיין געוויינלעכ ביכל, דאָס בוך איז א יאָנטעווער בוך; א געשעעניש, א זייער באדײַטנדיקע געשעעניש. גאָר א כאָשעווער גאסט איז געקומען צו אונדז אין דער ליטעראטור. און מע דארף אים אופנעמען, ווי געהעריק".

אָט אזוי פארענדיקט א. ווײַטער זײַן רעצענזיע.

אין דעמדאָזיקן ערשטן אָפרוף וועגן „ארום וואָקזאל" ווערט שוין, אזוי־ארום, פארצייכנט, אז בערגעלסאָן קומט מיט א נײַ שטעטל און מיט א נ ד ע ר ע סאָכרים.

פאר א מארקסיסטישן קריטיקער וואָלט זיך גלײַך געשטעלט די אופגאבע צו באשטימען די באזונדערקײַטן פון אָט דעם שיכט און דעם קינסטלערס באציִונג צום געשילדערטן שיכט. אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואָלט זיך אויך געשטעלט די פראָבלעם וועגן די באזונדערע קינסטלערישע מיטלען, וואָס מיט זיי שילדערט בערגעלסאָן זײַנע פערסאָנאזשן. מיט איין וואָרט, עס וואָלט זיך געשטעלט די פראָבלעם וועגן סאָציאָלאָגישן און קינסטלערישן עקוויוואַלענט, די פראָבלעם פון אופדעקן די וואָרצלען און דערקלערן אָט די נײַע קינסטלערישע דערשײַנונג. א ווײַטער אָבער איז, נאטירלעכ, אזוי ווײַט ניט געגאנגען. ער איז גענייגט צו דערקלערן די נײַקײַט פון בערגעלסאָנס ארט שילדערן מיט דעם, וואָס בערגעלסאָן זעט „אייגנארטיק", ד. ה. מיט בערגעלסאָנס פערזענלעכע, אינדיווידועלע אייגנשאפטן. די אָנמערקונג פון דער פראָבלעם ווערט אָנגענומען פאר איר לייזונג...

אין א כוידעש ארום אנערעכ טרעפן מיר אין „פרײַנד", נום. 192, א צווייטן אָפרוף וועגן „ארום וואָקזאל" — א גרעסערן ארטיקל פון ש. ניגער, אונטערן קעפל „א נײַער". אויך ניגער לויבט בערגעלסאָנס ערשטע ווערק,

אָבער שוין אין א פֿיל מער צוריקגעהאלטענעם טאָן. ס׳פֿעלט שוין דער פֿאַרגלײַך מיט אש׳ס „שטעטל״. ס׳ווערט גערעדט וועגן „פֿלעקן״ אין „ארום וואָקזאַל״. אָבער אויך ניגער פֿארצייכנט בערגעלסאָנס אייגנארטיקײַט און נײַקײַט.

„בערגעלסאָן געפֿעלט אונדז דערפֿאר, וואָס ס׳איז א נײַס בא אונדז דער ארט שרײַבן זײַנער, דער אימפּרעסיאָניסטישער... געוויס איז אזוי: בערגעלסאָן קומט צו אונדז מיט זײַן אייגענעם וועג. און טאָמער האָט ער מוסטערן, זײַנען עס ניט די, וואָס זײַנען אָנגענומען בא אונדז״.

איז אָט זעען מיר, אז שוין די ערשטע קריטיקער בערגעלסאָנס האָבן גלײַך אויפֿגענומען, כאָטש ניט פֿארשטאנען ביזן סאָף, בערגעלסאָנס נײַקײַט און אייגנארטיקײַט. און אָט די דאָזיקע נײַקײַט און אייגנארטיקײַט, וואָס האָט אייניקע אנגענעם איבעראשט, האָט אנדערע אָפּגעשטויסן פֿון בערגעלסאָנען.

נאָר שוין ארײַנטרעטנדיק אין דער ליטעראטור און באקומענדיק אלעמענס אנערקענונג, בלײַבט דאָך ד. בערגעלסאָן אין א געוויסער מאָס א רעטעניש פֿארן דעמאָלטיקן לייענער, און טיילווײַז פֿארן קריטיקער אפֿילע. אָפֿט מער רעטעניש, ווי פּראָבלעם. בערגעלסאָנס ווײַטערדיק שאפֿן איבעראשט דעם לייענער ניט בלויז מיט זײַן אייגנארטיקײַט לויטן טאָך, נאָר אויך מיטן אייגנארטיקן טיף־ווידערשפּרעכלעכן גאנג פֿון זײַן אנטוויקלונג.

נאָכן „ארום וואָקזאל״ (1909) דערשײַנט „דער טויבער״ (1910), און נאָך „נאָך אלעמען״ (1913) דערשײַנט „אין א פֿארגרעבטער שטאָט״ (1914). אויב דער „ארום וואָקזאל״ און „נאָך אלעמען״ האָבן געדארפֿט אויפֿגענומען ווערן, ווי אן איבערווינדונג פֿון די אלטע טראדיציעס, ווי מיר האָבן עס געזען אין א. ווײַטערס רעצענזיע („אָפּגעשטאמט פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים און ש. אש. גויוער געווען זיי ביידן.״), האָבן „דער טויבער״ און „אין א פֿארגרעבטער שטאָט״, ווו די סאָציאלע טענדענץ טרעט ארויס מער בולעט און פֿארשארפֿט, געדארפֿט קלינגען, ווי א געוויסער צוריק־קער צו די דאָזיקע טראדיציעס — צו מענדעלעס סאטירע, לאָמיר זאָגן. אָט דאָס האָט, אפֿשר, צעטומלט די דעמאָלטיקע קריטיק און איר געשטערט אײַנצושטעלן א פֿעסטע מיינונג וועגן דעם מעהוס פֿון בערגעלסאָנס שאפֿן.

מיר האָבן אויבן געזען, אז שוין דער „ארום וואָקזאל״ האָט ארויסגערופֿן בא ניגערן פֿיל ווייניקער באגײַסטערונג, איידער בא ווײַטערן, כאָטש זיי ביידע זײַנען דאן געווען פּאָליטישע „באלטשעוויקעס״, וואָס האָבן געריסן מיט זייערע פֿריִערדיקע ראדיקאלע שטימונגען; זיי ביידע זײַנען געווען די רעדאקטאָרן פֿון די „ליטעראַרישע מאָנאטשריפֿטן״, אן אָרגאן, וואָס האָט געזאָלט ווערן די בינע פֿאר „פֿרײַער מאָדערנער ייִדישער ליטעראטור״. מיט דער ווײַטערדיקער שאפֿונג בערגעלסאָנס ווערט די מיינונג־פֿארשיידנהײַט ארום זײַנע ווערק אין דער ייִדישער קריטיק פֿיל שטארקער און שארפֿער און דידאָזיקע מיינונג־פֿארשיידנהײַט באקומט שוין א גאנץ בוילעטן סאָציאלן כאראקטער. באלמאכשאָוועס, אשטייגער, דער ציאָניסטישער פֿריידיקער פֿון „אייראָ־

פּייִשקייט", „יונגקייט" און „מאָדערניזם" אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זיך דאַן אָפּגערופן אויף בערגעלסאָנס שאַפן מיט אַ מאָגערן אַרטיקעלע פון קנאַפּע פיר זײַטלעך בלויז. אין דאָס זײַנען צוויי זײַטלעך פון דעם פאַרפולט מיט פראַגע-צייכנס:

„...ווער איז דאַוויד בערגעלסאָן, וואָס מאָלט אונדז שטענדיק אַ פאַר־וואָרפענעם העק, אַ „שטעטל", אַ „דערפל"... און וואָס איז דאָך ניט דאָס שטעטל, דאָס דערפל, דער העק, וואָס באַ אַנדערע שרײַבער? ווער איז דער, פון וועמען עס שמעקט ניט מיט דער לופט פון היינטיקע סאָ־ציאַלע ייִדישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען? ווער איז דער..." א. אז. וו א. ד. גל.

בערגעלסאָנס קונסט, וואָס „שמעקט ניט מיט דער לופט פון היינטיקע סאָ־ציאַלע ייִדישע", ד. ה. נאַציאָנאַליסטישע, פּראָבלעמעס, האָט דעם בורזשואַז־ציאָניסטישן קריטיקער ניט גאָר געשמעקט.

אין דעמדאָזיקן אַרטיקל פעלן אויך ניט קיין לויב־געזאַנגען בערגעלסאָ־נען. ס'איז אָבער דאָך קלאָר, אַז באַם ציאָניסטישן פריידיקער פון מאָדערניזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט בערגעלסאָן אַרויסגערופן מער פאַרוווּנ־דערונג און דערשײַנונג, איידער היספּײַלעס.

אַ צווייטער בורזשואַזער קריטיקער, נ. מײַזל, נעמט אויף באַגײַסטערט בער־געלסאָנס „נאָך אַלעמען" און וואַרפט אָפּ די „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט".

ד. בערגעלסאָנס „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", — שרײַבט נ. מײַזל, — האָט אין זײַן צײַט געהאַט ניט קיין באַשטימטן קאַבאָלעס־פּאָנעם באַם אוילעם. דער ייִדישער לעזער האָט זיך דאַן געפונען אונטערן אײַנדרוק פונעם ערשט דערשינענעם שטיל־בענקענדיקן און סובייעקטיוו־עלעגישן „נאָך אַלעמען", און דער שטאַרק רעאַליסטישער „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" איז געווען פאַרן לעזער צו ראַשיק, צו הילכיק און דערום עפּעס פרעמדלעך... די הילכיק־טעמפּע קוילעס פון דער „פאַרגרעבטער שטאָט" האָבן קלאָר ניט געשטימט מיט די באַהאַרציקטע, נאָגנדיקע טענער און מעיוכעסדיק־פאַרפײַנערטע מאַנירן פון „נאָך אַלעמען" („נאָענטע און ווײַטע", 1 באַנד, 149).

די ווידערשפּרעכלעכקייט און אָפּמאָל די ניט גאָר בוילעטע סאָציאַלע טענדענצן אין בערגעלסאָנס ווערק האָבן געפירט דערצו, אַז אייניקע קריטי־קער האָבן זיך באַמיט צוצוגעבן בערגעלסאָנס ווערק דאַפקע אַ ביז גאָר באַ־שטימטן און בוילעטן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער. אָט וויאַזוי עס אינטערפּרע־טירט, אַשטייגער, „נאָך אַלעמען" ש. ניגער, דעמאָלט, אין 1913, דער רעדאַק־טאָר פון דער „ייִדישער וועלט" און דער אויסדריקער פון די סאַמע רעאַקציאָ־נערע און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער קריטיק:

„...די אַלטע פאַמיליע הורוויץ, — שרײַבט ניגער אין דער „ייִדישער וועלט", — איז אַ צווײַג פון דער אַלטער ייִדישער אַריסטאָקראַטיע. אַמאָל

איז דער צווייג געוועז א דעמב. דאָס גאנצע פאָלק האָט אונטער זײַן שאָטן געטאָן רוען... רעב גדאליע (איז) א לעצטער יידישער מעיוכעס מיט דער טאָפּלטער קרוין פון טוירע און גדולע... די פוסטקייט פון אָט דעם טעמפּל (ד. ה. פון גדאליע הורוויצעס שטוב — מ.) קלײַבט זיך ארײַן אין הארצן צו מירעלען". „נאָר דער, וואָס האָט כאָטש איין רעגע פון זײַן לעבן געפילט דעם אייביקײַט־ייכעס פון זײַן פאָלק, — רופט ווײַטער אויס פאטעטיש ש. ניגער, — וועט פארשטיין די רעטעניש פון מירלס נעשאָמע... אין איר לעבט עפּעס א קויעך, א ווילן, א זין, נאָר זי קאָן אים ניט פארקערפּערן. אָט דאָס... גיט איר אין די ביטערסטע מינוטן דעם גלויבן, אז דאָס, אף וואָס זי ווארט, וועט קומען. וויאזוי, דאָס ווייסט זי ניט... ווי עס האָט אגעוו ניט געוווסט אויך רעב גדאליע, און וויאזוי עס ווייסט ניט נאָך דער גרעסערער מעיוכעס און דער גרעסערער יוירעד, ווי רעב גדאליע — דאָס פאָלק יִסראָעל, — ווען ער זאָגט יעדן טאָג ואף אל פּי שיתמהמה, און מעג ער זיך זאמען, ווארט איך טאָג איין, טאָג אויס אף זײַן קומען..." (די „יידישע וועלט", 1913, ב. 9).

קאָמענטאריעס זײַנען דאָ איבעריק. צו גרעסערער באטלאָנעס האָבן זיך מיסטאמע זעלטן ווען דערעדט אפילע די וואָלאָזשינער יעשיווע באָכערים און די פארן יידישן גוויר האָבן שוין עפּשער ניט ארויסגעוויזן אפילע די ליבאַווי־טשער, טאלנער, טשערנאָבילער און אנדערע „הייליקע" צאדיקים, וואָס האָבן געלעבט פונעם גווירס „מײַמעד" (יאָר־שטײַער)... אונדז אינטערעסירט דאָ בלויז דער פאקט, וואָס אזא באטלאָנעסדיקע דראָשע לעקאָוועד דעם יידישן גוויר האָט מען געקענט צוטשעפּען צו בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען"... ש. ני־גער גיט דערבײַ, עמעס, אליין צו: „מיר האָבן געפּרווט ארויסצוציען אף עפּשער, ווי דער פּארפאסער האָט געוואָלט" (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז — מ.), אָבער דאָך בלײַבט דער פאקט, אז בא א „גוטן ווילן" האָט מען געקענט זוכן און אויסגעפינען אין „נאָך אלעמען" יענע טענדענצן, וואָס זאָלן שטימען מיט פערעצעס, איינהאָרנס און ווײַטערס רופן „צוריק אין שול ארײַן"... דער רעאקציאָנערער קליינבירגער ניגער איז אוועק פיל ווײַטער, איידער דער בורזשואזער ציאָניסט באלמאכשאָוועס: ניגער האָט גלײַך פארוואנדלט געדאליע הורוויצן אין א שלוימע נאָגיד, אויב ניט נאָך העכער...

דאָסזעלביקע „נאָך אלעמען" האָט זיך אָבער געלאָזט גאָר אנדערש אינ־טערפּרעטירן בא אנדערע קריטיקער. אין מ. ליטוואקאָווס ארטיקל „ערשטער אָנהייב", וואָס איז געשריבן אינעם זעלביקן 1913 יאָר, האָבן מיר א פּרווו צו זוכן אין „נאָך אלעמען" גאָר אנדערע טענדענצן. מ. ליטוואקאָוו זעט אין

מירעלען ניט דעם סימוואָל פון דער „קנעסעס־יִיסראָעל״, פון דעם אייביקן „אהאספער״, ווי דאָס זעט ש. ניגער אינעם ציטירטן אַרטיקל, נאָר גראָד פאַרקערט: ער נעמט אויף מירעלען, ווי א פאָרשטייער פון דעם נײַעם גײַסט אין שטעטל.

„דער אַלטער יִדישער לעבן־סיידער איז צעטרייסלט, — שרײַבט ליט־וואקאָוו אין „אומרו״, 1־טער באַנד, — דאָס שטעטל איז ענדגילטיק ארויס פון זײַן בעסמעדרעשדיקער אָפּגעזונדערטקײַט און געפינט זיך שוין אינ־גאַנצן אין רעשוס פון די נײַע אידייען און שטימונגען... באַזונדערס טיף האָט דידאָזיקע נײַע בלאָזנדיקע ווינטן דערפילט די יִדישע פרוי״. „מירעלע איז דער אומרו־גײַסט פון שטעטל... מירעלע — דאָס איז די בענק־שאַפט נאָכן אָוואר, דאָס איז אַן אָנמעכטיק שטרעבן צו דער צוקונפט, דאָס איז דאָס געוויסן פונעם הײַנטיקן טאָג... אף וואָס וועט זי זיך באַ־רויִקן? אין ראָמאַן ווערט דערפון גאָרניט ניט געזאָגט. בכלל איז זי נאָך א סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע און דיכטערישע רעטעניש״ („אין אומרו״ ב. 1, זז. 112 — 119).

דידאָזיקע שטעל איז, פאַרשטייט זיך, דורכויס ניט ריכטיק. עס פעלט דאָ דער קלאַסעווער צוגאַנג צום ווערק. דאָס שטעטל און מירעלע ווערן כאַראַק־טעריזירט אין מאסקיליש־קולטוריסטישע און אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע שטריכן („די נײַ־בלאָזנדיקע ווינטן״... „די יִדישע פרוי״...). פאַר אונדז אָבער איז וויכטיק דאָס, וואָס מ. ליטוואקאָוו זעט אין מירעלען גראָד „דאָס געוויסן פונעם הײַנטיקן טאָג״, „דאָס שטרעבן צו דער צוקונפט״, זאָל זײַן אפילע אַן אָנמעכטיק שטרעבן. אין קעגנזאַץ צו ש. ניגערן, זעט מ. ליטוואקאָוו אין מי־רעלען גראָד א פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון יענער צײַט.

אָט אזוי זעען מיר, אז אין איין און דעמזעלבן ווערק האָט מען געקאָנט ארײַנלייגן ביז גאָר פאַרשיידענע, אפילע דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע קאַוואָנעס, דאָס באַווײַזט אונדז אף די טיפע ווידערשפּרוכן, וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן אין „נאָך אַלעמען״, ווי בכלל אין בערגעלסאָנס גאַנצן ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן.

ווער־זשע פון אָט די ביידע קריטיקער איז געווען נעענטער צום עמעס? ווער האָט ריכטיקער געטראָפן די „רעטעניש״?

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געפּרוּווט קומען דער מעכאַבער גור־פע און לייזן דידאָזיקע פראַגע מיט זײַן ווײַטערדיקן שאַפן. האָט בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אין 1918 — 1920 „אין פאַרטונקלטע צײַטן״ און „אָפּגאַנג״ און האָט פּאָלעמיזירט מיט מ. ליטוואקאָוון אין דער „ביכער־וועלט״... האָט אָבער דערזעלביקער בערגעלסאָן געשריבן אין 1924 — 1926 „בירגערקריג״, „איינעמס א וועג״, „מידאס-האדין״ און האָט פּאָלעמיזירט מיט ש. ניגערן אי־נעם בערלינער „סמענאָוועכישן״ זשורנאַל „אין שפּאַן״, וואָס ד. בערגעלסאָן גופע טאַקע האָט אָרגאַניזירט און רעדאַקטירט... איז דערום דער ווידעראַנאַנד

וועגן סאָציאַלן טאָך פון בערגעלסאָנס שאפן אָנגעגאנגענ אינ דער יידישער קריטיק אויכ ווייטער.

נאָר די פראגע וועגן דער קריטיק פון בערגעלסאָנס שאפן איז א טעמע פאר זיכ. ווי ארום יעדן באדייטנדיקן קינסטלער, קומען פאָר אויכ ארום בערגעלסאָנען פאראקשנטע קלאסנ־שלאכטן. יעדער פון די קעמפנדיקע צדאָדים וויל האָבן בערגעלסאָנען אפ זיין זייט. דידאָזיקע שלאכטן טרעטן ארויס מיט א באזונדערער שארפקייט נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, פון דער צייט, ווען בערגעלסאָן האָט זיכ געשטעלט אָפן און אנטשיידן אפ די פאָזיציעס פון אָקטיאבער. די יידישע בורזשואזע און קליינבירגערלעכע קריטיק אינ אויסלאנד גייט דאנ אריבער פון פאלשער אינטערפרעטאציע צו אנ אָפענער אטאקע קעגן בערגעלסאָנען און קעגן זיין שאפן.

ס'איז זייער וויכטיק נאָכצושפירן און דעמאסקירן דידאָזיקע קריטיק, וואָס האָט ליב שטענדיק ארויסצוטרעטן אונטער דער פאָן פון „ריינער קונסט" און פון „אָביעקטיוון עמעס". אינ דער באציונג צו בערגעלסאָנען מיצאד דער בורזשואז־נאציאָנאליסטישער יידישער קריטיק טרעט ארויס זייער בוילעט איר עמעסער קלאסנפארצעפ.

אינ דערדאָזיקער ארבעט אָבער אינטערעסירט אונדז דעריקער דער אָביעקטיווער טאָכ פון בערגעלסאָנס שאפן גופע. מיר וועלן זיכ דערום ווענדן צו בערגעלסאָנס ווערק און וועלן פרווון טאקע דאָרטן צו געפינען בערגעלסאָנס סאָציאלע אָריענטאציע.

2

פריער פאר אלצ וועלן מיר זיכ אָפשטעלן אפ דער באציונג פון בערגעלסאָנס שאפן צו דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

ווי מיר וויסן שוינ, האָט ד. בערגעלסאָן אָנגעהויבן שרייבן גלייכ און אומיטלבאר נאָכן 1905 יאָר. און כאָטש בערגעלסאָן האָט די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן גופע ניט געשילדערט, טרעפן מיר דאָכ אינ אלע זיינע ערשטע ווערק באדייטנדיקע שפורן פון דידאָזיקע געשעענישן.

אינ אלע ערשטע בערגעלסאָנס ווערק הערן זיכ נאָכ דייטלעכ די פארשטיקטע ווידערקאָלן פון די ניט־לאנג אנטשוויגענע הארמאטן פון דער רעוואָליוציע. דערמאנט זיכ, אשטייגער, דעם וויקועכ צווישן א גרופע יוגנט אינ „ארום וואָקזאל". איינ מיידל דערקלערט:

„אָט, לעמאָשל, איר טאטע האָט א געוועלב, ער פארדינט, לעמאָשל, בא יעדן ארשין סכוירע 10 קאָפיקעס, און אזויווי ער האָט אליינ די סכוירע ניט אויסגעארבעט, קומט אויס, אז די 10 קאָפיקעס זיינען דעם ארבעטערס, ד. ה., אז ער לעבט אפ א פרעמדן כעזשבן".

בייניש רובינשטיינען פארדריסט אפ דעם מיידל:

„נו, און איר טאטע... נו, און זי אליינ... א רועכ אינ זייער... אליינ רויבט מענ זיכ אָנ, מע גאזלט, מע הארגעט, קליידער פאר פרעמד

געלט קויפט מען זיך, נאָכדעם זיצט מען אין וואַרעמען געמאָלטן כיידער, מע קוקט דאָרט אַף אַ ליבן באָכער, און מע זאָגט: „דו אַרבעטסט ניט און לעבסט... אַ סימען, אַז דו לעבסט אַף אַ פרעמדן כעזשבן...‟ („אָרום וואָקזאַל‟. 56 — 57).

אָרער אַזאַ מאָמענט: די פּאָזיטיווע, כאָטש זייער ווייניק אייַנגעגעבענע פיגור אין „אָרום וואָקזאַל‟ — איציק־באָרעכ — ווערט אַזוי געשילדערט דורך בייניש רובינשטיינען:

„אָט איז איציק, לעמאָשל, אַ געזונטער און שיינער באָכער, און פון קיין יעסורים ווייסט ער קיינמאָל ניט, און פאַרטיפט איז ער ערגעץ אין אַ מערקווירדיקער וועלט, ווו קיין סאָכרים זייַנען ניטאָ, און דאָס לעבן האָט ער מיט אַן אייגנאַרטיקער ליבע האָלט, און קיין געלט דאַרף ער ניט האָבן‟... (דאָרטן, 49).

די און נאָך אַנדערע שטעלן קלינגען ווי אַ ווידערקאָל פון די פלאַמענדיקע וויקוכים, וואָס האָבן געפלאַקערט אין די יאָרן 1906 — 1905 און וואָס האָבן אויך שפּעטער דערשטיקטערהייט געטליִעט אין דער שטיל די גאַנצע צייַט.

אַסאַך שאַרפער הערן מיר ז'עם אָפּקלאַנג פון 1905 יאָר אין דעם „טויבן‟, וואָס איז געשריבן געוואָרן, אַפּאָנעם, נאָך פאַרן „אָרום וואָקזאַל‟*).

אינעם „טויבן‟ האָבן מיר שאַרף און בולעט אָנגעצייכנט דעם קאַמף אַף לעבן און טויט צווישן צוויי געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, צווישן די ביקעס און דעם „טויבן‟, צווישן די מיל־אייגנטימער מיט זייערע באַדינער, כאָטש דער־דאָזיקער קאַמף ווערט שוין פון טכילעס אַזוי אָנגעצייכנט, אַז דער אויסגאַנג פון קאַמף מוז זייַן — טויט פאַר די טויבע, שוואַכע און נאָמענלאָזיקע אַרבע־טער, און לעבן — פאַר די מעגושעמדיקע און רייַכע באַלעבאַטים, פאַר די בי־קעס... נאָר וועגן דעם „טויבן‟ וועט אונדז שפּעטער אויסקומען צו ריידן באַזונדער. אָבער אויך אין „נאָך אַלעמען‟ און „אָפּגאַנג‟, וואָס זייַנען געשריבן שפּעטער**), האָבן מיר נאָך דעם אָפּקלאַנג פון די געשעענישן פון 1905, די פּערסאָנאַזשן פון נאָך אַלעמען — מיריאַם ליובאַשיץ און אויך ליפּקיס, אַפּאָנעם***) —

---

*) זע דעם אויבן ציטירטן אַרטיקל פון ל. בערלין, קיִעווער „ביכער־וועלט‟ 1919, נום. 3 — 2.

**) „אָפּגאַנג‟ האָט בערגעלסאָן אָנגעהויבן שרייַבן אין 1913. זע די באַמערקונג צו דער בערלינער אויסגאַבע פון בערגעלסאָנס ווערק, ב. 1, ז. 227. פאַרעפנטלעכט האָט ער דאָסדאָזיקע ווערק אין 1920, אינעם 2־טן באַנד „אייגנס‟.

***) זע „נאָך אַלעמען‟ ז. 16־17, דעם וויקועכ צווישן ליפּקיסן מיטן גרויסשטאָטישן סטודענט.
„דער קרומער ליפּקיס איז דאָרט (בּאַ בורנעסן אין שטוב — מ.) אויך געווען און געוואָלט אַלע קוילעס איבערשרייַען.
— וואַרט: פיל האָבן ביז הייַנטיקן טאָג אונדז געגעבן די מעטאַפיזיקער...
דער גרויסשטאָטישער סטודענט ענטפערט ליפּקיסן מיט אַ רעפּליק:
— נו, און ליבע?... נו, און יענער געראַנק, וואָס גייט איבער אין „אָשטשושטשעניע?‟
דאָ זעען מיר, אַז ליפּקיס טרעט אַרויס קעגן דער אידעאַליסטיש־רעאַקציאָנערער מעטאַפיזיק, וואָס די בורזשואַזע אידעאָלאָגן האָבן דאַן געפּריידיקט.

האָבן געהאט אווּעלכע ניט איז שײַכעס צו דער רעוואָליוציע פון 1905.
דאָס זעלביקע אין „אָפּגאַנג": דאָ האָבן די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן פון ווערק, מײַלעך און כאַיִם־מוישע, און אויך דער דאָקטער גראַבײַ, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָליוציע. וועגן מײַלעכן ווערט דערציילט, אַז ער איז אַפילע געווען צוויי יאָר פאַרשיקט און איז אין שטעטל געקומען אומלעגאַל און דערפאַר געמוזט זיך אַ צײַט אויסבאַהאַלטן אין וואַלד בײַ יִצחאָק־בערן.

דאָס אַלץ באַווײַזט, וואָס פאַר אַ טיפן אײַנדרוק ס'האָט געמאַכט די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר אויף בערגעלסאָנען.

אָבער ניט בלויז מײַלעך און כאַיִם־מוישע; אויך אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון בערגעלסאָנס ערשטע ווערק, אַזוינע פּערסאָנאַזשן, ווי מירל הורוויץ, אַשטייגער, וואָס איז פאַרבונדן מיט גאָר אַן אַנדער סאָציאַלער סוויווע, איידער מײַלעך און כאַיִם־מוישע, און וואָס האָט צו די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן קיין שום שײַכעס ניט געהאַט, אויך דידאָזיקע פּערסאָנאַזשן ווערן דורך בערגעלסאָנען אַזוי געשילדערט, אַז זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ די כאַראַקטעריסטישע שטריכן און שטימונגען פון דער רעאַקציע־עפּאָכע: געפאַלנקײַט, פּאַסיווקײַט, שטומקײַט און אויסזיכטלאָזיקײַט. בכלל, דער גאַנצער סטיל און גרונט־טאָן פון בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן איז ענג פאַרבונדן מיט דער עפּאָכע פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָליוציע, מיט דער עפּאָכע פון רעאַקציע, — די עפּאָכע פון „נאָך אַלעמען", „פאַרטונקלטע צײַטן" און „אָפּגאַנג" אין בערגעלסאָנס דעפיניציע.

בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע שאַפן פּלעכט זיך אַזויאַרום ענג אַרײַן אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון דער רעאַקציע־עפּאָכע, אַ ליטעראַטור, וואָס איר דאָמינאַנטע (דער גרונט־טאָן) איז — פאַרצווייפלונג, פאַרלאָרנקײַט, געזעלשאַפטלעכע דעפּרעסיע, יעכידישע גריבלערײַ און פּעסימיזם.

ווען מיר דרינגען אָבער אַרײַן טיפער אין בערגעלסאָנס ווערק, באַמערקן מיר גלײַך, אַז בערגעלסאָנס שאַפן טיילט זיך דאָך שאַרף אויס פון דערדאָזיקער ליטעראַטור, בײַ די אַלע געמיינזאַמע שטריכן, וואָס מיר האָבן זיי דאָ נאָרוואָס פאַרצייכנט.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער אַנטוויקלונג פון דער יִדישער ליטעראַטור ערעוו, בעשאַס און נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905 טן יאָר, שטויסן מיר זיך אָן דורכויס אויף אָט וואָס פאַר אַ דערשײַנונג: די מערהײַט שרײַבער, וואָס זייער שאַפן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עפּאָכע, מאַכן דורך אין זייער עוואָליוציע דרײַ עטאַפּן.

אינעם ערשטן עטאַפּ דריקט דער שרײַבער אויס, אין דער אָדער יענער מאָס, זײַנע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָליוציע און צום אַרבעטער־קלאַס. דער שרײַבער פּרוּווט זיך באַהעפטן צום פּראָלעטאַריאַט; ער ווערט פאַרכאַפּט מיט זײַן מוטעריקײַט, אַקטיווקײַט, מיט זײַן גלויבן אין דעם, אַז דער קאַמף

פונעם ארבעטער־קלאס איז א קאמף פאר דער באפרייונג פון דער גאנצער מענטשהייט.

אינעם צווייטן עטאפ קומט די אנטוישונג אין דער רעוואָליוציע. דער שרייבער ווענדט זיך דאן אָפּ פונעם פראָלעטאריאט און זינקט אין ייִעש און פעסימיזם.

דערנאָך קומט דער דריטער עטאפ. דער שרייבער הייבט אָן ביסלעכווייז צו פארקערעווען אין לאגער פון דער בורזשואזיע. ער הייבט אָן זוכן די אויסלייזונג פון זיין ייִעש און פעסימיזם אינעם שויס פון בורזשואזן נאציאָנאליזם, און אין די נאציאָנאליסטישע כוואליעס, וואָס צעבושעווען זיך אין מעשעכ פון די רעאקציע־יאָרן, דערטרינקט ער איינציקווייז אלע זיינע פריִיִקע רעוואָליוציאָנערע „יוגנט־זינד".

קעדיי צו איליוסטרירן דעמדאָזיקן געדאנק, וועט זיין געגוג אָנצורופן אזוינע שרייבער, ווי י. ל. פּערעץ, ה. ד. נאָמבערג, ד. איינהאָרן. דיזעלביקע עטאפּן האָבן דורכגעמאכט אויך פיל אנדערע ייִדישע שרייבער.

מיט בערגעלסאָנען קומט פאָר די זאַך עטוואָס אנדערש: אין בערגעלסאָנס ווערק איז דער ערשטער און דריטער עטאפּ שוואכער פאָרגעשטעלט. בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע שאפן שטייט אין אָט דעם הינזיכט קימאט ווי אף איין אָרט (וועגן דער עוואָליוציע פון בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערן שאפן ביכלאל וועלן מיר ווייטער ריידן געגוי). בערגעלסאָן זינקט די גאנצע צייט אין טהאָם פון ייִעש, אָנמאכט און אויסזיכטלאָזיקייט און געפינט פאר זיך ניט קיין טרייסט און קיין אויסוועג אין קיינע געזעלשאפטלעכע שטרעבונגען פון יענער צייט. סיי די סאָציאַליסטישע און סיי די נאציאָנאליסטישע באוועגונג האָט אין בערגעלסאָנס שאפן פאר זיך קיין בולעטן אויסדרוק ניט באקומען. אינעם „טויבן" איז, עמעס, פאראן א שארפער קערן פון רעוואָליוציאָנערן פראָטעסט. אָבער, ווי דערמאָנט שוין, איז דאָ ניטאָ אפילע קיין איין מאָמענט פון מ ו נ ט ע ר ן פראָטעסט. אף קיין איינציקער רעגע אפילע באווייזט אונדז ניט בערגעלסאָן דעם טויבן און ניט וואָסער ניט איז אנדער ארבעטער אין א שטאָלצער פּאָזע פון א קעמפער.

דער „טויבער" איז, עמעס, פארעפנטלעכט שוין היפש נאָכן רעוואָליוציאָנערן שטורעם, אין 1910, אין א צייט, ווען די ארבעטער־באוועגונג האָט איבערגעלעבט א מאָמענט פון טיפן קריזיס. אָבער דאָך איז ניט אויסגעשלאָסן געווען די מעגלעכקייט, אז דער טויבער זאָל פאר זיין אומקום מאכן א פרווו פון הויכן און עפנטלעכן פראָטעסט. דער אומקום אליין האָט געקענט פאָרקומען אף א מער נאטירלעכן און באזיניקטן אופן, ווו עס זאָל דעמאָנסטרירט ווערן דאָס רייסן זיך פונעם ארבעטער צו קאמף און פראָטעסט. אין בערגעלסאָנס „טויבן" טרעפן מיר עס ניט. אין בערגעלסאָנס „טויבן" איז דער אומקום א פאטאלער, ער קומט, ווי עטוואָס פאָרויס־באשטימטס, ווי עטוואָס באשערטס...

און פונקט ווי אייגנארטיק ס'ווערט געשילדערט בײַ בערגעלסאָנען דער אַקטיווער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין דעם „טויבן", אַזוי אויך אייגנאַרטיק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אַנטוישונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די דורכפאַלן פונעם דאָזיקן קאַמף אין זײַנע אַנדערע ווערק. אין „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" האָבן מיר די יִיעש־שטימונגען ניט אַזויווי אַ רעזולטאַט פון אַנטוישונג אין רעוואָלוציע, נאָר גיכער פאַרקערט: די אַנטוישונג אין רעוואָלוציע קומט אין רעזולטאַט פון אַנטוישונג אינעם לעבן בִּכלל. די רעוואָלוציע איז עפּשער אַ וויכטיקער איניען, אָבער קיין שום וויכטיקער איניען גיט זיך אינעם לעבן ניט אײַן, די רעוואָלוציע אויך אין דעם כּלל.

אין דידאָזיקע ווערק פילן מיר אַן אינערלעכ־פאַרבאַהאַלטענעם צער, אַ טיפן און שטילן צוריקגעהאַלטענעם ווייגעשריי אַז דער פּוסטקייט פונעם אַרומיקן לעבן בִּכלל, אַ לעבן, וואָס האָט ניט פאַר זיך אַבסאָליוט קיין שום פּערספּעקטיוון.

און דאָס האָט געקלונגען אין דער דעמאָלטיקער יִדישער ליטעראַטור אין אַ היפּשער מאָס פרעמד. ווײַל די יִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען געווען ליטעראַריש טעטיק אומיטלבאַר אין דער עפּאָכע פון 1905 און פריִער — י. ל. פּערעץ, ד. פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג, ד. איינהאָרן, א. ווײַטער און פיל אַנדערע, אָט די שרײַבער, וואָס האָבן אַזוי אָדער אַנדערש אויסגעדריקט זייערע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע, — זיי האָבן זיך אין דער צײַט פון רעאַקציע גלײַך אַ וואַקל געטאָן אַף צוריק און מיט דער אָפּשטויס־קראַפט פון אַנטוישונג זיך דערקײַקלט ביז צום גרענעץ פון נאַציאָנאַליסטישער און בִּכלל רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק. ד. בערגעלסאָן אָבער, וואָס האָט קינסטלעריש ניט באַוויזן אויפצונעמען דעם אויפבּרויז פון רעוואָלוציע, האָט פּאַקטיש אויך ניט געשילדערט די אַנטוישונג אין רעוואָלוציע. אין זײַנע ווערק איז מער וויי, ווי אַנטוישונג, מער שטילער אומעט, איידער פאַרביטערטקײַט, מער האַכנאָעדיקע רעזיגנאַציע, איידער כאַראַקטעדיקע צעבראָכנקײַט און אויפגעבראַכטע פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן פאַרפירט פיל שרײַבער אין די כסידישע זומפּן פון דער פאַרגאַנגענהײַט און אין די בעסמעדרעש־כורוועס פון דער קעגנוואַרט.

דעם פריִיִקן בערגעלסאָנען זײַנען געבליבן פרעמד אויך די שטימונגען פון יענע שרײַבער, וואָס האָבן קאָנצענטרירט זייער קינסטלערישע אויפמערקזאַמקײַט אַף די אַזוי־גערופענע „אייביקע" מאָטיוון — ליבע, עלנט, דער זין פון לעבן און טויט.

אַזוינע שרײַבער, אַשטייגער, ווי נאָמבערג, יוינע ראָזנפעלד א. אַנד., וואָס האָבן דאַן גענומען שטעלן די ערױטיק־פּראָבלעם אין צענטער פון זייערע ווערק, האָבן ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג בײַ בערגעלסאָנען. סײַ אין „אַרום וואָקזאַל", סײַ אין „נאָך אַלעמען", סײַ אין „אָפּגאַנג" לאָזט ניט בערגעלסאָן,

אז די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן זאָלן לעשן זייער צאָר און בענקשאַפט אין „פרײַער ליבע״, ווי אין נאָמבערגס „צווישן בערג״, אין יוינע ראָזנפעלדס „עלענדע״ (אין די „ליט. מאָנאַטשריפטן״), אָדער אין גנעסינס דערציילונגען, וואָס זײַנען לויט זייער גרונט־טאָן אין פלוג אַזוי ענלעך צו בערגעלסאָנס ערשטע זאַכן.

די פּערסאָנאַזשן פון „אַרום וואָקזאַל״, „נאָך אַלעמען״ און „אָפּגאַנג״ זײַנען ניט יענע ביליקע סקעפּטיקער און ניהיליסטן, וואָס מיט זיי איז געווען באַזונדערס פול די רוסישע ליטעראַטור פון נאָך 1905 יאָר.

דאָס זײַנען אויך ניט יענע מידע און צעבראָכענע פּאָליטישע טוער, וואָס האָבן געדאָרשט נאָך רו פריִער פאַר אַלץ און אום יעדן פּרײַז, ווי, אשטייגער, אַלעקסאַנדער און אַסיא אין ווײַטערס „דער שטומער״. בערגעל־סאָנס פּערסאָנאַזשן זײַנען ניט מיד פון לעבן, פאַרקערט, זיי האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן צו לעבן. בערגעלסאָן פירט אַרויס זײַנע פּערסאָנאַזשן דעמלט, ווען זיי זײַנען נאָך פול מיט אומרויִקע שטרעבונגען, זיי קאָנען זיך אָבער ניט באַפרידיקן ניט מיט „פרײַער ליבע״ און ניט מיט בלויזער אָפּלייקענונג פון דער רעוואָליוציע און פון דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכקײַט. ווײַל מער, ווי מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט, בלײַבן בערגעלסאָנס פּערסאָ־נאַזשן אומצופרידן מיט זיך אַליין. אַ באַזונדער געפיל פון שולדיקײַט, פון אייגענער געפאַלנקײַט און פאַרמישפּעטקײַט טראָגן מיט זיך שטענדיק אַרום קימאַט אַלע בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן. און אָט דאָס געפיל דריקט אַף זיי די גאַנצע צײַט און שוואַכט אָפּ זייער ווילן צו נעמען אַן אָנטייל אין עם קאַמף פאַר עקזיסטענץ באַגלײַך מיט אַנדערע, און אויך דעם ווילן צו אַקטיוויזירן דעם קאַמף מיט דער אַרומיקער פאַר זיי אומווירדיקער סוויווע.

פונוואַנען נעמט זיך אָט דאָס שולדיקײַט־געפיל? פונוואַנען שטאַמט אָט די טיפע אומצופרידנקײַט מיט זיך אַליין? מיט אַנדערע ווערטער: וואָס פאַר אַ באַזונדערן סאָציאַלן שיכט דריקט אויס בערגעלסאָן אין זײַן שאַפן? וועמעס באַזונדערע מאָרעשכוירע שילדערט ער אונדז אין זײַנע ווערק? דורך וועמעס אויגן קוקט בערגעלסאָן אַפּן אַרומיקן לעבן? אין וועמעס נאָ־מען שאַצט ער עס, אין וועמען און ווי זעט ער די באַפרײַענדיקע קראַפט פון דער אַרומיקער פּוסטקײַט און אומווירדיקײַט, וואָס ווערן מיט אַזאַ אומ־געהייערער קראַפט געשילדערט קימאַט אין אַלע בערגעלסאָנס ביזרעוואָליו־ציאָנערע ווערק?

קעדיי צו געפינען אַן ענטפער אַף אָט די אַלע פראַגן, מוזן מיר זיך צו־קוקן צו דער באַזונדערער קויכעס־פאַנאַנדערשטעלונג פון פאַרשיידענע שיכטן אין דער ייִדישער סוויווע אין יענער צײַט.

נאָך איידער מיר גייען צו צום אַנאַליז פון בערגעלסאָנס פרייִקע ביז־רעוואָליוציאָנערע ווערק, דאַרפן מיר וואַרפן אַ בליק אַף דער עפּאָכע, ווען

דידאָזיקע ווערק זײַנען געשאַפן געוואָרן, און באַזונדערס אַפּ די וויכטיקסטע ליטעראַרישע דערשײַנונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון דערדאָזיקער צײַט *).

*) אין דעם ווײַטערדיקן האָבן מיר אַבסאָליוט ניט בעדאַרפט צו געבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער עפּאָכע, וואָס צווישן די צוויי רעוואָליוציעס. מיר דערמאָנען דאָ בלויז איינצלנע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פאַקטן, וואָס האָבן אַ נאָענטע שײַכות צום ווײַטערדיקן אַנאַליז פון בערגעלסאָנס ווערק.

צווייטער קאפיטל.

די עפּאָכע, ווען ד. בערגעלסאָן איז אַרײַנגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

1

די יאָרן 1910 — 1907, ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן זײַנע ערשטע ווערק, דאָס זײַנען יאָרן פון גרויזאמער און אכזאָריעסדיקער רעאקציע. די צארישע רעגירונג, וואָס האָט צעקלאַפּט אין 1905 די ארבעטער־באוועגונג, וואָס האָט דערשטיקט אין 1906 די פויערשע אופשטאנדן, גייט אריבער אין 1907 אין אנטשיידנדיקן אָנגריף. די קאָנטער־רעוואָליוציע פארקלעמט דאָס גאנצע לאנד אין אן אײַזערנער קייט פון טעראָר און רעפּרעסיעס. אין שטאָט ווילדעווען די פעלד־מיליטערישע געריכטן, אין דאָרף — די שטראָף־עקספּעדיציעס. פילע הונדערטער און טויזנטער רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און פויערים זײַנען אופגעהאנגען און צעשאָסן געוואָרן, צענדליקער טויזנטער זײַנען פארשיקט געוואָרן אפ קאטאָרגע אָדער פארזעצט געוואָרן אין יאָרנלאנגער טפיסע.

די קלײנבירגערלעכע שיכטן, וואָס זײַנען פריער געשטאנען נאָענט צו דער ארבעטער־באוועגונג, האָבן איצט פארקערעוועט אפ צוריק. דערצו האָט גוירעם געווען, כוץ די צארישע פארפאָלגונגען, אויך דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט רויִנירט און אונטערגעדריקט דאָס קלײנבירגערטום. די קלײבירגערלעכע אינטעליגענץ, וואָס איז אין די יאָרן פון אופשטײַג געווען היפּש אקטיוו אין דער באוועגונג, איז איצט אנטוישט, פארצווייפלט און פאריִעשט. דידאָזיקע שטימונגען האָבן געפונען זייער בולעטסטן אויסדרוק אין פלעכאנאָווס באוווסטער פראזע: „מע האָט זיך ניט באדארפט נעמען פארן געווער“... די פארצווייפלונג דערפירט אייניקע פון זיי צו זעלבסטמאָרד, אנדערע דערגייען אפילע צו פאראט, צו פּראָוואָקאציע. די גרעסטע מערהײַט אָבער פון דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ ניכטערט זיך גיך אויס און הייבט אָן ביסלעכווײַז צו פארקערעווען אין דעם לאגער פון דער בורזשואזיע.

די אנטוישונג און פארצווייפלונג האָבן פארכאפּט אויך אייניקע אָפּגעשטאנענע טיילן פונעם פּראָלעטאריאט. בלויז די פאָדערשטע שיכטן פונעם ארבעטערקלאס האָבן זיך ניט פארלאָרן אין דערדאָזיקער שווערער צײַט און האָבן, אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס, זיך אָרגאניזירט און געגרייט זיך צום ווײַטערדיקן קאמף. לענינס ארטיקלען פון יענער צײַט קלינגען, ווי פריִער, מוטיק און איבערצײַגנדיק. זיי זײַנען פול מיט גלויבן אין דער נייטיקײַט פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף און אין דעם ענדגילטיקן ניצאָכן פון די ארבעטנדיקע איבער זייערע הערשערס און עקספּלואטאטערס.

וועגן דערדאָזיקער צײַט האָט לענין געשריבן שפּעטער, אין 1920, — אין זײַן בוך „קינדער־קראַנקײַט", קאַפּיטל „די הויפּט־עטאַפּן אין דער געשיכטע פון באָלשעוויזם" — אָט וואָס:

„די יאָרן פון רעאַקציע (1910 — 1907). דער צאַריזם האָט געזיגט. אַלע רעוואָליוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען זײַנען צעשלאָגן. יערידע, דעמאָראַליזאַציע, שפּאַלטונגען, צעשפּליטערונג, אָפּטרינײַקײַט, פּאָרנאָגראַפיע אָנשטאָט פּאָליטיק. אַ פאַרשטאַרקטע נייגונג צו פילאָסאָפישן אידעאַליזם; מיסטיציזם, ווי אַ צודעק פאַר קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע שטימונגען. אָבער אין דערזעלבער צײַט גיט גראָד די גרויסע מאַפּאַלע אַן עכטע און נוציקע לעקציע די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען און דעם רעוואָליוציאָנערן קלאַס, אַ לעקציע פון היסטאָרישער דיאַלעקטיק, אַ לעקציע פון פאַרשטיין און קענען די קונסט פון פירן אַ פּאָליטישן קאַמף. פרײַנט ווערן דערקענט בעשאַס אַן אומגליק. צעשלאָגענע אַרמייען לערנען זיך גוט... פון אַלע צעשלאָגענע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָליוציאָנערע אַרמייען זײַנען די באָלשעוויקעס אָפּגעטראָטן אין דער גרעסטער אָרדענונג, מיט דעם קלענסטן פאַרלוסט פאַר זייער „אַרמיי", מיט דער גרעסטער אײַנהײַטונג פון איר גרונט־קערן, מיט די קלענסטע (לויט דער טיפקײַט און אומהיילבאַרקײַט) שפּאַלטונגען, מיט דער קלענסטער דעמאָראַליזירונג, מיט דער גרעסטער פייִקײַט צו באַנײַען די אַרבעט וואָס ברייטער, ריכטיקער און ענערגישער" (לענינס ווערק, 3־טע אויפלאַגע, ב. 25, זײַטל 177).

אָט איז נאָך אַן אויסצוג פון לענינס אַן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן טאַקע אין דער עפּאָכע פון רעאַקציע, אין 1907. אין דער פּאָרעדע צו דער רוסישער איבערזעצונג פון קאַרל מאַרקס בריוו צו ל. קוגעלמאַנען שרײַבט לענין אָט וואָס:

„...די רוסישע אינטעליגענטן־מאַרקסיסטן... וואָס זײַנען געניגט צו טשוועדיקע רייד... זיי דאַרפן זיך לערנען באַם טעאָרעטיקער־פירער פונעם פּראָלעטאַריאַט (ד. ה. באַ מאַרקסן — מ.), וויאַזוי צו גלייבן אין דער רעוואָליוציע, וויאַזוי צו קענען רופן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז ער זאָל פאַרטיידיקן ביזן סאָף זײַנע אומיטלבאַר־רעוואָליוציאָנערע אויפגאַבעס, וויאַזוי צו בלײַבן באַ דער פעסטקײַט פון גײַסט, וואָס דערלאָזט ניט קיין קליינמוטיקע כליפּערײַ נאָך די צײַטווײַליקע דורכפאַלן פון דער רעוואָליוציע".

ווײַטער שרײַבט לענין:

„און דער איז קיין מאַרקסיסט ניט, ווער עס פאַרקריפּלט די טעאָריע, וואָס קאָנסטאַטירט די אָביעקטיווע לאַגע, אַפּ צו באַרעכטיקן דאָס עקזיסטירנדיקע, דערגייענדיק ביז צו דער שטרעבונג וואָס גיכער צוצופּאַסן זיך צו יעטווידער צײַטווײַליקער יערידע פון דער רעוואָליוציע, וואָס גיכער אוועקוואַרפן די „רעוואָליוציאָנערע איליוזיעס" און נעמען זיך פאַר „רעאַלער" ברעקלקלײַבערײַ" (крохоборство) (לענין, באַנד 10).

דאָ, ווי אויך אין פיל אנדערע ארטיקלען פון די רעאקציע־יאָרן, קעמפט לענין מיט דער גרעסטער איבערצײַגונג פאר די „רעוואָליוציאָנערע איליוזיעס". ער טרעט ארויס מיט דער גרעסטער שארפקײַט קעגן דעם קריכערישן אָפּאָרטוניסטישן „רעאליזם", וואָס האָט דאן פארפלייצט די רייען פון די קליינבירגערלעכע און, טיילווײַז, אויך פראָלעטארישע אינטעליגענטן־באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעווענדט פון דער שטורעמדיקער ארבעטער-באוועגונג און האָבן גענומען זיך קײַקלען צום קאלעמוטנעם, דערפאר אָבער שטילן און רויִקן ברעג פון דער „ניכטערער בורזשואזיע".

דעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם איז דאן אויסגעקומען צו פירן א קאמפ מיט דער רעאקציע ניט בלויז אין פראגן פון פּאָליטישער סטראטעגיע און טאקטיק, נאָר אויך אין אנדערע אידעאָלאָגישע געביטן, אין געביט פון פילאָסאָפיע, פון ליטעראטור.

אין די יאָרן פון רעאקציע האָבן אין דער פילאָסאָפיע געהערשט די אָנשוינגען פון דער בורזשואזיע. דידאָזיקע אָנשויונגען הייבן אָן צו פארשפרייטן זייער ווירקונג אויך אפן קליינבירגערטום און אפ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. אָנשטאָט מארקסן און ענגעלסן הייבט מען אָן צו שטודירן שטירנערן, שאָפּענהאוערן און ניטשען. דער אנארכיסטישער אינדיווידואליזם הייבט אָן ארויסצושטויסן די אידייען פונעם רעוואָליוציאָנערן קאָלעקטיוויזם.

דידאָזיקע אָנשויונגען הייבן אָן פארכאפן אפילע א טייל פון יענער אינטעליגענץ, וואָס איז אָקאָרשט געשטאנען גאָר נאָענט צום פּראָלעטאריאט. אין 1908 דערשײַנט א פילאָסאָפישע זאמלונג אונטערן נאָמען „עטיודן איבער דער פילאָסאָפיע פונעם מארקסיזם". אין דערדאָזיקער זאמלונג מאכן דורך באָגדאנאָוו, באזאראָוו און אנדערע א פאקטישע רעוויזיע פונעם מארקסיזם. זיי פרווון פארבײַטן דעם דיִאלעקטישן מאטעריאליזם אפ דער אידעאליסטישער פילאָסאָפיע פון ערנסט מאך. דעמאסקירנדיק אָט די אנטימארקסיסטישע פילאָסאָפיע, באווײַזט לענין אין זײַן בוך „מאטעריאליזם און עמפּיריאָקריטיציזם", אז דער מאכיזם איז די פילאָסאָפיע פונעם סוביעקטיוון אידעאליזם, וואָס פירט פאקטיש צו אגנאָסטיציזם און סאָליפּסיזם.

אין א יאָר ארום, אין 1909, דערשײַנט א צווייטע פילאָסאָפישע זאמלונג, די זאמלונג „וועכי", וואָס טראָגט שוין גאָר אן אנדער כאראקטער. אין „וועכי" איז אויסגעדריקט די אָפענע רעאקציאָנערע אידעאליסטישע פילאָסאָפיע פון דער אָנגרײַפנדיקער בורזשואזיע. דאָ, אין „וועכי", פריידיקן סטרווע, בערדיאיעוו און אנדערע רענעגאטן פונעם מארקסיזם דעם נאציאָנאליסטישן קאָלעקטיוויזם אָנשטאָט דעם מארקסיסטישן. זיי טרעטן ארויס קעגן דער דעמאָקראטיש־געשטימטער אינטעליגענץ, זיי רופן די אינטעליגענץ, אז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר אקטיווקײַט און זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון דער מאכט, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון דער נאציע, ד. ה. דער מאכט פונעם צאריזם... דאָ ווערט אָפן פארטיידיקט דער רעליגיעזער מיסטיציזם, עס ווערט דאָ

דורכגעמאכט אן איבערשאצונג פון די ווערטן אויך פון דער ניט לאנגער פאר־גאנגענהייט. עס ווערן אנטקרוינט בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי פאר זייער „אינטעליגענטישער מערידע", און עס ווערט געלויבט אין טאָג אריין דאָסטאָיעווסקי פאר זיין טשוווע טון, פאר זיין האכנאָעדיקייט און פאר זיין צוגעבונדנקייט צום „פאָלק" *).

די זאמלונג „וועכי", וואָס איז ארויס אין עטלעכע אופלאגעס, האָט גע־האָט א גרויסע ווירקונג אף די וואקלדיקע עלעמענטן פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ, וואָס האָט נאָך ביז דאן פארמאָגט געוויסע רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע שטימונגען. דער נאציאָנאליזם און שאָוויניזם הייבן אָן אינגאנצן באהערשן אָט דידאָזיקע אינטעליגענץ. אין 1910 קומט פאָר דער באוווסטער אינצידענט מיט אראבאזשינען און טשיריקאָוו: אף א פאָרלעזונג פון ש. אש'ס א פיעסע אין רוסיש („דער ייכעס" — „Белая кость") האָבן דידאָזיקע שרייבער דערקלערט, אז א יידישער שרייבער קען ניט פארשטיין די נעשאָמע פון א רוסישן מענטשן. פ. סטרוווע האָט אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארויסגע־זאָגט א מיינונג, אז די רוסישע ליטעראטור דארף שטרעבן צו באווייזן דעם „נאציאָנאלן פּאָנעם".

אָט אזוי זעען מיר, אז אין מעשעך פון גאָר א קורצער צייט האָט זיך די רוסישע ליבעראלע און אפילע די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטישע אינטעליגענץ, אין איר גרעסטער מערהייט, אָפּגעווענדט פון דער רעוואָליוציע. א טייל פון דערדאָזיקער אינטעליגענץ איז פארקראָכן און געבליבן שטעקן אין די זומפּן פונעם סוביעקטיוון אידעאליזם און אנארכישן אינדיווידואליזם. א צווייטער טייל גייט אוועק פיל ווייטער און שליסט זיך איין אין די רייען פון דער קעמפנדיקער נאציאָנאליסטישער רעאקציע.

אין דער ליטעראטור האָבן די קאמפן פאר און קעגן רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם אין די יאָרן פון רעאקציע געפונען זייער בולעטסטן אויסדרוק אין די זאמלונגען „זנאניע", וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאנען מאקסים גאָרקי, און „שיפּאָווניק" — אין שפּיץ מיט לעאָניד אנדרייעוון. אויף ביזן 1905־טן יאָר איז דער „געדאנקען־הערשער" („וולאסטיטעל דום") בא דער אינטעליגענץ געווען מאקסים גאָרקי, דער אוטער פון „בורעוועסטניק" (1901), איז איצט, נאָכן דורכפאל פון דער רעוואָליוציע, דער „געדאנקען־הערשער" שוין לעאָניד אנדרייעוו, דער אוטער פון „טמא" (1907). אָנשטאָט דעם רעוואָליוציאָנערן קאָלעקטיוון גייסט הייבט אָן צו הערשן דער גייסט פון דעם אנארכיסטיש־בונטארישן אינדיווידואליזם. עס הערשט די „סאנינשטשינע", וואָס פארפלייצט דאן די רוסישע ליטעראטור.

האנט־בא־האנט מיט דער „סאנינשטשינע" צעבליען זיך די שטרעבונגען פון „גאָט־זוכעריי" און מיסטיציזם, וואָס פירן צום נאציאָנאליסטישן מעשיכיזם (די ווערק פון אלעקסאנדער בלאָק, אנדריי בעלי א. א.). דער דעקאדענטישער

*) זע לענין, ב. 14, זייטן 217—223, דעם ארטיקל וועגן „וועכי".

סימוואָליזם און מאָדערניזם, וואָס זײַנען אופגעקומען אין דער רוסישער ליטעראטור נאָך אין די 90־קער יאָרן, באקומען איצט די אויבערהאנט אין דער ליטעראטור. עס ווערן דאן אויך גוואלדיק פארשפרייט די ווערק פון די מײַ־רעוו־אייראָפּייִשע סימוואָליקער און אימפּרעסיאָניסטן — מעטערלינק, איבסען, האמסון, אוײַלד א. א.

דער דרוק פון דער אידעאָלאָגיע פונעם הערשנדיקן קלאס, די „דיפוזיע", וואָס הערשט ביכלאל צווישן די פארשיידענע קלאסן פון דער געזעלשאפט, האָט זיך אין דער ליטעראטור פון יענעם פעריאָד געלאָזט באזונדערס שטארק פילן. אויב ביז דער רעאקציע האָבן אי אנדרייעוו, אי ארציבאשעוו, אי סאָ־לאָגוב, אי באלמאָנט סימפּאטיזירט דער ארבעטער־באוועגונג, איז איצט באווירקן, פארקערט, די מיסטיש־רעליגיעזע שטרעבונגען אויך א וואָסער ניט איז טייל פון דער פּראָלעטארישער אינטעליגענץ... אפילו אייניקע שרײַבער־באָלשעוויקעס — לונאטשארסקי, גאָרקי און אנד. — ווערן פארכאפּט אין א וואָ־סער ניט איז מאָס מיט דידאָזיקע שטימונגען און הייבן אָן פּריידיקן די אי־דייען פון „גאָט־בויונג" („באָגאָסטראָיִטעלסטוואָ"). דידאָזיקע אידייען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין גאָרקיס בוך „ווידע" (1908), און דאָס האָט ארויסגערופן לעניִנס שארפסטע קריטיק (זע לעניִנס בריוו צו גאָרקין פארן דאָזיקן פעריאָד).

דאָס זײַנען אָבער בלויז איינצלנע עפּיזאָדן אין גאָרקיס ליטעראַרישער טעטיקייט. אין גרונט איז מ. גאָרקי פארבליבן דער „שטורעם־אָנזאָגער" פון רעוואָליוציע אויך אין די רעאקציע־יאָרן, ער שרײַבט דאן זײַן רעוואָליוציאָ־נעריש־מונטערע דראמע „סאָנים" (1906), זײַן בארימטע דערציילונג „די מו־טער" (1907־1908) און נאָך אנדערע רעוואָליוציאָנערע ווערק. ער טרעט ארויס מיט זײַנע פּובליציסטישע ארטיקל „וועגן ציניזם" אין די זאמלונגען „ליטערא־טורני ראספאד", וווּ ער קעמפט קעגן גאָט, קעגן מיסטיק. ער זעצט אויך ווײַ־טער פאָר די ארבעט פון זאמלען אין „זנאניע"־אויסגאבעס די קאָלעקטיווע קויכעס פון די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן, וואָס זײַנען פארבליבן טרײַ דער רעוואָליוציע (סעראפימאָוויטש, סקיטאלעץ־פּעטראָוו, ווערעסײַעוו און אנ־דערע). אין דערזעלביקער צײַט זינקט דער „שיפּאָווניק" וואָס ווײַטער אלץ מערער אין די זומפּן פון דעקאדענטישן מאָדערניזם, אינדיווידואליזם, אנאר־כיזם און עראָטיזם, און די „רוסקאיא מיסל", וואָס פּ. סטרוווע איז איצט איר גרונט־מיטארבעטער, הייבט אָן אריבערצוגיין אפ די פּאָזיציעס פונעם רעאקציִ־אָנערן שאָוויניזם.

2

ווי אין דער רוסישער ליטעראטור און אין דער אוקראַיִנישער, האָט די רעאקציע אויך אין דער יִידישער ליטעראטור ארויסגערופן שטימונגען פון ייִעש, פארלאָרנקײַט, איניזיכיזם, מיסטיציזם און נאציאָנאליזם. די אלגעמיינע רעאקציע, וואָס האָט געווילדעוועט אין לאנד, האָט זיך אראָפּגעלאָזט מיט א

באזונדערער אכזאָריעס אַף די האָרעפּאַשנע ייִדישע מאַסן, וועמענ דער צאַריזם האָט זיך באַמיט צו דערקלערן פאַרן הויפּט־שולדיקן אין דער רעוואָליוציאָנער באַוועגונג. די פּילצאָליקע פּאָגראָמען, די אַכזאָריעסדיקע רעפּרעסיעס און דער מוירעדיקער קריזיס האָבן געווירקט דעמאָראַליזירנדיק אַפילע אַף יענע קליינבירגערלעכע שיכטן, וואָס זײַנען פריִער געשטאַנען גאָענט צו דער באַוועגונג. די פּילצאָליקע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צעפאַלן זיך.

די אינטעליגענץ, וואָס ווענדט זיך אָפּ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, הייבט אָן פאַרכאַפּט צו ווערן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. ווי אין די 80־ער יאָרן, איז די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ אויך איצט פאַרכאַפּט מיט „האשיוויינו־נאַזאַד"־שטימונגען. די אינטעליגענטן־באַלטשוועניקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף, האָבן גענומען זוכן אַזוינע מאַמענטן, וואָס זאָלן ניט צעשיידן, נאָר, פאַרקערט, פאַרייניקן אַרום זיך „דאָס גאַנצע פאָלק". אָט דידאָזיקע טענדענצן האָבן געפונען זייער בוילעטסטן אויסדרוק אין דער ייִדישיסטישער באַוועגונג.

אין 1908 איז פאָרגעקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט פּראָקלאַמירט ייִדיש אַלס א נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק. דאָ איז פאָרגעקומען די קאָנסאָלידאַציע פונעם נאַציאָנאַליסטישן קליינבירגערטום, וואָס האָט אין דער פּראָגראַם פונעם קעמפערישן נאַציאָנאַליסטישן ייִדישיזם געוואָלט פאַרייניקן אַלע דעמאָקראַטישע, אין טאָג קאָנסערוואַטיווע קויכעס פונעם קליינבירגערטום.

דער בוילעטסטער אויסדרוק פון דער „רענעסאַנס"־באַוועגונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײַט איז דער זשורנאַל „די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", דערשינען אין 1908, פעברואַל — מײַ. שוין דער באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע גופע איז זייער א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער עפּאָכע. די רעדאַקטאָרן זײַנען געווען — דער „לינקער" ציִאָניסט ש. גאָרעליק, דער בונדאָווער א. ווײַטער און דער עסעסאָווער ש. ניגער. פאַרייניקנדיק זיך אין איין רעדאַקציע, האָבן זיי דערמיט אונטערגעשטראָכן דאָס אַלגעמיינע, וואָס האָט זיי פאַרייניקט אין געגעבענעם מאָמענט, און וואָס איז געווען פיל שטאַרקער, איידער יענע כלוקעדייעס, איבער וועלכע מע האָט זיך אָקאָרשט געריסן... אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון ייִעש, פאַרלאָרנקײַט, אונטערגעדריקטקײַט און פאַסיווקײַט, וואָס האָט דאַן געהערשט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן זיך די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" געפּרוווט דורכרײַסן מיט א מונטערן טאָן, אויפהייבנדיק די פאָן פון „נאַציאָנאַלער אויפלעבונג" אין דער ליטעראַטור.

מירן ברענגען א ציטאַטע פון דער פאָרעדע צו די „ליט. מאָנאַטשריפטן", כדי קלאָר צו מאַכן די אײַנשטעלונג פון אָט דעם זשורנאַל.

„...די ליטעראַטור קען קיין קיִעם ניט האָבן, אויב זי שטיצט זיך אַף א ווייניק־אַנטוויקלטן לעזער... די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך ביז דער

לעצטער צײַט געהאלטנ נאָר אפ אזעלכע לעזער־שיכטנ... די אינטעליגענץ האָט אינ דער נאציאָנאל־קולטורעלער ארבעט קימאט קײנ אָנטײל ניט גענומענ".

דאָ ווערט, אזויארום, שארפ אָנגעמערקט א קורס אפ די העכערע שיכטנ פונ דער ייִדישער באפעלקערונג. דער זשורנאל שטרעבט צו אָריענטירנ זיכ איבערהויפּט אפ דער אינטעליגענץ, אונ ניט אפ דעמ „ווײניק־אנטוויקלטנ לעזער", דאָס הײסט אפ די ארבעטנדיקע מאסנ, ווי דאָס איז געווענ אינ דער צײַט פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג. אונ ווײַטער שרײַבנ די רעדאקטאָרנ:

„אפנ פּאָליטישנ אונ עקאָנאָמישנ כורבנ פונ ייִדישנ לעבנ באווײַזנ זיכ, אָנ צווייפל, שפּראָצונגענ פונ קולטור־רענעסאנס.... די האלב־אסימילירטע אינטעליגענץ הײבט אָנ בענקענ נאָכ קולטורעלער זעלבשטענדיקײַט, נאָכ אײגענע קולטור־ווערטנ, הײבט זיכ אָנ שלעכט צו פילנ בא דער פריִערדיקער באָדנלאָזיקײַט, בא דער באלײדיקנדיקער נאציאָנאלער זעלבסטנעגאציע... סימאָנימ פונ קולטור־אופלעבעניש באווײַזנ זיכ אויכ אינ לעבנ פונ יענע פּאָלקס־שיכטנ, אפ וועלכע די ייִדישע ליטעראטור האָט זיכ ביז דער לעצטער צײַט אויסשליסלעכ געהאלטנ... די אײגנארטיקע אומנאָרמאלע באדינגונגענ האָבנ צעבראָקלט די סאָציאל־פּאָליטישע ריכטונגענ אינ ייִדישנ פּאָלק, פארשארפט זײערע ווינקלענ אונ געמאכט זײ ניט לעפּיִערעכ פײַנטלעכ אײנע צו די אנדערע. דער אנטשטײענדיקער קולטור־רענעסאנס פּאָדערט, אז אפנ באָדנ פונ דעמ קולטור־שאפנ זאָלנ פאראײניקט ווערנ אלע לעבעדיקע קרעפטנ פונ פּאָלק. „פּארפּעסטיקנ אונדזערע נאציאָנאלע באלסטיאָנענ!"—דאָס איז דאָס שלאָג־וואָרט, וואָס הענגט אינדערלופטנ. דער ציל פונ די „ליטעראַרישע מאָנאטשריפטנ" איז צו ...רײַכער מאכנ אונדזער גײַסטיקע וועלט, פארגרעסערנ אונדזער קולטור־אײגנס, אויספײַנערנ דעמ געשמאק פונ דעמ אלטנ לעזער אונ געווינענ נײַע".

אינ דערדאָזיקער פּאָרעדע האָבנ מיר בוילעט אויסגעדריקט די שטרעבונג צו פאראײניקנ אלע „פײַנטלעכע סאָציאל־פּאָליטישע ריכטונגענ אינ ייִדישנ פּאָלק" אונטער אײנ פּאָנ, אונטער דער פּאָנ פונ „קולטור־רענעסאנס". די פּאָרעדע רופט „ארומצוטעסענ" די פארשארפטע ווינקלענ פונ סאָציאלנ קאמפ אונ צו פאראײניקנ זיכ אונטער דער אלגעמײנער נאציאָנאליסטישער ציל־אײַנשטעלונג, צו פארגרעסערנ דעמ קולטור־אײגנס, דעמ ליטעראַרישנ אײגנס אינ דער ערשטער רײ. די אינטעליגענטנ־באלטשוועניקעס, בא וועמענ „די אלטע געטער זײַנענ שוינ לאנג צעשטערט" (פונ דער פּאָרעדע), האָבנ גענומענ שאפנ פאר זיכ א נײַעמ גאָט, א ליטעראַרישנ...

אינעמ זעלביקנ גײַסט אונ נאָכ מיט מער קלאָרקײַט איז געשריבנ י. שיפּערס ארטיקל אינ די „ליטעראַרישע מאָנאטשריפטנ" — „וועגנ דעמ ייִדישנ רע-

נעסאָנס״ — א גרויסער ארטיקל, וואָס האָט זיכ צעצויגנ איבער 2 נומערנ (2־טער אונ 4־טער). דאָ האָבנ מיר שוינ ניט בלויז אנ אלגעמיינע נאציאָנאַליסטישע קולטור־פּראָגראם, נאָר אויכ א בוילעט־אָנגעוואָרפענע פּראָגראם, וואָס פּרווט אָנמערקנ די צילנ אונ מעטאָדנ פונעם ליטערארישנ שאפנ אונ וואָס דער מעכאבער שטעלט זי ארויס אלס ציל־איינשטעלונג פאר דער גאנצער דעמלטיקער יידישער ליטעראטור. מירנ ברענגענ א לענגערע ציטאטע פונ אָט דעם פּראָגראמאטישנ ארטיקל:

„וווהינ שווימט די שיפ פונ אונדזער ליטעראטור? — אינ א פּאר־העלטניסמעסיק קורצער צייט האָט דאָס יידישע שאפנ איבערגעלעבט אינ זיינ דראנג נאָכ פריי ווערנ דעם פּעריאָד פונ אופקלערונג. . דער־נאָכ איבערגעגאנגענ אינעם צושטאנד פונ דער פּאטאָלאָגישער „מאָדער־נע״, אינ דעם צושטאנד פונ איבערגערייצטנ סוביעקטיוויזמ... א רעאק־ציע אנטקעגנ דעם איבערגערייצטנ סוביעקטיוויזמ אנטפּלעקט זיכ אינ דער מאָדערנער יידישער דראמע. דער ווילנ צו דראמע איז פאר אונדז א סימענ, אז דער יידישער קינסטלער גייט פונעם צופעליקנ צומ אל־געמיינ גילטיקנ, פונעמ עמפּיריזמ, פונ איינצלנע פאקטנ צומ סינטע־טישנ... די „ניי־אנטדעקונג״ פונעם כאסידיזמ איז א סימענ, אז אונדזע־רע קינסטלער ווילנ זיכ אָפּשאָקלענ פונעמ געגנווארטיקנ מאָמענט... דער וועג צו דער נאציאָנאלער קונסט פירט דורכ דעם וואקסנדנ פאראנטוואָרטלעכקייט־געפיל פונעמ קינסטלער, דורכ דעם טיפנ אינוויי־ניקסטנ קאמפ, אינ וועלכנ ער שטרעבט צו באקעמפנ זיינ אינדיווידועלע צופעליקייט, קעדיי צו דערציענ אינ זיכ דעם „זאָל״ פונ דער נאציע...

ווי מיר זעענ, איז י. שיפער אינ זיינ קאָנקרעטער ליטערארישער פּראָגראמ אוועק פיל וויטער, איידער די פּאָרעדע פונעמ זשורנאל. די רעדאקטאָרנ פונ די „ליט. מאָנאטשריפטנ״ שטעלנ דעם טראָפּ גראָד אפ דער „מאָדערנע״. אינ די „ליט. מאָנאטשריפטנ״ קולטיווירט מענ האמסונענ, וויספּיאנסקינ אונ אנדערע שרייבער־מאָדערניסטנ, וואָס צייכענענ זיכ גראָד אויס מיט זייער איבערגע־שפּיצטנ אינדיווידואליזמ אונ „איבערגערייצטנ סוביעקטיוויזמ״. די רעדאקטאָרנ פונ די „ליטמאָנאטשריפטנ״ האָבנ זיכ, קאָנטיק, געהאלטנ באמ לאָזונג פונ „קונסט לעשעמ קונסט״. זיי האָבנ געשטרעבט צו מאכנ דעם זשורנאל פאר א „מאָקעמ־מיקלעט״ (א רעטונג־פּלאצ) פאר פּאָליטישע רענעגאטנ אונ דעזערטירנ. זיי האָבנ סוביעקטיוו געשטרעבט צו אפּאָליטיזמ אינ דער ליטעראטור. י. שיפער, פארקערט, שטרעבט שוינ באוווסטזיניק אויסצונוצנ די ליטעראטור ווי אנ אקטיוו געווער פונ קלאסנקאמפ אינ די אינטערעסנ פונ דער בורזשו־אזיע. בא י. שיפערנ איז שוינ שארפ אונ בוילעט אָנגעמערקט די אקטיווע רעאקציאָנערע נאציאָנאליסטישע טאט־פּראָגראמ. דאָס אינדיווידואליסטישע ווערט דאָ אונטערגעוואָרפנ ניט דעם סאָציאלנ קאָלעקטיוו, וואָס קעמפט פאר א נייער וועלט (ווי דאָס פאָדערט אופ דער רעוואָלוציאָנערער מארקסיזמ),

נאָר דעם נאַציאָנאַלן קלאַל, וואָס קלאַמערט זיך פאַר דעם אַלטן, וואָס שלעפּט אָפּ צוריק.

פאַר אַזאַ רעאַקציאָנערער פּראָגראַם איז נאָך דעמאָלט, קאָנטיק, דער באָדן געווען ניט גענוג צוגעגרייט. ערשט אין 1912 ווערט אָנהייבן דערשייַנען אין פּעטערבורג די „ייִדישע וועלט", וווּ מיר לייענען אין דער פּאָרעדע אַזוינע געדאַנקען, וואָס אַנטוויקלען ווייַטער און קאָנקרעטיזירן שיפּערס פּראָגראַם:

> „אין אַ שווערן און טרויעריקן מאָמענט טרעטן מיר אַרויס פאַר דער ייִדישער עפנטלעכקייט... די שרעקלעכע דעמאָראַליזאַציע פון די העכערע קרייַזן הייבט זיך אָן אַריבערטראָגן אין די מיטעלע און אונטערשטע שיכטן פון פאָלק און מאַכט אויך דאָרט אַ חורבן. קעגן דערדאָזיקער דעמאָראַליזאַציע מוז ןעפירט ווערן אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקער קאַמף, וואָס מוז ברענגען צו ווייַטערדיקע ניצחונעס פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק... די גאַנצע דערציִונג זאָל געפירט ווערן אינעם גייַסט פון די העכסטע און שענסטע אידעאַלן פונעם ייִדנטום".

אינעם לעצטן זאַץ האָבן מיר קימאַט אַ בוכשטעבלעכע איבערכאַזערונג פון שיפּערס פּראַזע—„קעדיי צו דערציִען אין זיך דעם „זאָל" פון דער נאַציע". אָבער שיפּער האָט גערעדט צום יאָכיד, די „ייִדישע וועלט" ווענדט זיך שוין צום גאַנצן קלאַל. אין 1912, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן ווידער אופצולעבן, האָט די פּעטערבורגער ייִדישע בורזשואַזיע זיך צוגעייַלט נעמען אָפּ זיך די זאָרג צו דערציִען „די מיטעלע און אונטערשטע שיכטן פון פאָלק", דערציִען זיי אינעם „גייַסט פונעם ייִדנטום" און דערמיט אָפּווענדן זיי פון סאָציאַלן קאַמף.

אָבער אויך די פּראָגראַם פון דער „ליטמאָנאַטשריפטן"־פּאָרעדע, די „קונסט צוליב קונסט"־פּראָגראַם, האָט ניט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן אין דער פולער מאָס. דער אידעאַל פון די „ליט. מאָנאַטשריפטן" איז געווען שאָלעם אַש, דער „נאָווי פון דער ערד", ווי ניגער האָט אים געקרוינט. געהערשט אָבער האָט אינעם זשורנאַל ד. אייגנהאָרנס „בענקשאַפט" און מענאַכעמס „טפּילעס". די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" האָבן פּראָקלאַמירט רענעסאַנס. דער גרונט־טאָן אָבער פון די ביכער איז — „פינצטערניש", „וואַנדער־טרוימען", „אומעט" און „טפילעס".

און דאָך זייַנען די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אופגענומען געוואָרן מיט צופרידנקייַט דורך דער דעמאָלטיקער קריטיק.

אויב עס האָט זיך שוין יאָ ערגעץ־ווו דורכגעריסן פון לינקס אַ שטים פון פּראָטעסט קעגן דעם עצעם גייַסט פון דער דעקאַדענטישער ליטעראַטור, האָט דערדאָזיקער פּרווו זיך אָנגעשטויסן אָפּ דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד פון דער דעמאָלטיקער נאַצמענשעוויסטישער קריטיק *).

*) זע, אַשטייגער, מ. אָלגינס בוך „אין וועלט פון געזאַנגען", ז. 46. דאָרט ווערט געבראַכט אַ ציטאַטע פון איינעם אַ שרייַבער, וואָס קריטיקירט די „ליט. מאָנאַטשריפטן" — „פון פּראָלעטאַ־

דער בעלעטריסטישער טייל אין דער דעמלטיקער נאצמענשעוויסטישער פּרעסע שטעלט מיט זיכ פאָר א נאטירלעכנ העמשעכ פונ די „ליט. מאָנאט־שריפטנ". אזוי, אשטייגער, טרעפנ מיר אינ דער בונדיסטישער פּעריִאָדישער אויסגאבע „די נײַע צײַט" פאר 1908 י. א העמשעכ פונ מ. זילבורגס „פינצטער־ניש". ד. אײַנהאָרנ זעצט דאָ פאָר זײַנע „אומעט"־לידער, אונ אָנויכי — זײַנע סקיצנ, פולע מיט שרעק פארנ לעבנ.

א באזונדער מאָדנעמ אײַנדרוק מאכט דער צווייטער נומער פונ דער „נײַער צײַט". דאָ טרעפנ מיר אנ ארטיקל, געווידמעט קארל מארקס 25־סטנ יאָרצײַט, אונ גלײַכ נאָכ דעמ פערעצעס א ליד „פיר שטימענ", ווו מיר לייענענ: „אונ איז אונטערגעגאנגענ... אונ פארשווונדנ איז דער טרוימ". גראָד דעמ יאָרצײַט פונעמ פירער פונ דער ארבעטער־באוועגונג דערמאָנט מענ מיט א ליד, וואָס רעדט וועגנ „פארשווונדענע טרוימענ". נאָכדעמ גייט ווידער אנ ארטיקל וועגנ קארל מארקסנ אונ אונטער דעמ אײַנהאָרנס א ליד:

„די שכינע אָטעמט אָפּ אינ טיפנ בלויענ רוימ:
א שמייכל שוועבט אפ איר פארטרויערט־בלאסנ פּאָנעמ,
אונ אפ דער געסל רוט א בענקענדיקער טרוימ".

קארל מארקס פאָרט זיכ אינ „דער נײַער צײַט" מיט בענקענדיקע טרוימענ אונ מיט דער פארטרויערטער שכינע...

דאָס זעלביקע בילד טרעפנ מיר אויכ אינ „לעבנ אונ וויסנשאפט" אונ אינ אנדערע ראדיקאלע אויסגאבעס *).

דער דעקאדאנס האָט, אזויארומ, דאנ פארגעבנ דעמ טאָנ אינ דער גאנצער יִדישער ליטעראטור, אונ די „ליטערארישע מאָנאטשריפטנ" האָבנ דאָ גאָרנישט ניט מעכאדעש געווענ. דאָס נײַס, וואָס די „ליטערארישע מאָנאטשריפטנ" האָבנ געזאָלט מיט זיכ ברענגענ, דאָס איז „רענעסאנס", נאציִאָנאליסטישער פּאטאָס, נאציִאָנאליסטישע ראָמאנטיק, נאציִאָנאליסטישער אָפּטימיזמ אונ ביטאָכנ. אָבער דאָס אלצ האָט זיכ אויסגעפורעמט אינ א רײ גרעסערע קינסטלערישע ווערק ערשט שפּעטער.

רישנ שטאנדפּונקט". מ. אָלגינ טרעט ארויס קעגנ דעמדאָזיקנ שרײַבער מיט דער שארפסטער קרי־טיק אונ פארטיידיקט די דעקאדענטישע ליטעראטור. דעמ שרײַבערס נאָמענ, ווי אויכ דעמ נאָמענ פונ זײַנ ארטיקל, גיט מ. אָלגינ אינ זײַנ בוכ ניט אָנ. ווי באוווסט, האָט זיכ כ' אָלגינ שוינ לאנג אָפּגעזאָגט פונ זײַנ פעלערהאפטיקנ בוכ.

*) מיר שטרײַכנ נאָכאמאָל אונטער, אז מיר האָבנ דאָ ניט געהאט בעדייע צו באהאנדלענ די ליטערארישע עפּאָכע, וואָס צווישנ די צוויי רעוואָליוציעס. דאָס איז א ספּעציִעלע טעמע, וואָס פאָדערט א באזונדערע אויספאָרשונג. צוליב דערדאָזיקער טעמע וואָלט אומבאדינגט נייטיק געווענ ספּעציִעל אונ באזונדערס פאָרשנ די יִדישע אמעריקאנישע פּרעסע. מיר האָבנ דאָ בעקיוונ אויס־געמיטנ די אמעריקאנישע ליטעראטור, ווײַל אונדז איז בלויז וויכטיק געווענ פעסטצושטעלנ אינ די סאמע גראָבסטע שטריכנ די ג ר ו נ ט־ט ע נ ד ע נ צ נ פונ דער יִדישער ליטעראטור אינ רוס־לאנד, די ליטעראטור, וואָס האָט אומיטלבאר ארומגערינגלט בערגעלסאָנענ אינ די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ שאפנ.

פון די „ליט. מאָנאטשריפטן" ביז דער „יידישער וועלט", פונעם באַהע־מישן דעקאדאנס ביזן „זאָל" פון דער נאציע — דאָס איז געווען די עוואָלו־ציע, וואָס ס'האָט געזאָלט דורכמאכן די יידישע ליטעראטור.

אָבער ביז דער אנטשיידענער אָנגרײַפנדיקער רעאקציע פון דער „יידישער וועלט" האָט נאָך די יידישע קליינבירגערלעכע געזעלשאפטלעכקייט געדארפט דורכמאכן געוויסע עטאפּן. זי האָט געדארפט ביז לעצט אויסלעבן אירע פרי־ערדיקע „איליוזיעס". זי האָט געדארפט זיך ענדגילטיק צעזעגענען מיט דער פריערדיקער אָריענטאציע אַף די ברייטסטע ארבעטער־מאסן און זיך צוגעוווי־נען אָנצופירן מיט דידאָזיקע מאסן האנט־בא־האנט מיט דער רעאקציע און אינעם גײַסט פון דער יידישער רעאקציאָנערער בורזשואזיע.

אָנמערקן אַלע צווישן־עטאפּן, וואָס דאָס יידישע קליינבירגערטום און מיטלבירגערטום האָט דורכגעמאכט אַפן וועג פון די „ליט. מאָנאטשריפטן" ביז דער „יידישער וועלט", דאָס איז אויסער די ראמען פון אונדזער קורצן סכעמאטישן איבערזיכט. די אַלגעמיינע ריכטונג אין דער יידישער ליטעראטור איז דאָ די זעלביקע, וואָס מיר האָבן געזען אין דער רוסישער ליטעראטור: פון דער ארבעטער־באוועגונג דורך דעם אנארכיסטיש־בונטארישן אינדיווידוא־ליזם צום רעאקציאָנערן נאציאָנאליזם און שאָוויניזם. מירן דאָ נאָר ברענגען בלויז איין בײַשפּיל, וואָס צייכנט שארף אָן דידאָזיקע ליניע און וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער צײַט, ווען ד. בערגעלסאָן איז ארײַנגעטראָטן מיט זײַנע ערשטע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור.

אין 1910 איז י. ל. פּערעץ, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פון אַלעמען אנערקענטער אווטאָריטעט און פירער פון דער יידישער ליטעראטור, ארויסגע־טראָטן אין „פרײַנד" מיט אַ סעריע ארטיקלען אונטערן נאָמען „וואָס פעלט אונדזער ליטעראטור?". אָט וואָס מיר לייענען דאָרטן:

„וואָס פעלט אונדזער ליטעראטור? צום אַלעם ערשטן — טראדיציע... קונסט א"ז די נעשאָמע פון פאָלק, די נאציאָנאַלע פּערזענלעכקייט... די פּערזענלעכקייט, די נעשאָמע פון פאָלק ווערט באשטימט דורך טראדי־ציע. גייט מיט אַ ליכט און זוכט אין אונדזער ליטעראטור טראדיציע: איר וועט ניט געפינען. איר הערט אינערגעץ ניט דעם אָפּקלאנג פון די קוילעס אַפן בארג סיני. איר זעט ניט דעם אָפּגלאנץ פון דער שכינע איבער קרווים. פארשטומט איז דאָס פּראָפעטישע וואָרט... קיין קלאס אין פאָלק האָט ניט קיין אויסשליסלעכע רעכט, קיין מאָנאָפּאָל אַף יידיש... צוריק צו דער ביבל... צוריק צום זיכערסטן פונקט — און פון דאָרט צום מענטש" („דער פרײַנד" פאר אַפּרעל 1910, נומ. 93 — 88).

דאָ האָבן מיר פאר זיך קלאָר און דײַטלעך אויסגעדריקט די פּראָגראם פונעם סאַמע רעאקציאָנערסטן נאציאָנאליזם און שאָוויניזם.

אינגיכן נאָכן אָפּדרוקן זײַנע ארטיקלען קומט י. ל. פּערעץ אראָפּ קיין קיעוו און לייענט דאָ אַ פאָרטראָג וועגן דער יידישער ליטעראטור, — אויך

אינעם זעלביקן גײַסט און נאָך מיט מער טאַקיפּעס. אין „פרײַנד“ נום. 100 לייענען מיר וועגן דעם א באריכט. אָט איז אן אויסצוג פונעם באריכט, ווו עס ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פונעם פאָרטראָג:

„...צוויי קולטורן זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט: די מיזרעך־קולטור — די ייִדישע און די מײַרעוו־קולטור — די איצטיקע וועלט־קולטור. די צוויי קולטורן מוזן זיך באגעגענען אין קאמפּ. וועלכע פון זיי וועט זיגן? פאלן וועט די שטאַרקערע, די מעכאַנישע, די וועלטהערשערן, און די שוואַכערע, די ייִדישע, די מיזרעך־קולטור וועט נעמען די אויבערהאַנט. דער לעצטער ניצאָכן בלײַבט פארן שוואכערן, אזוי איז געוועזן באַם קאמפּ פון גאָליאַס האפּלישטי מיט דאָווידן... נישט אויס ראָמאַנטישער ליבע צום אלטן זײַנען געשאַפן געוואָרן „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. דאָס איז א באַוווּסטזיניקע, סאָציאַל־ייִדישע ארבעט, אונטערגענומען צום צוועק — צו פאַרייניקן די פאַרגאַנגענהײַט דורך דער קעגנוואַרט מיט דער צוקונפט... אז דער מענטש וועט זיך אוועקשטעלן העכער פון דער עקאָנאָמיק, וועט אופלאַקערן דער קאמפּ פון אָנזיכטן און איבערצײַגונגען, און דאַן — דאַן וועט קומען אונדזער ניצאָכן“.

דאָ האָבן מיר דעם מיסטישן אידעאַליזם, געקייפּלט אַפן אטאָבעכאַרטאָנעדיקן מעשיכיזם. עס ווערט דאָ ווידער אופגעלעבט דער אוראַלטער ביבלישער געדאַנק וועגן דעם, אז דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף פאַרשפּרייטן זײַן ליכט אַף אַלע פעלקער, דער געדאַנק וועגן א מאָשיִעך־פאָלק, א גײַסט־פאָלק, דער רעאַקציאָנערער געדאַנק, וואָס אים האָבן געפּריידיקט מוישע ראַביינו און אכאַד־האָאָם, יעשײַע האַנאָווי און שימען דובנאָוו... אינעם באריכט ווערט צוגעגעבן:

„לאַנגע אָוואַציעס זײַנען געווען אַן ענטפער אַף דער רעדע. מע האָט פאָרגעלעזן עטלעכע פון פּערעצעס זאַכן. דערנאָך האָט אים דאָס אוידיטאָריום אַרויסגעטראָגן פון זאַל אַף די הענט“.

אָט וואָס פאַרא שטימונגען עס האָבן געהערשט צווישן דער קיִעווער ייִדישער אינטעליגענץ, צווישן וועלכע עס האָט געוווינט און געשאַפן אויך ד. בערגעלסאָן אין 1910 יאָר.

י. ל. פּערעצעס פּראָגראַם האָט אַרויסגערופן, עמעס, דערווידערונגען. נאָמבערג און ניגער פּרווון זיך קעגנשטעלן קעגן דערדאָזיקער פּראָגראַם, — דער ערשטער שאַרפער, און דער צווייטער שוואַכער. ה. ד. נאָמבערג באצייכנט אפילע פּערעצעס פּראָגראַם, ווי א פּריידיקונג פון „הויקעריזם“ (זע דעם „פרײַנד“ נום. 105, 117 א. אנד. פאַר 1910). צו יענער צײַט זײַנען נאָך די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע שטימונגען צווישן אייניקע שיכטן פונעם ייִדישן קליינבירגערטום ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן, אָבער סאָפקאָלסאָפּ האָט זיך ש. ניגער אין 1913 געשטעלט אין שפּיץ פון דער „ייִדישער וועלט“, און נאָמבערג האָט אינעם זעלביקן יאָר אָפּגעדרוקט דאָ זײַן אויסערסט רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע דראַמע — „די מישפּאָכע“.

די קויכעס פונעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם זיינען אין דער יידישער סוויווע געווען פיל שוואכער, איידער אין דער רוסישער סוויווע. דער באָדן פארן שאָוויניזם איז דאָ, אדאנק די פאָגראָמען און רעדיפעס, פיל שטארקער. קיין קעגנגיפט קעגן דער רעאקציע האָט די יידישע ליטעראטור ניט געשאפן, דאָ האָבן מיר ניט געהאט אזא בינע, ווי „זנאניע" און שפעטער די באָלשעוויסטישע זשורנאלן „פראָסוועשטשעניע" און אנד., וווּ עס זאָלן זיך זאמלען און דערצויגן ווערן די קאָלעקטיוויסטיש-רעוואָליוציאָנערע קויכעס אין דער יידישער ליטעראטור. און פערעצעס בארגסיניי-שטים האָט געזיגט...

מיר האָבן דאָ געפרווט אָנווארפן א פאָר כאראקטעריסטישע שטריכן פון דעם רעאקציע-פעריאָד, קעדיי פאר אונדז זאָל קלאָר ווערן דער אלגעמיינער פאָן פון דער דעמלטיקער יידישער ליטעראטור. און איצט וועלן מיר צוטרעטן צום גענויעם אנאליז פון בערגעלסאָנס ווערק.

דריטער קאַפּיטל.

ד. בערגעלסאָנס ערשטע ווערק — אײניקע אַלגעמײנע שטריכנ. „ארום וואָקזאַל"

1

מיר וועלנ זיכ אָפּשטעלנ פריִער פאַר אַלצ אַפ די גרעסערע ווערק פונ בערגעלסאָנס ערשטנ פעריִאָד — אַפנ „ארום וואָקזאַל", „נאָכ אַלעמענ" אונ „אָפּגאַנג"*).

ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס דידאָזיקע ווערק זײַנענ ביז גאָר פאַרשײדנ סײַ לויט זײער טעמאַטיק, סײַ לויט זײערע צענטראַלע פּערסאָנאַזשנ, האָבנ זײ דאָכ צווישנ זיכ זײער פיל געמײנזאַמעס, אונ ס'איז דערומ צוועקמעסיק צו באַהאַנדלענ זײ צוזאַמענ.

דאָס געמײנזאַמע איז אָט די אַלע דרײַ ווערק באַמערקנ מיר פריִער פאַר אַלצ אינ דער ענלעכקײַט צווישנ אײניקע פונ זײערע פּערסאָנאַזשנ. צומ בײַ־שפּיל, אינ קלאַרענ, אוראָמטשיק קויפמאַנס פרוי פונ „ארומ וואָקזאַל", האָבנ מיר שוינ אַנ אָנצוהערעניש אַפ מירעלענ פונ „נאָכ אַלעמענ". דער קאַסיר ייִצ־כאָק־בער, דער כאַקרענ אונ אַפּיקוירעס, וואָס לעבט ניט בעשאָלעמ מיט זײַנ קראַנקער פרוי („אָפּגאַנג"), דאָס איז אַ וואַריִאַנט פונ בײנעש רובינשטײנ („ארומ וואָקזאַל"). אַ קלײנשטעטלדיקער לערער, וואָס איז פאַרליבט אינ אַ גויִריש מײדל, צו וועלכער ער קענ ניט דערגרײכנ, דידאָזיקע פיגור פונעמ שפּעטערדיקנ טאַלמעטוירע־פּאַרוואַלטער אינ „אָפּגאַנג" ווערט שוינ דערמאָנט אינ „נאָכ אַלעמענ" **). די קורסיסטנ עסטער פינקעל אינ „נאָכ אַלעמענ" אונ די פרײַע צוהערערנ עסטער פיכ אינ „אָפּגאַנג" קאָנענ אויכ באַטראַכט ווערנ, ווי אײנ פיגור. דערופ זאָגט אײדעס, אַגעוו, אויכ די ענלעכקײַט פונ זײערע נעמענ.

*) ווי דערמאָנט שוינ, האָט בערגעלסאָנ אָנגעהויבנ שרײַבנ „אָפּגאַנג" נאָכ אינ 1913 יאָר.

**) „נאָכ אַלעמענ", ז. 172 — 173, ווו עס ווערט דערציילט וועגנ טרונק בראָנפנ בא דער אַקושאָרקע שאַצ. דידאָזיקע סצענע אינגאַנצנ גענומענ דערמאָנט דעמ טרונק בראָנפנ באַמ טאַלמע־טוירע־פּאַרוואַלטער פרעגער — אינ „אָפּגאַנג".

געמיינזאמע שטריכן קאָן מען אויך געפינען צווישן דעם העברעיִשן דיכ־
טער הערצ („נאָך אלעמען") מיט כאים־מוישען („אָפּגאנג").

אָבער ניט דאָס איז דער איקער. עס גייט דאָ ניט בלויז אין איינצלנע פיגורן און סיוזשעטישע דעטאלן, וואָס ציִען זיך פון איין ווערק צום צווייטן. עס גייט אין דעם, וואָס די גאנצע פסיכאָ־אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונג פון אָט די אלע דרײַ ווערק איז איינע און דיזעלביקע. אין „אָפּגאנג" האָבן מיר ווי א מין סאכאקל, א לעצטע שורע פון יענעם „כעזשבן האנעפעש", פון יענעם גאנצן געמיט־צושטאנד און לעבנס־גאנג — אָדער גיכער לעבנס־גליווער, ווען עס האנדלט זיך וועגן א פריִיִק בערגעלסאָניש ווערק, — וואָס ווערט שוין אָנ־געמערקט אין „ארום וואָקזאל".

וואָס פאר א גרונט־שטריך באמערקן מיר אין אָט די אלע ווערק?

ערשטנס, דאָס לעבן, וואָס ווערט געשילדערט אין אָט די ווערק, איז א פוסטס און אומווירדיקס, א גליווערנדיקס און שטייענדיקס. די ארומיקע סוויווע, וואָס מיט איר רינגלט ארום בערגעלסאָן זײַנע פערסאָנאזשן, פארמאָגט ניט אבסאָליוט קיינע געזעלשאפטלעכע שטרעבונגען און באוועגונגען. די פער־זאָנען ווערן געשילדערט אָפּגעזונדערט איינער פון דעם צווייטן אפילע אינעם פערזענלעכן לעבן. עס באקומט זיך דער אײַנדרוק, ווי זיי אלע וואָלטן געווען „כוטערניקעס", וואָס וווינען אָפּגעטיילט איינער פונעם אנדערן אף צענדליקער ווייאָרסטן. יעדער איז פארוקט אין זײַן „פּאָלוואַרעק", און נאָר זעלטן ווען טרעפט ער זיך מיטן צווייטן פערסאָנאזש עפּעס בא א וואָסער ניט איז צופע־ליקער געלעגנהייט.

צווייטנס, אין צענטער פון ווערק שטייט א צענטראלער פערסאָנאזש, וואָס בלײַבט ניט צופרידן מיטן ארומיקן לעבן און פרוווט זיך פון דעם באפרײַען. די צענטראלע פערסאָנאזשן זײַנען יאָרדים, געפאלענע, געוועזענע גווירים אָדער געוועזענע פארטייען־לידערס, וואָס האָבן איצט פארלאָרן זייער גאנצ געוויכט אין דער ארומיקער געזעלשאפט און דידאָזיקע געזעלשאפט איז זיי איצט דערווידער. אף אָט דער קאָליזיע צווישן פערסאָנאזש מיט דער ווירק־לעכקייט, וואָס רינגלט אים ארום, איז געבויט דאָס גאנצע ווערק.

דריטנס, אָט די אלע פערסאָנאזשן פרוּוון ניט און דענקען אפי־לע ניט צו פרוּוון ענדערן אף וואָסער ניט איז אויפן די ארו־מיקע ווירקלעכקייט. זיי פרוּוון בלויז צו באפרײַען זיך אליין פון אָט דער ווירקלעכקייט, אָבער אויך דאָס גיט זיך זיי ניט אײַן, און זיי פארבלײַבן אזוי אויג אף אויג מיט דערדאָזיקער ווירקלעכקייט אין מעשעכ פון דער גאנצער האנד־לונג, פארבלײַבן בא זייער אומצופרידנקייט, מאכטלאָזיקייט און אויסזיכט־לאָזיקייט.

פערטנס, די צענטראלע פערסאָנאזשן שטעקן אָן, אין בערגעלסאָנס שילדע־רונג, די גאנצע געזעלשאפט, די גאנצע ארומיקע אטמאָספער מיט זייער גע־מיט, מיט זייער יאָרדישער שטימונג. די צענטראלע פערסאָנאזשן „אָקופּירן"

אזוי צו זאָגן, די גאַנצע ארומיקע ווירקלעכקייט און פאַרשפּרייטן זייער מעמ־שאָלע אַף די איבעריקע פאַרשוינען אין ווערק. די פּערסאָנאַזשן פון די אָנ־געוואָרפענע בערגעלסאָנס ווערק געפינען פאַר זיך ניט קיין אָרט אין לעבן. באַ־טײַט עס ניט בא בערגעלסאָנען, אז גראָד אָט די פאַרשוינען געפינען פאַר זיך ניט קיין פּלאַץ אין דער ארומיקער סוויווע אָדער אין לעבן ביכלאַל. עס באַ־טײַט פיל מער, עס באַטײַט, אז אין לעבן איז ביכלאַל ניטאָ וואָס צו טון, אז טון עפּעס און בלײַבן מיט דעם צופרידן קאָנען בלויז אזוינע טיפּשים, ווי דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן פון „נאָך אַלעמען".

פינפטנס, די הערשונג פונעם הויפּט־פּערסאָנאַזש אין אָט די בערגעלסאָנס ווערק פאַרשפּרייט זיך ניט בלויז אַף די ארומיקע אַנדערע פּערסאָנאַזשן, נאָר אויך אַף דער נאַטור און אַפן כייפעץ, וואָס ווערן ווי א העמשעך פונעם דאָזיקן פּערסאָנאַזש, ווי זײַן „אַלטער עגאָ" (זײַן צווייטער איך), און אזוי־ארום ווערט דאָס ספּעציפישע געוויכט פונעם פּערסאָנאַזש געקייפלט און גע־מערט און הערשט איבער אַלץ און אַלעמען אין ווערק. אַף אזא אופן ווערט די גאַנצע אַטמאָספער, די גאַנצע וועלט ארום פּערסאָנאַזש איבערגעשאַצט און איבערגעדיכטעט אין גײַסט פון דעמדאָזיקן פּערסאָנאַזש.

זעקסטנס, די שילדערונג אין אָט די אַלע דרײַ ווערק איז א טיפּ לירישע, סוביעקטיווע און אָנטיילנעמערישע. דעם שרײַבערס סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס טרעטן דאָ ארויס בולעט און דײַטלעך, דער שרײַבער איז דאָ א צאַד אי־נעם ווערק, ער שטעלט זיך אָפּן אַף דער זײַט פון זײַנע צענטראַלע פּערסאָ־נאַזשן, וואָס ער האַלט זיי אין איין פאַרטיידיקן און רעאַביליטירן, און צוזא־מען מיט זיי שטעלט ער זיך אין א קעגנערישער פּאָזיציע צו דער ארומיקער סוויווע.

אָט דידאָזיקע זעקס גרונט־שטריכן פאַראייניקן צווישן זיך אַלע דרײַ אָנגע־רופענע ווערק און גיבן א מעגלעכקייט צו ריידן וועגן זיי, ווי וועגן איין גאַנצס.

2

מיר וועלן אָנהייבן אונדזער באַהאַנדלונג פונעם „ארום וואָקזאַל", פון בערגעלסאָנס ערשטן געדרוקטן ווערק.

די הויפּט־פיגור אין „ארום וואָקזאַל" איז ביינעש רובינשטיין. ביינעש רו־בינשטיין איז א שטעטלדיקער סוחער פונעם אַלטן שניט. דער וווּקס און אופ־שטײַג פונעם קאַפּיטאַליזם שטויסט אים צונויף מיט פיל אַנדערע, נײַ־אופגע־קומענע סאָחרים, ברוטאַלע און מעגושעמדיקע, צו וועלכע ס'איז אים שווער זיך צופּאַסן, און ער הייבט אָן צו זינקען באַרג־אַראָפּ. ביינעש פילט זיך גע־דריקט אין דער סוויווע פון די ארומיקע רײַכווערנדיקע און זעלבסטצופרידע־נע סאָחרים, וואָס ווערן דאָ געשילדערט אין זייער גאַנצער נישטיקייט און פּאַראַזיטאַרישקייט. ער באַציט זיך מיט שאַרפער סינע צו די ארומיקע און

פּרוווט אפילו פּראָטעסטירן קעגן זיי. ביינעשעס פּראָטעסט איז אָבער אן אָנ־מעכטיקער און ברענגט אים בלויז דערנידעריקונג. ביינעש איז סאָפּקאָלסאָפּ געצוווּנגען שאָלעם צו מאַכן מיט די ארומיקע און זיך צוצופּאַסן צו זיי.

ביינעשעס געשטאַלט באַקומט אינעם ווערק א פּ א ר א ל ג ע מ יי נ ע ר נ ד י ק ן כאַראַקטער. דורך ביינעשעס פיגור וויל בערגעלסאָן ווייַזן, אז ס׳איז ב י כ ל ל ניט פ א ר א נ קיין שום אויסוועג פונעם ארומיקן לעבן, אז ענדערן עפּעס וואָס אין דער ארומיקער ווירקלעכקייַט איז אוממעגלעך.

דידאָזיקע פּאַראַלגעמיינערונג ווערט דאָ דערגרייכט אָט אַף וואָס פאַר אַן אויפן. אין אָנהייב דערציילונג האָט בערגעלסאָן געשאַפן א מין „פּרעליודיע", א לייטמאָטיוו, וואָס קען באַטראַכט ווערן, ווי אַן אַרייַנפיר צו אַלע דרייַ דער־מאָנטע ווערק בערגעלסאָנס. דאָס זייַנען די ערשטע פינף זייַטלעך פונעם „ארום וואָקזאַל":

„וויַיט, וויַיט באַ דער הויך פון א קליינעם בארג קומען זיך די וועגן צונויף און בוקן זיך פון דאָרט צום שטיינערנעם און רויטן וואָק־זאַל. א הויכער איז ער, דער וואָקזאַל, א רויטער און א צווייגאָרנדיקער, און שטייט שטייט ער שוין דאָ פון יאָרן, א פארגליווערטער און טוי־טער, און ווייַזט דער געגנט אויס ווי א פאַרקישעפטער היטער, וועלכן עס האָט אַמאָל עמעצ פארשלעפערט מיט אַן אייביק־מעלאנכאָלישן דרעמל" (ארום וואָקזאַל", 3).

דער הויכער שטיינערנער און פארגליווערטער וואָקזאַל ווערט געשילדערט, ווי א געשפּענסט, ווי „א פּאַרקישעפטער היטער" פון דער געגנט, וווּ ער שפּרייט ארום זיך דורכויס אומעט, דרעמל און גליווער.

פּונקט ווי דער וואָקזאַל, איז אויך אָנמעכטיק און פארגליווערט דאָס ארו־מיקע דאָרף. דאָס דאָרף „דראַפּעט זיך שוין פון יאָרן לאַנג אַף די שיפּוּים פון די צוויי שכייניש בערג און קאָן זיך נאָך אַלץ ביז זייערע שפּיצן ניט ארופדראַפּען" (ארום וואָקזאַל", 4).

אזוי אָנמעכטיק, עלנט און יאָרדיש ווערט אין „ארום וואָקזאַל" אויך דער־פרייליכער צוג, וואָס קומט אָן פון די וויַיטן:

פון וויַיט איז דער צוג געלאָפן און געטראָגן האָט ער מיט זיך א גוטע און פרייליכע בסורע פארן וואָקזאַל און פאַר דער געגנט.. אָבער נאָך אינעם ערשטן טרויעריקן אָפּהילך פון זייַן לאַנגן און פריי־לעכן פייַפ האָט ער זיך שוין איבערצייַגט, אז די מאָרע־שכוירע איז דאָ זייער טיף און אייביק, ער איז שוין צום וואָקזאַל צוגעקראָכן פאַמעלעך מיט געפּאַלענעם געמיט און דאָרט שטיין געבליבן מיט א שווערן לאַנגן זיפץ.

„אומזיסט... אומזיסט... און פארפאַלן, אַלץ פארפאַלן" — האָט זיך א טויבער קלונג צוזאַמען מיטן זיפץ ארומגעטראָגן" (דאָרטן).

אָט אזוי ווערט שוין טכילעס, נאָך איידער עס ווערט דערמאָנט ביינעש רובינשטיינס נאָמען, געשאַפן דאָס סימוואָלישע בילד פונעם הויכן „פּאַרקישעפטן

היטער” פונ דער געגנט—פונעמ שטיינערנעמ וואָקזאל, וואָס הילט אייַנ אלצ ארומ זיכ אינ איינ שטימונג פונ „פארפאלנ, אלצ פארפאלנ”... אלצ אונ אלע, וואָס געפינענ זיכ ארומ וואָקזאל, ווערט פארוואנדלט אינ איינ אונטערגעבראָכענעמ אונ שטומ־ניכנעדיקנ יוירעד.

> „אזוי פוסט, מאָרע-שכוירעדיק אונ נודנע איז געווענ, ס'האָט זיכ קיינעמ ניט געוואָלט ריידנ, פונעמ אָרט זיכ א ריר טונ. אונ די מענטשנ האָבנ געשוויגנ, געשטאנענ אָנ שום באוועגונג אונ שוינ אויסגעזענ אזוי מעלאנכאָליש אונ שלעפעריק, ווי זעלבסט דער אלטער פארשטיינערטער וואָקזאל” („ארומ וואָקזאל”, 4).

דורכ דער סימוואָלישער וואָקזאל-געשטאלט איז, אזויארומ, געשאפנ געוואָרנ דאָ די יאָרדישע שטימונג אינ דעמ גאנצנ ווערק. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס דאָ ווערט ארויסגעפירט א גאנצע גרופע רייַכע סאָכרימ, וועלכע בויענ זיכ הייַזער ארומ וואָקזאל אונ פראוועג דאָ כאסענעס, איז דאָכ די שטימונג פונעמ גאנצנ ווערק א געדריקטע, א נאָגנדיקע אונ טרויעריקע. קעגנ דער גאנצער קייט אופגעקומענע גווירימ שטעלט בערגעלסאָנ ארויס איינעמ—איינ יוירעד ביינעש רובינשטיינ, אונ אָט דער איינער מאכט צונישט מיט זייַנ וועזנ אלע ניצכוינעס אונ פריידנ פונ יענע, וואָס רינגלענ אימ ארומ.

אָבער ניט בלויז די גווירימ ווערנ אָפּגעלייקנט אינ „ארומ וואָקזאל”. עס ווערנ דאָ אָפּגעלייקנט די פריידנ אונ האָפענונגענ אויכ פונ די איבעריקע פערסאָנאזשנ אינ ווערק, אפילע פונ דער יוגנט. אוראָמטשיק קויפמאנס שוועסטער, א יונג מיידל, ווערט אָט ווי געשילדערט אינ „ארומ וואָקזאל”:

> „צווישנ זיי איז א הויכע אונ געזונטע גענאנגענ אוראָמטשיקס שוועסטער—א מיידל פונ א יאָר 17—אונ שטארק געמאכט מיט אירע לאנגע אונ אומגעוויינלעכ גרויסע הענט. איר פּאָנעמ איז געווענ א מאנסבלשער, דער גאנג א מאנסבלשער אונ די מאניערנ מאנסבלשע. קוקנדיק אפ איר, האָט זיכ געדאכט, אז ווענ זי איז נאָכ א קינד געווענ, האָט זיכ עמעצ טויע געווענ אונ פארביטנ אירע מאנסבלשע קליידער אפ ווייַבערשע” („ארומ וואָקזאל”, 14).

אָט אזוי אומגעלומפערט זעט אויס דאָס איינציקע מיידל, וואָס בערגעלסאָנ טיילט אויס פונ דער גאנצער גרופע אונ געפינט פאר נייטיק צו שילדערנ זי דעטאל.

אפילע ליבע, די אָנפאנג־ליבע צווישנ גימנאזיסט מיטנ שיינעמ מיידל, וואָס פארקויפט ביכער אפנ וואָקזאל, ווערט געשילדערט אָפּשטויסנדיק. דער גימנאזיסט מיט די גאָלדענע קנעפּ אונ מיט די וואסערדיקע אויגנ טייַנעט האַרציק מיטנ שיינעמ מיידל.

> „עפּשער האָט ער איר... געוואָלט אייַנריידנ... אז זי מעג אימ ליב האָבנ, ניט קוקנדיק אפ זייַנ פאריסענער נאָז, אומגעלומפערטער הייכ אונ גרויסע גלעזערנע אויגנ. ס'איז געווענ אומעטיק צו הערנ” (דאָרטנ, 30).

ביינעשנ איז אומעטיק צו הערנ די יונגע פריליגגס־שמועסנ צווישנ גימ־נאזיסט מיטנ שיינעם מיידל... אונ די הערשנדיקע שטימונג בלייבט אינ „ארום וואָקזאל"—ביינעשעס שטימונג. פארשטיינערט... פארכאָלעמט... פאר־גליווערט... פוסט... שטיל... נודנע... נימעס... מאָרעשכוירעדיק... פארפאלנ...—אָט דידאָזיקע ווערטער כאזערנ זיכ דאָ דורכויס איבער אונ שאפנ די הערשנ־דיקע שטימונג אינעם ווערק.

די דערציילונג פארענדיקט זיכ ווידער מיט דער סימוואָליש־פאטאליסטישער שילדערונג פונעם אייגנארטיקנ פערסאָנאזש אינעם ווערק—פונעם הויכנ אונ פארגליווערט־שטייענדיקנ וואָקזאל.

„אונ אפ יענעם ווייטנ בארג, וואָס איז אונטער דעמ פלאצ געבליבנ, האָט געדרימלט דער רויטער וואָקזאל אונ מיט פארגליווערטע, טאָמיד האלב־אָפענע אויגנ ארייננעקוקט אינ דער טיפער אונ אומבאקאנטער וויטקייט".

אונ מיט דידאָזיקע פארגליווערטע אונ האלב־אָפענע אויגנ קוקנ ארייננ אינ דער אומבאקאנטער וויטקייט אויכ די לעבעדיקע פערסאָנאזשנ פונ בער־געלסאָנס אָנגערופענע ווערק.

פערטער קאפיטל.

„נאָכ אלעמענ".

1

אינ „נאָכ אלעמענ" האָבנ מיר א וייטערדיקע שטופע צומ „פארפאלנ"־געפיל, א וייטערדיקע שטופע צום „אָפגאנג".

„נאָכ אלעמענ" שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ צענטראלנ אונ וויכטיקסטנ רינג פונ דעמ „אָפגאנג"־דריילינג, וואָס מיר באהאנדלענ דאָ. אינ „ארום וואָקזאל" ווערט די פאראלגעמיינערונג פונ ביינעשעס יערידע־שטימונגענ דערגרייכט איבערהויפט דורכ דער סימוואָלישער געשטאלט פונעמ שטיינערנעמ וואָקזאל. גופע ביינעש רובינשטיינס מאכט צומ סאָפ דערציילונג שאָלעמ מיטנ לעבנ אונ פאסט זיכ צו ווי ס'איז ניט איז צו דער ארומיקער סוויווע. אינ „נאָכ אלע־מענ" אָבער ווערט דער אָפגאנג פארקערפערט אינ בוילעטע לעבעדיקע גע־שטאלטנ, וואָס דער קינסטלער שילדערט אונדז דאָ מיט דער ברייטער אונ פולער האנט. „נאָכ אלעמענ" שטעלט מיט זיכ פאָר ביכלאל דאָס גרעסערע מער פארגאנצטע *) אונ איינגעגעבנסטע ווערק פונ בערגעלסאָנס ביזרעוואָ־ליוציאָנערנ שאפנ. דעמ קינסטלערס פענזל איז דאָ אויסשליסלעכ קאָנצענט־רירט אפ איינ אונ איינציקנ שיכט פונ דער שטעטלדיקער געזעלשאפט—אפ דער אונטערגייענדיקער הורוויצ־מישפאָכע. דערפאר אָבער איז דערדאָזיקער שיכט געשילדערט אינ דער פולסטער מאָס, מיט אלע זיינע ליידנ אונ פריידנ, מיטנ

1) „אָפגאנג" איז, ווי באוווסט, געבליבנ ניט פארענדיקט.

גאנצן וואָכעדיקן אומעט און זאָרג און מיט די פײַערלעכע שאבאָסים און יאָנטויוװים. דערדאָזיקער שיכט ווערט דאָ געשילדערט אויך מיט זײַן גאנצער ארומרינגלונג: מיט די אופגעקומענע גווירים און מיטן יאָרדישן גראף, מיטן איבערגעגעבענעם קאסיר, מיט אוורעמלען דעם ראָוו און מיט ליבקען דער רעבעצן אפילע... דאָס „נאָכ־אלעמענישע" און אָפּגייענדיקע, וואָס איז אָנגעצייכנט בלויז אין פארנעפּלטע קאָנטורן אינעם „ארום וואָקזאל", איז געשילדערט אין „נאָכ אלעמען" אף א פאנאנדערגעוויקלטן אויפן. דערפאר קאָנען מיר האָפן צו געפינען גראָד דאָ די אמערסטן בוילעטע אנטפלעקונג פון בערגעלסאָנס געזעלשאפטלעכער אָריענטאציע פאר זײַן ערשטן שאפונג-פעריאָד. מיר וועלן דערום דאָסדאָזיקע ווערק אנאליזירן באזונדערס גענוי און דעטאל.

2

די צענטראלע פּראָבלעם פונעם ראָמאן איז די „נאָכ אלעמען"־פּראָבלעם, די פּראָבלעם פון אונטערגאנג פון די פאטריארכאלע הענדלערישע שיכטן אינעם יידישן שטעטל. אין „נאָכ אלעמען" שילדערט אונדז בערגעלסאָן דעם אונטערגאנג פון איינער אזא פאטריארכאלישער פאמיליע, פון דער פאמיליע הורוויץ.

גדאליע הורוויץ, דער אריסטאָקראטישער גוויר פון שטעטל, דער יאכסן און לאמדן, הייבט אָן צו ווערן א יוירעד. גדאליע הורוויץ איז א סויכער פונעם אלטן שניט, וואָס איצט, אין די באדינגונגען פונעם אימפּעריאליסטישן קאפּיטאליזם, געפינט ער פאר זיך קיין פּלאץ ניט. ער קאָן ניט אָניאָגן די יינגערע און פלינקערע סאָכרים, וואָס האָבן שוין צו טון מיט צוקער־פאבריקן (נאָכעם טאראבײַ) און מיט ווערט־פּאפּירן*), און גייט ביסלעכווײַז אינגאנצן אראָפּ פון דער סצענע. צוזאמען מיט גדאליע הורוויצן גייט אונטער אויך זײַן מישפּאָכע—דאָס ווײַב און זײַן איינציקע טאָכטער, מירל. אן אלטע גוויריש־אריסטאָקראטישע מישפּאָכע קאָן זיך ניט צופּאסן צו די נײַע לעבנסבאדינגונגען און גייט אונטער. אָט דאָס איז די צענטראלע אקס פונעם ראָמאן.

עטוואָס ענלעכס צו דעם שילדערט בערגעלסאָן אויך אין זײַן שפּעטערדיקן ווערק, אין „באם דניעפּער". מיט מיכאָעל לעווינען טרעפט צום סאָף פון זײַן לעבן אנערעכ דאָס זעלביקע, וואָס מיט גדאליע הורוויצן, און דער סאָציאל־עקאָנאָמישער טאָכ פון דערדאָזיקער דערשײַנונג ווערט דאָ קינסטלעריש אופגעדעקט אף פאָלגנדיקן אויפן. מיכאָעל לעווינס שוטעף, נעכעמיע ברוסטאָנעצקי, טײַנעט צו לעווינען:

— דו, מיכאָעל, ביסט שטענדיק געוועזן א גאזלען אף זיך אליין...
א גאזלען אף דײַן געזונט און א גאזלען אף דײַנע געשעפטן... ווער
ס'האָט זיך צו דיר צוגערירט, איז אײַנגעם מיט דיר ניזעק געוואָרן...
דערהויפּט די לעצטע יאָרן... איכ האָב דיר פון אָנהייב אָן געזאָגט:

*) זע „נאָכ אלעמען" 19־20, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם, אז נאָכעם טאראבײַ און אויך וואָווע בורנעס, אפּאָנעם, קויפן פון צײַט צו צײַט רענטע.

ס'איז ניט פאר אונדז. וואָרעמ אונדזערער א סויכער מוז גייג הארט בא דער ערד, זיכ דרייענ ארומ פאָרעצ. ווי אונדזערע טאטעס... וואלד — האנדל מיט וואלד. אנ איסקעלע *) איז זיס, ווי צוקער... איבערא־יאָריקנ ווייצ איז גוט אָפצוקויפנ בא א פאָרעצ, וואָס אז ער וועט ניט האָבנ באלד קיינ געלט, וועט ער זיכ הענגענ. אמאָל איז גוט א מיל — בעסער אינ ארענדע, איידער אנ אייגענע, אונ שוינ... אד קאָנ, ווייטער קריכ ניט. דיר האָט דער קאָפ געטראָגנ צו נײַע גרויסע געשעפטנ. וואָס דו האָסט פארדינט בא די קליינע געשעפטנ, האָסטו דערלייגט בא די גרויסע" („באמ דניעפער זז. 416־417).

איז אָט, דער אונטערגאנג פונ די הורוויצעס־לעווינס דאָס איז דער אונטער־גאנג פונ די לעצטע גווירישע־פאטריארכאלע רעשטלעכ אינ דער יידישער סוויווע, דאָס איז דער אונטערגאנג פונ די אלטע אריסטאָקראטישע הענדלערישע מיש־פאָכעס, וואָס האָבנ אָנגעלעבט זייער רײַכקײַט פונ „דרייענ זיכ ארומ פאָרעצ" דעריקער אונ וואָס קענענ זיכ ניט צופאסנ צו די נײַע באדינגונגענ פונעמ שטײַגנדיקנ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ.

דערדאָזיקער פראָצעס איז בעפיירעש א פראָגרעסיווע דערשײַנונג. וועגנ דער פראָגרעסיווקײַט פונ דעמדאָזיקנ פראָצעס ריידנ מארקס אונ ענגעלס אינעמ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט". וועגנ דעמ רעדט אויכ זייער פיל לעני — סײַ אינ זײַנע ספעציעלע סאָציאל־עקאָנאָמישע ארבעטנ, סײַ אינ זײַנע אנדערע ווערק. אינ זײַנ בארימטנ ווערק „צוויי טאקטיקעס פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע" שרײַבט לענינ וועגנ דעמ אָט וואָס:

> „אינ אזוינע לענדער, ווי רוסלאנד, לײַדט דער ארבעטער־קלאס ניט אזוי פונעמ קאפיטאליזמ, ווי פונ דער ניט גענוגנדיקער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ... דעמ ארבעטער־קלאס ליגט בעפיירעש (אונטער־געשטראָכנ אינעמ טעקסט — מ.) די באזײַטיקונג פונ אלע רעשטלעכ, וואָס שטערנ דער ברייטער, פרײַער אונ גיכער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטא-ליזמ" (לענינ, 8־טער באנד, זײַטל 57).

אזויארומ זעענ מיר, אז דאָס ארויסשטויסנ די רעשטלעכ פונ דעמ פריי־ציש־פעאָדאלישנ קאפיטאל באטײַט א שריט פאָרויס אינ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. דאָס איז אנ אומפארמײַדלעכער אונ אומבא־דינגט־נויטווענדיקער עטאפ אפנ וועג פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, אנ עטאפ, וואָס קומט שוינ אומיטלבאר ערעוו זײַנ צעלייגונג אונ צעפוילונג. אונ אָט דעמדאָזיקנ פראָצעס שילדערט אונדז בערגעלסאָנ אינ „נאָכ אלעמענ". גדאליע הורוויצ, וואָס זײַנ גאנצער ווילשטאנד איז געווענ געגרינדעט, אפאָ־נעמ, אפ „דרייענ זיכ ארומ פאָרעצ", ווערט באנקראָט. עס באנקראָטירט אויכ דער קאשפעריוקער גראפ, וואָס הורוויצ האָט מיט אימ געשעפטנ געהאט. גדאליע הורוויצ פרווט זוכנ פאר זיכ א שטיצע אינ די בענק, וואָס אינ

*) לײַענ געלט אפ פראָצענט.

דער גרויסער קרײַז־שטאָט. ער פּרווט זיכ צופּאַסנ צו די באַדינגונגענ פונעם פינאַנציעלנ קאַפּיטאַליזם. דאָס גיט זיכ אים אָבער ניט אײַנ, אונ ער גײט אינגאַנצנ אַראָפּ פונ דער סצענע.

איז אָט, אינ דער פיגור פונ גדאַליע הורוויצנ האָט אונדז בערגעלסאָנ אָנגעמאָלט אַנ אומפאַרגעסלעכ געשטאַלט, וואָס פאַרקערפּערט אַ געוויסנ געשיכטלעכנ פּראָצעס. דורכ אַ רײ בילדער אונ צוגאָב-געשטאַלטנ איבערצײַגט אונדז דער קינסטלער אינ דער אײַזערנער נויטווענדיקײַט אונ אומפאַרמײַדלעכקײַט פונ גדאַליע הורוויצעס אומקום. דאָס בעהאַדראַגיקע אונטערגײנ פונ גדאַליע הורוויצנ, וואָס שטאַרבט, ניט לאָזנדיק נאָכ זיכ קײנ יאָרשימ, ווערט דאָ געשילדערט האַנט־בײַ־האַנט מיטנ אופקום אונ פאַנאַנדערבליִונג פונ אַנדערע גווירישע מישפּאָכעס — פונ די בורנעסעס, טאַראַבײַס, זײַדאַנאָווסקיס. דאָס אַנטשפּרעכט פולקומ דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. אײַנצײַטיק מאַכט עס נאָכ בוילעטער, טיפער אונ איבערצײַגנדיקער דאָס בילד פונ גדאַליע הורוויצעס אונטערגאַנג — די צענטראַלע טעמע פונ „נאָכ אַלעמענ“.

די פאַקטישע זײַט פונ אָט דעמ געשיכטלעכנ פּראָצעס, פונ אַרויסשטויסנ די רעשטלעכ פונ דעמ פריציש־פעאָדאַלישנ קאַפּיטאַל, איז דאָ אַזויאַרומ געשילדערט פולקומ ריכטיק. ד י ב אַ ל ײַ כ ט ו נ ג אָבער פונעמ דאָזיקנ פּראָצעס ווערט געגעבנ אײַנזײַטיק אונ סוביעקטיוו. די שײַנ, וואָס דער קינסטלער וואַרפט אַפ די געשילדערטע געשעענישנ, איז אַ קינסטלעכע, אַ בעקיוונדיקע, אונ דורכ דעמ ווערט פאַרקריפּלט אינ אַ היפּשער מאָס די געשיכטלעכע ווירקלעכקײַט אונ עס ווערט אויכ פאַרבלענדט אונ פאַרטושירט די ריכטיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. ווײַל אינ דער ווירקלעכקײַט האָבנ סײַ די הורוויצעס אונ סײַ די טאַראַבײַס אונ זײער גלײַכנ פאָרגעשטעלט מיט זיכ אַנ עקספּלואַטאַטערישנ קלאַס. אינ „נאָכ אַלעמענ“ אָבער ווערט דער דאָזיקער מאָמענט אינגאַנצנ פאַרווישט אונ פאַרשוויגנ. גדאַליע הורוויצ ווערט אינ „נאָכ אַלעמענ“ אַרויסגעפירט בלויז מיט זײַנע פּאָזיטיווע שטריכנ, ער ווערט דאָ דורכויס אידעאַליזירט. מיט גרויס רעספּעקט ווערט דאָ געשילדערט געדאַליעס פּאַטריאַרכאַלע באַציִונגענ מיט זײַנע באַדינער אונ מיטנ שטעטל ביכלאַל. אינ פיל ערטער ווערט אונטערגעשטראָכנ דעמ קאַסירס געטרײַשאַפט אונ איבערגעגעבנקײַט צו גדאַליע הורוויצנ. די באַציִונגענ צווישנ גדאַליענ מיטנ קאַסיר אינ „נאָכ אַלעמענ“ — דאָס זײַנענ באַציִונגענ פונ באַזונדערס איבערגעגעבענע קנעכט צו זײערע פעאָדאַלע הערשער, אָבער בעשומויפנ ניט די באַציִונגענ צווישנ אַ באַלעבאָס מיט זײַנ באַדינער אינ פּעריאָד פונ פאַרשאַרפטנ קלאַסנ־קאַמפּ אונ רעוואָליוציעס.

אויכ אַזוי פּאַטריאַרכאַליש ווערנ געשילדערט הורוויצעס באַציִונגענ מיט אַלע אַנדערע שטעטלשע אײַנוווינער. דעמ ראָוו פירט גדאַליע הורוויצ אַפ זײַנ פור אינ מערכעצ אַרײַנ. מיט די שנײַדער, וואָס נײענ כאַסענע-קלײדער פאַר זײַנ טאָכטער, צעצאָלט ער זיכ מיט דער פולער האַנט. אַפילע באַנקראָטירנדיק, בלײַבט גדאַליע הורוויצ דערזועלביקער פײַנער מענטש, וואָס פריִער: ווענ עס

טוט זיך נאָר אַ דריי דאָס רעדל און ער הייבט עפּעס אָן צו פאַרדינען, צעצאָלט ער זיך גלײַך מיט אַלע זײַנע כוויוועס. אַזוי־אַרום, ווערט דאָ גדליע הורוויץ אין „נאָך אַלעמען” דורכויס אידעאַליזירט.

צו די בורנעסעס און זײַדאַנאָווסקיס ווײַזט שוין בערגעלסאָן אַרויס, פאַרקערט, אַ דורכויס נעגאַטיווע שטעלונג. ער באַווײַזט דאָ זייער גראָבשאַפט, זייער אומקולטורעלקײַט, זייער געלטגיריקײַט. דאָס איז בעפּירעש ריכטיק. אָבער אויך אין דער שילדערונג פון אָט די געשטאַלטן פעלט דער עיקר. אויך דאָ ווערט ניט אַנטפּלעקט דער עקספּלואַטאַטאָרישער טאָך פון דידאָזיקע שיכטן. עס פעלט דאָ אַבסאָליוט דער אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע: די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס שפּײַזן מיט זייער בלוט און שוויס סײַ די הורוויצעס און סײַ די בורנעסעס מיט די טאַראַבײַס.

די באַציִונגען צווישן דידאָזיקע צוויי בורזשואַזע שיכטן גופא ווערן געשילדערט מיט גרויס מײַסטערשאַפט. דאָ איז בערגעלסאָנס קונסט געלונגען טיף אַרײַנצודרינגען אין דער ווירקלעכקײַט און אַנטפּלעקן פאַר אונדז פיל וויכטיקע שטריכן פונעם דערמאָנטן געשיכטלעכן פּראָצעס. מיט גרויס בוילעטקײַט טרעט דאָ אַרויס פאַר אונדז דער אומקום פון יענעם טייל בורזשואַזיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט די רעשטלעך פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג און וואָס קאָן זיך ניט צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען. אויך אַזוי בוילעט ווערט דאָ געשילדערט דער אופקום פון אַ צווייטן טייל בורזשואַזיע (אַמאָל אַפילע פון דעם זעלביקן שיכט, וואָס צו אים געהערן די הורוויצעס, ווי די בורנעסעס, אַשטייגער, וועלכע האָבן אויך געשעפטן מיט די פּריצים), וואָס הייבט זיך אָן באַהעפטן צו די נײַע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען און שטײַגט באַרג־אַרויף. ד. בערגעלסאָן באַנעמט אָבער ניט די פּראָגרעסיווקײַט פון אָט דעם פּראָצעס. ער שטעלט זיך גראָד אויף דער זײַט פון די מער אָפּגעשטאַנענע און שוין אָפּגעלעבטע שיכטן בורזשואַזיע, אויף דער זײַט פון די הורוויצעס. אָט דערפון שטאַמט דאָ די אַבסאָליוטע אויסזיכטלאָזיקײַט און האָפענונגלאָזיקײַט ניט בלויז פון גדליע הורוויצן און זײַנע נאָענטע, נאָר אויך באַם שרײַבער גופא. אַלס יאָרשים פון די הורוויצעס אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע זעט דאָ בערגעלסאָן בלויז די בורנעסעס מיט די טאַראַבײַס. ניט האָבנדיק פאַר זיך אין דעם „נאָך אַלעמען”־פּעריאָד די פּערספּעקטיוון פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, זעט דאָ בערגעלסאָן בלויז דעם אומקום און אונטערגאַנג פון צוויי בורזשואַזע שיכטן, און אויף וויפל בערגעלסאָנס פּערזענלעכע סימפּאַטיעס זײַנען דאָ דורכויס אויף דער זײַט פונעם אומקומענדיקן שיכט, זעט דער שרײַבער פאַר זיך קיין שום פּערספּעקטיוון ניט. דערפון שטאַמט די יאָרדישקײַט און דער טיפער פּעסימיזם, וואָס דרינגט דורך דאָס גאַנצע בוך.

אָבער נישט געקוקט אויף אָט די אַלע דעפעקטן אין בערגעלסאָנס אויפפאַסונג, האָבן אים זײַנע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס צו די הורוויצעס

דאָך ניט געשטערט צו זען און צו שילדערן זייער אונטערגאַנג ביזן סאָף און מיט זייַנע אַלע קאָנסעקווענצן. דאָס הויז פון די הורוויצעס ווערט אין בערגעלסאָנס שילדערונג דערפירט ביז דער פולשטענדיקער רויִנירונג. און דאָס האָט שוין געמוזט צווינגען דעם קינסטלער, אַז ער זאָל זיך נעענטער צוקוקן צו דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייַט און זאָל פּרווון צו זוכן דאָרט יענע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וואָס קומען צו פאַרבייַטן די הורוויצעס.

דידאַזיקע זוכענישן האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער ווענדונג צו דער גרויסער אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, וואָס פאַרנעמט אַ היפּשן אָרט אין „נאָך אַלעמען". דאָס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין דעם גאָר גרויסן פּלאַץ, וואָס עס פאַרנעמט דאָ די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע, — פיל מער פּלאַץ, איידער דאָס פאָדערט זיך בלויז צוליב שאַפן אַ פאָן פאַרן אונטערגאַנג פון די הורוויצעס. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט, לעצטנס, אין דער שילדערונג פון דער צענטראַלער געשטאַלט פונעם ראָמאַן, פון מירל הורוויץ, וואָס גייט אַליין אַוועק פון הורוויצעס הויז.

אַף דערדאָזיקער צענטראַלער געשטאַלט פונעם ראָמאַן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

3

אין צענטער פון „נאָך אַלעמען" האָט בערגעלסאָן אַוועקגעשטעלט ניט גדאַליען, נאָר מירלען, און דאָס גיט צו דעם ראָמאַן אַ טיפערן, מער קאָמפּליצירטן באַטייַט. דורך מירלס געשטאַלט האָט בערגעלסאָן פאַרברייטערט די ראַמען פונעם ראָמאַן, און די פּראָבלעמאַטיק פון „נאָך אַלעמען" שפּרייַזט דורך דעם ווייַט אַריבער די גרענעצן פון גדאַליע הורוויצעס הויז און פונעם שטעטל ביכלאַל.

מירל הורוויץ ווערט געשילדערט אין „נאָך אַלעמען" דורכויס אַפן פאָן פונעם אַלטן פּאַטריאַרכאַלן לעבנ־שטייגער, אַפן פאָן פון דער פאַמיליע הורוויץ; איינציַיטיק אָבער שילדערט בערגעלסאָן, ווי אַזוי מירל פּרווט רייַסן מיטן דאָזיקן שטייגער, פּרווט זיך אים אַריבערשפּרייַזן.

דערבייַ באַמערקן מיר אַזאַ אינטערעסאַנטן שטריך: ד. בערגעלסאָן אידעאַליזירט דעם הורוויץ־שטייגער, די גאַנצע הורוויץ־מישפּאָכע, און מירלען — באַזונדערס; אין דער שילדערונג אָבער פון מירלען זען מיר, אַז מירל ווערט דערהויבן גראָד דעמלט, ווען זי פּרווט דורכברעכן דעם שטייגער, ווען זי מאַכט אָנשטרענגונגען אַפּ צו באַפרייַען זיך פון אים.

שוין פון אָנהייב ראָמאַן פירט בערגעלסאָן אַרויס מירלען אין דער צייַט, ווען גדאַליעט געשעפטן גייען שוין באַרג־אַראָפּ, און אין דעם מאָמענט, ווען זי, מירל, לאָזט אָפּ דעם שידעך מיט וואָווע בורנעס. צערייַסנדיק מיט וואָווען, קומט מירל דורך דעם אין קאָנפליקט אויך מיט אירע עלטערן. אָבער פאַרלאָזן

דעמ טאטנס הויז אונ אוועקגײנ דורכשלאָגנ פאר זיכ א וועג אינ לעבנ מיט אײגענע קויכעס,—דערופ שטײַעט ניט בא מירלענ ניט קײנ ווילנ אונ ניט קײנ מוט. מירל איז צופיל גדאליע הורוויצעס א טאָכטער, אז זי זאָל זיכ קענענ לאָזנ אינ דער וועלט אפ אײגענער אכרײַעס אונ באראָט. קומענדיק אינ קאָנ־פליקט מיט די ארומיקע, לאָזט זיכ מירל אוועק אינ די געדיכטענישנ פונ איר אײגענעמ „איכ”, פונ איר אײגנ אונ ענג אָפגעצוימט וועלטל. זי איז דורכויס פארנומענ מיט לאנגע נאָכדענקענישנ אונ נאָכטראכטענישנ, איבערהויפט וועגנ איר פאָריקנ לעבנ. זי האלט אינ אײנ רעפלעקטירנ, אינ אײנ גריבלענ זיכ אינ די אײגענע איבערלעבונגענ אונ שטימונגענ, אינ אײנ פלאָנטערנ זיכ אינ אירע נעפלדיקע אונ פרוכטלאָזיקע טרוימענ אונ כאלוימעס. אָט מיט דעמ אלעמ איז מירל פארנומענ אינ מעשעכ פונ דעמ גרעסטנ טײל ראָמאנ.

מירל מאכט דאָכ אָבער אָנשטרענגונגענ אפ ארויסצוקריכנ פונעמ זומפ פונ אירע פארנעפלטע אונ טאטלאָזיקע געדאכטענישנ. פונ צײַט צו צײַט רײַסט זיכ מירל ארויס פונעמ פארקישעפטנ קרײַז פונ אירע טרוימענ אונ כאלוימעס אונ קומט אינ א רעאלער בארירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָט אפ דידאָ־זיקע מירלס באציִונגענ צו דער אויסערלעכער וועלט—צו איר פאָטערס שטוב, צומ שטעטל, אונ שפעטער צו דער גרויסער שטאָט—וועלנ מיר זיכ דאָ אָפּ־שטעלנ באזונדער.

פריִער פאר אלצ וועלנ מיר פארצײכענענ די טיפע ווידערשפרעכלעכקײַט אונ צווײענדיקײַט פונ מירלס נאטור. פונ אײנ זײַט, איז מירל הורוויצ די אײנ־ציקע טאָכטער פונ גדאליע הורוויצנ, פונעמ שטעטלשנ אריסטאָקראטישנ גוויר. אָט פונ דעמ שטאמט איר לײדיקגײערישקײַט, איר ניט־פײיִקײַט צו פארנע־מענ זיכ מיט א וואָסער ניט איז ארבעט, אירע קאפריזנ, איר אקשאָנעס, איר גײַציקײַט, מיט אײנ וואָרט—איר גאנצער ארט לעבנ. מירלס גאנצער גע־דאנקענ־ אונ געפילנ־גאנג, ווי אויכ איר באנעמונג מיט אלע ארומיקע, דרינגט ארויס אומיטלבאר פונ דעמ, וואָס זי, מירל, איז גדאליע הורוויצעס באסיעכידע. מירל הורוויצ האָט שטארק ליב איר פאָטער אונ איז גרײט אפילע מאקרעוו זײַנ איר פערזענלעכ גליק, קעדײ צו ראטעווענ גדאליענ פונ באנקראָט. דורכ אָט דער צוגעבונדנקײַט צומ פאָטער האָט בערגעלסאָנ באזונדערס אונטערגע־שטראָכנ מירלס טיפע אײַנגעוואָרצלטקײַט אינ גדאליע הורוויצעס הויז.

פונ דער צווייטער זײַט אָבער, ווײַזט אונדז דאָ בערגעלסאָנ, וויִאזוי מירל וואקסט אריבער דאָס הויז פונ די הורוויצעס, וויִאזוי זי דערהײבט זיכ אי־בער דעמ.

אינ מירלס לעצטנ בריוו לײענענ מיר:

„הערצ איז בענעגײע צו מיר אזוי אומגערעכט... איכ רעד צו אימ וועגנ דעמ, וואָס מיר טוט ווײ, אונ ער ענטפערט מיר וועגנ עפעס א גאנצנ שיראִימ־דאָר, וואָס האָט שוינ ניט קײנ אָרט איגעמ לעבנ („נאָכ אלעמענ”, 333—334).

אינ אָט דעמ טאקע ליגט דער גאנצער טראגיזמ מירלס. „עפּעס א גאנצער שיראִימ־דאָר" האָט ניט קיינ אָרט מער אינעמ לעבנ, מוז אונטערגיינ. בערגעלסאָנ אָבער ווייזט אונדז אינעמ ראָמאנ איבערהויפּט די ליידנ פונ מירלענ גראָד, וואָס איז שוינ אליינ אינ א היפּשער מאָס אריבערגעוואקסנ דעמדאָזיקנ שיראִימ־דאָר... וואָרעמ ווער זיינענ עס דאָ די פאָרשטייער פונ אָט דעמ „שיראִימ־דאָר"? דאָס איז גדאליע הורוויצ מיט גיטעלענ פריִער פאר אלצ, אנ אלטע דעגענערירנדיקע „גערמאנישע מישפּאָכע", לויט מירלס אייגענער כאראקטעריסטיק („נאָכ אלעמענ", 69), וואָס דערלעבט אירע לעצטע יאָר. דאָס איז דאָס אלטפרענקישע פּאָרל — די איינציקע אריינגייער אינ הורוויצעס הויז, — „דער ראָוו מיט דער רעבעצנ", וואָס ווערנ דורכ די אויגנ פונ מירל — בערגעלסאָנ געזעענ שוינ דורכויס ווי א קאריקאטור, אינ בעסטנ פאל — עפּעס ווי א „שיראִימ" פונ דעמ קינדער־מייסעלע... דאָס איז דאָס שטעטלשע בעסמעדרעשגעסל, וואָס קלעפּט נאָכ ארומ בעסמעדרעש, וואָס איז דורכויס איינגעטונקענ אינ די אלטע טראדיציעס אונ וואָס נעמט אָנ אפ ערנסט אונ אפ לאנג נאָכ אָט די קינדערמייסע־געשטאלטנ פונעמ „ראָוו מיט דער רעבעצנ". דאָס איז דער העברייִשער דיכטער הערצ, וואָס ציט זיינ יעניקע אויסשליסלעכ פונ דעמ בעסמעדרעש־געסל אונ פילט שוינ אליינ דעמ אומפארמיידלעכנ אונטערגאנג פונעמ דאָזיקנ געסל, וואָס באטייט אויכ דעמ אונטערגאנג פונ אימ, הערצנ, גופע צוזאמענ מיט זיינ העברייִשער דיכטונג. מירל הורוויצ אָבער בלייבט אינ א היפּשער מאָס פרעמד צו אָט דעט גאנצנ שיראִימ־דאָר.

מירלענ איז פרעמד סיי איר פאָטערס טראדיציאָנעלע יידישקייט, סיי דער מאָדערנער נאציאָנאליזמ פונ הערצנ אונ פונ אנדערע שטעטלדיקע אינטעליגענטנ.

דערדאָזיקער מאָמענט ווערט פאראלגעמיינערט אינ בוכ אינעמ מייסעלע וועגנ דער טויטער שטאָט, וואָס ווערט אינ „נאָכ אלעמענ" געבראכט ווי א ווערק פונ איינעמ פונ די פּערסאָנאזשנ, פונעמ דיכטער הערצ.

„אונ בלאָנזשענדיק אזוי יאָרנלאנג איינער אליינ איבער דער וועלט, האָב איכ, דער פארטריבענער נאוונאד... פארגעסנ... פאר דער צייט דעמ כעזשבנ פונ שאבעס אונ פונ וואָכ. איינע נאָכ איינער האָב איכ פונעמ שווערנ פאק, וואָס אפ מיינע פּלייצעס, די זאכנ ארויסגעוואָרפנ אונ געזאָגט צו זיכ אליינ:

— נישט איכ אונ ניט קיינער באדארפ שוינ אָט די זאכנ האָבנ. נאָכ וואָס־זשע זאָל איכ זיי נאָכ אפ זיכ טראָגנ אונ אונטער זייער שווערקייט מיינע פּלייצעס בייגנ. אונ ווענ אינ לעכערדיקנ זאק, וואָס אפ מיינע פּלייצעס, איז גאָרנישט ניט געבליבנ, האָב איכ אימ אויכ ארויסגעוואָרפנ" („נאָכ אלעמענ", 61).

אונ אויב בא הערצנ גופע איז נאָכ פאראנ א געוויסער צובונד צו אָט די זאכנ פונעמ „לעכערדיקנ זאק", איז מירל אינגאנצנ פריי פונ דעמ. זי האָט קיינ

שום שײַכעס ניט צו דער „קורזיש־אבּארבּאנעלישער" קולטור פֿון איר טאטן, און דערפֿאר איז איר דעם טאטנס היים אָפּט פֿרעמד און דערווידער.

„אָט האָט זי שוין ניט ליב אפֿילע אים, דעם טאטן אירן" („נאָך אלעמען" 104),— אזוי טראכט אמאָל מירל. און אין א צווייטן אָרט: „די היים אירע, וואָס אין שטעטל... זי איז עפּעס מער ניט, ווי א צעלאָכעסדיקע נארישקייט, אָט די היים" („נאָך אלעמען", 270 — 271). אזויארום, וואקסט אָן דער קאָנפֿליקט צווישן מירלען מיט איר היים, א קאָנפֿליקט, וואָס וועט פֿירן שפּעטער צו א פֿול־שטענדיקן איינרייס.

גאָר אנדערש זײַנען מירלס באציִונגען מיטן ארומיקן שטעטל. צו די שטעטלדיקע ייִדן האָט מירל אבּסאָליוט קיין שום שײַכעס ניט. איר גאנצער לעבּן־שטייגער און דערציִונג האָט געפֿירט דערצו, אז זי זאָל זיך מיט די שטעטלדיקע ייִדן אינגאנצן ניט אָנקערן, נאָך מער: זי פֿילט צו זיי א טיפֿן און אינסטינקטיוון עקל.

וועגן די שטעטלדיקע ייִדן, וואָס גדאליע הורוויץ האָט בּא זיי געלט צו־גענומען, טראכט מירל:

„זיי זײַנען אזוינע עקלדיקע, אָט די ייִדן... דער טאטע אירער איז געוויס שולדיק, וואָס ער האָט זייער געלט איבּערגעפּירט, אָבּער פֿון דעם איז נאָך ניט געדרונגען, אז זיי מעגן פֿראנק און פֿרײַ בּא זיי אין שטוב ארומלויפֿן און שרײַען אף אזא קאָל: „גוואלד, ער ראבּעוועט!"— אז מע זאָל עס אין דער צענטער גאס הערן" („נאָך אלעמען", 39).

מירל אנערקענט ניט דאָס רעכט פֿאר די שטעטלדיקע ייִדן ארומצולויפֿן בּא איר טאטן אין שטוב „פֿראנק און פֿרײַ". דאָס איז אָבּער ניט בּלויז בּע־נעגייע צו איר טאטנס באלעבּיוועס. בּיכלאָל, ווען שטעטלדיקע ייִדן קומען ארײַן אין שטוב צו מירלען, רופֿט עס ארויס בּא איר די גרעסטע אומצופֿרידנקייט.

„מירל... איז געוועזן אין קאס, וואָס אָט דער ייִד האָט זי געצוווּנ־גען אים די טיר עפֿענען" („נאָך אלעמען", 263).

דאָס זעלבּיקע טרעפֿן מיר דאָ אין פֿיל אנדערע ערטער.

אָבּער אויך דאָ פּרווּוט בּערגעלסאָן צו בּאווײַזן, וויִאזוי מירל וואקסט ארויס פֿון די ארומיקע שטייגער-בּאדינגונגען. מירלס פּריציש־פֿאראכטלעכע בּאציִונג צו מענטשן פֿון נידעריקן גראד פּרווּוט בּערגעלסאָן צוגעבּן גראָד אן אנ־דערן, ריין עטישן כאראקטער. אין איין אָרט אין „נאָך אלעמען" לייענען מיר:

„מירל איז דאן אין עסצימער דורכגעגאנגען און זיך צו אים (צו שמוליקן — מ.) ניט אומגעקוקט... זייער אָקסן־פֿארקויפֿער... האָט פֿאר־שפּרייט ארום זיך א רייעך פֿון א שארפֿן שמעקטאבּעק און פֿון ציגנ־פֿלייש... דער בּרודיקער ייִד... האָט האנאָע פֿון די פֿאָר טויזנט רובּל רעוועך... און קאָן זיך ניט אָפּווונדערן פֿונעם מאַרק, וואָס שמוליק האָט אָנגעטראָפֿן:

— אזא מאַרק, מעג ער זאָגן, געדענקט מען ניט פון נאַפּאָלעאָנס צייטן אָן... וואָס רעדט ער, שמוליק? זיבן רובל א פּוד?! זיינע קאַליע אויגן מיט די איבערגעקערטע רויטע וויִעס האָבן אים געטערערט, די טרערן זיינען אַראָפּגערונען אַף די באַקן און ערטערווייז דערגרייכט די גרייז־גראָע ברודיק פאַרגלעטע באָרד, און ער האָט נישט געפילט, געשטופּט טאַבעק אין נאָז און געהאַלטן דעם שמייכלדיקן פּאָנעם עט־וואָס פאַריסן, ווי א בלינדער, וואָס כאָלעמט וואכנדיק. ער האָט גע־כאָלעמט וועגן נאָך איינעם אזא גליקלעכן מאַרק" („נ. א.", 237 — 238).

מיר האָבן געבראַכט אָט דידאָזיקע לאַנגע ציטאַטע אָט צוליב וואָס. דאָ אין דער שטעל האָבן מיר פאַר זיך ניט נאָר א בוילעטן מוסטער פון מירלס באַציִונג צו די שטעטלדיקע יידן, נאָר אויך א שטיק פון בערגעלסאָנס אידע־אָלאָגיע. דאָ אין דער געבראַכטער שטעל פּרווט בערגעלסאָן צו דערהייבן מירלס עקל צום שמוציקן יידן אין א העכערן געפיל, אין א געפיל פון עקל צו זיין געמיינקייט און געלטגיריקייט, צו זיין גייסטיקער שמוציקייט. דורך מירלס ווידערגעפיל צו דער ספּעציִעל אונטערגעשטראָכענער ברודיקייט פון אָט דעם יידן דערפילן מיר בערגעלסאָנס אָפּלייקענונג פון די האנדל־וואַנדל־דיקע מענאַכעם־מענדלס, פון די פאַרברודיקטע, „פאַרגרעבטע" שטעט און שטעטלעך ביכלאַל, די זעלביקע „שטעטלעך", וואָס שאָלעמ אש און אַנדערע האָבן דאַן געהאַלטן אין איין באַזינגען און פאַראַמאַנטיזירן. דורכן צוזאַמענ־שטויס מיט אָט אַזעלכע יידן, מיט וועלכע שמוליק זיידענאָווסקי פּילט זיך גאַנץ גוט און געמיטלעך, ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן מירלס עלנט און אויך מירלס רעכט אַף אומצופרידנקייט און פּראָטעסט, א פּראָטעסט, וואָס באַקומט שוין א געוויסן סאָציִאַלן אָפּשיין.

נאָך מירלס באַגעגענישן מיט די שטעטלדיקע יידן זיינען זעלטענע און צו־פעליקע. דער גרונט־קאָנפליקט אינעם ראָמאַן ליגט אין אַן אַנדער פּלאַץ, אין די צוזאַמענשטויסן צווישן מירלען מיט די אופגעקומענע גווירישע שיכטן. מירלס פּראָטעסט קעגן דער אַרומיקער פּוסטער און נודנער זאַטקייט און זעלבסט־צופרידנקייט טרעט אַרויס באַזונדערס בוילעט און אַנטפּלעקט, ווען זי קומט אין צוזאַמענשטויס מיט די בורנעסעס, טאַראַבייס און זיידענאָווסקיס. דידאָזיקע ניי־געבוירענע גווירים, וואָס גראָבן אַרונטער דעם גאַנצן קיִעם פון הורווי־צעס שטוב, פּרעטענדירן נאָך אויך אַף מירלען גופא... די אַריסטאָקראַטישע באַסיעכידקע מירל הורוויץ ווערט זיך קעגן דעם מיט אַלע מעגלעכקייטן, מיט איר גאַנצן וועזן. אין א שפּעטערדיק ווערק — אין „אין פאַרטונקלטע צייטן" — וועלן מיר אויך אַזוינס טרעפן. דער רייכער און אַמעראַציִשער יויסעפ שור וועט פּרעטענדירן אַף סאָרעלע לעווין, די טאָכטער פון עם גרויסן יאַכסן מוי־שעלע לעווין. און דאָך ווערט יויסעפ שור געשילדערט ווייט ניט אָפּשטויסנ־דיק. גיכער פאַרקערט: צו יויסעפ שורן ציִען זיך דורכויס באַהאַלטענע סימ־

פאטיע־פעדעם, וואָס דער מעכאַבער וועבט אַרײַן אין דער שילדערונג. דאָ אָבער, אין „נאָך אַלעמען", ווערן מירלס פּרעטענדענטן געשילדערט קימאַט דורכויס אין נעגאַטיווע פאַרבן. עס ווערט דאָ דורכויס אונטערגעשטראָכן, אַז מירלס ווערן זיך אונ פּראָטעסטירן זײַנען באַרעכטיקט ניט נאָר סוביעקטיוו, נאָר אויך אָביעקטיוו. מירלס פּראָטעסט ווערט אונטערגעטראָגן, ווי אַ פּראָטעסט פון אַ פאָרשטייער פון אַ העכערער קולטור קעגן דער פּרימיטיווקייט, געשמאַקלאָזיקייט, אומקולטערעלקייט און טאַראַבײַישער זעלבסטצופרידנקייט. אַזוי טרעפט עס שטענדיק אין דער געשיכטע. די אונטערגייענדיקע קלאַסן אָדער שיכטן פּראָטעסטירן אין נאָמען פון קולטור און גערעכטיקייט קעגן דער קראַפט און מאַכט, מיט וועלכער עס טרעט שטענדיק אַרויף אויף דער אַרענע אַ נײַער אויפשטײַגנדיקער קלאַס. דערבײַ האָבן די קינסטלער פון די אונטערגייענדיקע שיכטן ניט ליב צו דערמאָנען די אומקולטורעלקייט און אַכזאָריעס, מיט וועלכער זייער אייגענער קלאַס איז אַרויפגעטראָטן מיט עטלעכע דורות צוריק אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע.

די קריטיק פון די בורזשעס, טאַראַבײַס און זײַדענאָווסקיס טרעט דאָ אַרויס באַזונדערס שאַרף. גענוג צו דערמאָנען די שילדערונג פון עם מאָלצײַט בײַ די טאַראַבײַס.

„אַ מאָדנע לאַנגער און געזונטער מויכערטוועניק האָט, שטעלנדיק צום טיש אַלע מאָל נײַע פלעשער, געגוואַלדעוועט מיט אַן אומגעלומפּערטן הויכן קאָל און מיט אַ ניגון פון „אַטאַ האָרייסאָ": אָט דאָס שטעלט דער פעטער נאָכעם פאַרן עלטערן זון, באָריסן... וואָס וועט מירצעשעם אינגיכן ווערן דירעקטער... אָט דאָס שטעלט דער פעטער פאַר איסאַקן, וועלכער ווערט מירצעשעם איבער צוויי יאָר אינזשענער" („נ. א.", 99).

און ווען מע הערט אויף צו טרינקען און צו ריידן ניוול־פּע, און טאַראַבײַס טאָכטער זעצט זיך שפּילן בעטכאָווענס ערשטע סאָנאַטע, שמייכלען די שטיל נאָגנדיקע טענער בעטכאָווענס צו די באַס־אַקאָרדן:

„ווי פילן זיי זיך די באַס־אַקאָרדן? סע ווערט זיי עפּעס נישט מאָדנע עקלדיק פון אָט די אַלע פאַרשוינען, וואָס הערן?" („נ. א.", 102).

מיר האָבן אויבן פאַרצייכנט, אַז מירל אַנערקענט ניט פאַר די שטעטלדיקע יידן דאָס רעכט אַרומצושפּאַצירן פראַנק און פרײַ בײַ זיי, בײַ די הורוויצעס, אין שטוב. אין דער געבראַכטער שטעל גייט עס פיל ווײַטער בענעגייע די אויפקומענדיקע גווירים: מירל אַנערקענט ניט פאַר זיי דאָס רעכט אויף בעטכאָווענס מוזיק, אויף קולטור.

נאָר דאָ, בײַ די טאַראַבײַס אויפן קערמישל, איז נאָך מירל פרײַ, זי געפינט זיך נאָך אין איר אייגן רעשוס. דאָ קאָן זי נאָך אַ געשריי טון אויפן האַלב שיקערן פּאָליטעכניק, ווען ער פּרוּווט זי באַליידיקן מיט אַ גראָבן צוריר: „ניע סמעט! דוראַק!" גאָר אַנדערש פילט זי זיך מיט די זײַדענאָווסקיס, ווו זי קומט אָן פאַר אַ שנור. דאָ ווערט שוין מירל אַליין אַ מיטגליד פון דער

זײַדענאָװסקי־מישפּאָכע, װאָס פּרוּװט זיך צו פאַרשפּרײַטן איר מעמשאָלע אויך אַף מירלען. מירלס נעגאַטיװע באַציִונג צו די זײַדענאָװסקיס איז שוין טאַקע דער־פאַר פיל שאַרפער, איידער צו די אויפגעקומענע גווירים פון איר אייגן שטעטל. איר באַציִונג צו די זײַדענאָװסקיס איז פון אָנהייב אָן פול מיט עקל. „אַן עקלדיקן פאַרדראָס" רופט אַרויס דער מעכוטן יאַנקעװ־יאָסל אין איר, אין מירעלען („נ. א.", 136). אַן עקל פילט מירל אויך צו שמוליק זײַדענאָװסקין, צו איר מאַן („נ. א.", 159). אין די סאַמע עקלהאַפטסטע שטריכן װערט געשיל־דערט די שװיגער, װאָס שמײַסט איר ייִנגל לויטן אַלטן שטייגער און „הערט דערבײַ ניט אויף צו כאַזערן אַף איר הייזעריקלעכן און נאַרישן קאָל: — „אַף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי ניט זאָגן... אַף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי ניט זאָגן..." („נ. א.", 218). מיט עקל װערן געשילדערט אַלע, װאָס געפינען זיך דאָ בײַ די זײַדענאָװסקיס אין שטוב. פון שמוליקס זעקס־יאָריקן ברודערל „שמעקט מיט שטאַל" („נ. א." 226). שמוליקס שװעסטער ריקל, װאָס האָט אָקאָרשט די גימנאַזיע פאַרענדיקט, „איז בײַ איר די קאָפּ, װי בײַ איר מוטער, צופיל טעמפּ, און ס'װערן אין אים זעלטן װען מאַכשאָװעס געבוירן" („נ. א.", 129). דאָ האָבן מיר װידעראַמאָל אַן אָנצוהערעניש אַף דעם, אַז די זײַדע־נאָװסקיס זײַנען ניט קיין מעכוטאָנים מיט קולטור. די גימנאַזיע װעט זיי אויך ניט העלפן. ריקל װעט שוין סײַװי זײַן טעמפּ, װי די מאַמע אירע...

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז, װיאַזוי בערגעלסאָן שילדערט דאָ די גע־װעזענע „געזעצט־קלוגע רעװאָליוציִאָנערן מיריאָם ליובאַשיץ" („נ. א". 207). אָט די געװעזענע רעװאָליוציִאָנערן האָט שוין לאַנג פאַרגעסן װעגן אירע פריִער־דיקע „יוגנט־זינד" און זינקט ביסלעכװײַז אינעם אַרומיקן זומפּ. זי האָט כאַ־סענע געהאַט מיטן אינזשענער ליובאַשיץ און קומט אָפט אַרײַן צו איר פעטער יאַנקעװ־יאָסל אין שטוב, װוּ זי פילט זיך גאַנץ היימיש און געמיטלעך. מירל הורװיץ אָבער קאָן זיך בעשום־אויפן ניט אײַנלעבן מיט די זײַדענאָװסקיס, זי קאָן אויך ניט זײַן צופרידן מיט איר מאַן, מיט שמוליקן, װעמען אַלע קרוי־װים, מיריאָם ליובאַשיץ אויך אין דעם קלאַל, האַלטן פאַר אַ גוטן און האָבן אים ליב.

מירלען קאָן ניט צופרידנשטעלן אויך די „פרײַע ליבע", װאָס איז געװען אַזוי פאַרשפּרייט צװישן דער יוגנט אין דער עפּאָכע, װאָס נאָך 1905, זי באַ־זײַטיקט פון זיך נאָסן העלערן, כאָטש אַמאָל ציט זי צו אים גאַנץ שטאַרק.

> „ס'איז נישט פאַר איר אָט דאָס אַרומדרייען זיך מיט העלערן. פאַר זיי,
> פאַר אָט די צװיי גרויסשטעטיק־געבוירענע מיידלעך (װאָס קוקן אַלע מאָל
> אַף העלערן און שמייכלען צו אים — מ.), איז דאָס עפּשער אַ זאַך, נאָר
> פאַר איר, מירל הורװיץ... עפּעס אַנדערש פעלט איר", („נ. א.", 195—196).

װאָס, אייגנטלעך, פעלט איר, מירלען, װאָלט זי ניט געקאָנט זאָגן. זי פילט בלויז שטאַרקער, איידער פיל אַנדערע, די פוסטקײַט און װערעמדיקײַט פונעם אַרומיקן לעבן. „ס'איז געװען אַזוי שװער און עקלדיק אַף דער נעשאָמע,

גלײַכ מע װאָלט נעמענ דאָס הארצ אונ עס אינגאנצנ אינ עפּעס ברודיקס אײַנ־טינקענ" („ג. א.", 211). אונ אזוי שטארק װערט שױנ אינ מירלענ אָט דאָס ברודיקײַט־געפיל, אז זי דערפילט אנ עקל צו איר אײגנ צוקונפטיק קינד אפילע, אירס אונ שמוליק זײַדענאָװסקיס קינד.

„מירל האָט... געדענקט די גאנצע צײַט דאָס אָרט, װאָס נידעריקער פונ דער ברוסט, געפילט צו דעמ אנ עקל... דער עקל אינ איר איז געװאקסנ, אונ געדוכט האָט זיכ שױנ, אז מע קאָנ אימ מאמעש מיט די הענט אָנטאפּנ, — אָט װעט זי אימ, דוכט זיכ, אזוי פונ זיכ מיטאמאָל א ריס טונ אונ איר װעט מיטאמאָל װערנ נאָכאמאָל לײַכט אונ גוט".

(„ג. א." 180)

אָט אזוי האָט בערגעלסאָנ דורכ מירלס געשטאלט אױסגעדריקט דעמ גאנצנ עקל־געפיל, מיט װעלכנ ער באציט זיכ צו די זײַדענאָװסקיס, צו דער ארומי־קער סאָכרישער סװיװע ביכלאל. מירל קאָנ זיכ בעשומױפנ ניט צונױפקומענ אונ אײַנלעבנ זיכ ניט מיט די טאראבײַס אונ בורנעסעס אינעמ שטעטל אונ ניט מיט די זײַדענאָװסקיס אינ דער גרױסער שטאָט אונ שטעלט פאר זיכ אינ סאָפ ראָמאנ די פּראָבלעמ פונ אװעקגײנ.

מיר סומירנ דאָס אױבנ־געזאָגטע װעגנ מירלענ.

מירלס געשטאלט פילט אױס אינ „נאָכ אלעמענ" א צװײיענדיקע פונקציע. פונ אײנ זײַט, האָבנ מיר אינ מירלענ א פאָרשטײער פונ אנ אונטערגײענדיקנ הענדלערישנ בורזשואזנ שיכט, װאָס איז ניט צופרידנ מיט דער אנטװיקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אונ װאָס טראָגט מיט זיכ שטימונגענ פונ רעאקציע. די־דאָזיקע אונטערגײענדיקע שיכטנ בענקענ נאָכ דער פארגאנגענהײַט אונ ציִענ אפּ צוריק. זײ בענקענ נאָכ יענע „אלטע, גוטע" צײַטנ, װענ דער קאפּיטאליזמ איז געשטאנענ אפ א נידעריקערער שטופע, װענ די פּריצימ אונ די גראפנ (דער קאשפּעריװקער גראפ אינ „נאָכ אלעמענ") זײַנענ נאָכ געװענ שטארק אינ זײער באשטאנד, אונ גדאליע הורװיצ האָט ניט געדארפט אָנקומענ צו די בענק, קעדײ צו לײַענ דאָרטנ געלט.

מירלס טיפע צוגעבונדנקײַט צו די הורװיצעס, די בלינדקײַט צו די פעלערנ פונ דידאָזיקע אָפּגעלעבטע בורזשואזע שיכטנ, ביכלאל די גאנצע קלאסעװע אײנזײַטיקײַט אונ באגרענעצטקײַט פונ איר נאטור, — אָט דידאָזיקע מירל איז אינגאנצנ אינ דער פארגאנגענהײַט. זי איז א פארמישפּעטע אונ מוז אונטער־גײנ צוזאמענ מיט איר טאטנ.

ס'איז פאראנ אָבער אינ דעמ ראָמאנ א צװײטע מירל, די ק ר י ט י ק י ר נ ־ ד י ק ע מירל, װאָס באציט זיכ מיט עקל אונ פאראכטונג צי די ארומיקע ברו־טאלע אונ װערעמדיקע גװירימ, די א ו מ ר ו י ק ־ ז ו כ נ ד י ק ע מירל, װאָס קערעװעט זיכ אָפּ אפילע פונ אירע אײגענע עלטערנ. מירל דערפילט, אז מע מוז אװעקגײנ סײַ פונ די הורװיצעס, סײַ פונ די זײַדענאָװסקיס, אז מע מוז

אָנהייבנ זוכנ עפּעס אנ אייגענעמ וועג פאר זיכ. צומ סאָפ ראָמאנ, ווענ, פארלאָזנדיק אָפ שטענדיק די זײַדענאָווסקיס, קערט זיכ מירל ווידער אומ אינ שטעטל אונ טרעפט זיכ דאָ ווידער מיט אירע אלטע באקאנטע, מיט דער אקושאָרקע שאצ, מיט די געסט, וואָס קלײַבנ זיכ בא איר צונויפ אונ רעדנ איצט פּונקט דאָס זעלביקע, וואָס פאראיאָרנ אונ פארצוויי־יאָרנ, ווייסט זי מירל, אז

„זיי אלע: די אקושאָרקע, פּאָליע, סאפיאנ, ליפּקיס — זײַנענ נישט צופרידנ מיטנ לעבנ, נאָר קיינער פונ זיי טוט גאָרניט, קעדיי דאָס לעבנ איבערצומאכנ... אונ אָפ דער וועלט זײַנענ פאראנ פיל אזעלכע נישט צופרידענע אקושאָרקעס, פּאָליעס, סאפיאנס... אינ פארשיידענע שטעט אונ שטעטלעכ.
— ערגעצ־ווו מוזנ דאָכ איצט סאָפקאָלסאָפ זײַנ אזעלכע, וואָס פּרוּוונ טונ עפּעס אנדערש" („נאָכ אלעמענ", 247).

אָט דאָ באווײַזט זיכ פאר אונדז מירל אָפ א רעגע, ווי א „יוירונג־עלעמענט". אוועקגייענדיק פונ די הורוויצעס אונ צערײַסנדיק מיט די זײַדענאָווסקיס, דערפילט זיכ מירל אָפ א מאָמענט ווי פאראייניקט מיט די איבעריקע אומצופרידענע עלעמענטנ פונעמ שטעטל, אונ בא איר גאנוועט זיכ אָפ א ווײַלע אפילע ארײַנ א געפיל פונ פארדראָס אָפ זיי אונ אָפ זיכ, אלעמײַ מע טוט גאָרניט „קעדיי דאָס לעבנ איבערצומאכנ". ד. בערגעלסאָנ פּרוּווט דאָ, אזוי־ארומ, צו באווײַזנ מירלענ אָפ א רעגע אינ דער פּאָזע פונ א פּראָטעסטאנט קעגנ דער גאנצער ארומיקער געזעלשאפט.

זעלבסטפארשטענדלעכ, אז דאָ האנדלט זיכ בלויז וועגנ אנ אָנצוהערעניש, א ר ע מ ע ז אָפ סאָציאלנ פּראָטעסט. דערדאָזיקער פּראָטעסט, וואָס איז שארפ אָנגעצייכנט געווענ אינעמ „טויבנ", וועט באקומענ זײַנ פאנאנדערוויקלונג בא בערגעלסאָנענ ערשט שפּעטער. אינ „נאָכ אלעמענ" ברענגט בערגעלסאָנ צו קווּרע די הורוויצעס, אונ אייגנצײַטיק פּרוּווט ער אוועקזעצנ אָפ דער באשולדיקונג־באנק די בורגעסעס אונ זײַדענאָווסקיס. צו דער קווּרע פונ אָט די לעצטע וועט ער קומענ ערשט נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ערשט דאנ וועט בערגעלסאָנ באנעמענ דעמ ס אָ צ י א ל נ ט אָ כ פונ זייער שולד. אָבער שוינ אינ מירלס טראגישער פיגור איז פאראנ א קערנדל פונ סאָציאלנ פּראָטעסט. מירל ווייסט נאָכ ניט וווּהינ צו גיינ, זי פילט אָבער, אז „אוועקגיינ פונדאנענ מוז מענ" („נאָכ אלעמענ", 344).

4

מיר האָבנ געפּרוּווט אויסקלאָרנ די סאָציאלע אָריענטאציע פונ „נאָכ אלעמענ" אָפנ סמאכ פונעמ אנאליז פונ דער צענטראלער פּראָבלעמ אינ ווערק אונ אויכ פונ זײַנ צענטראלנ פּערסאָנאזש — מירל הורוויצ.

קעדיי אויסצוקלאָרנ גענויער בערגעלסאָנס שטעלונג אינ „נאָכ אלעמענ" צו די ווירקנדיקע קרעפטנ אינ דער געזעלשאפט, איז אומבאדינגט נייטיק נאָכצושפּירנ, וויאזוי ווערנ געשילדערט אינעמ ראָמאנ די א י ב ע ר י ק ע פ ע ר ס אָ־

נ א ז ש נ אינ ווערק (ביסקל אהער האָבנ מיר גערעדט בלויז וועגנ מ י ר ל ס ב א צ י ו נ ג צו דידאָזיקע פערסאָנאַזשנ). כוצדעמ בלײַבט אונדז נאָכ אָפּצושטעלנ זיכ אפ די איבעריקע סטיל־קאָמפּאָנענטנ פונ ווערק, אפנ סיוזשעט, פייזאזש, דיאַלאָג אונ ביכלאַל אפ דעמ אַלגעמײַנעמ כאַראַקטער פונעמ סטיל אינ „נאָכ אַלעמענ“.

דער סטיל, דער מעטאָד פונ שאפנ, איז ענג פארבונדנ מיט דער וועלט־אָנשויונג פונעמ קינסטלער. דורכנ סטיל — דורכ דער קאָנסטרוקציע פונעמ פערסאָנאַזש, דורכ דער טעמאַטיק, דורכנ פייזאזש אונ אנדערע סטיל־קאָמפּאָנענטנ — אנטפלעקט דער קינסטלער זײַנ באַציונג צו דער ארומיקערווירקלעכקײַט. אינ א גרעסערנ ווערק האָבנ מיר צומײַנסטנ אויסגעדריקט די וועלט־אָנשויונג פונעמ קינסטלער אינ דער פולסטער מאָס, מיט אַלע אירע שאַטירונגענ אונ ניואַנסנ פארנ געגעבענעמ מאָמענט, פאר דער צײַט, ווענ דאָס ווערק איז געשאפנ געוואָרנ. אונ קעדיי אויסצוקלאָרנ די וועלט־אָנשויונג פונעמ מעכאַבער פונ „נאָכ אַלעמענ“, איז נייטיק זיכ אָפּצושטעלנ גענוי אפנ סטיל פונעמ ראָמאַנ.

מיר האָבנ שוינ אויבנ גענוי גערעדט וועגנ די ליטעראַרישע שטרעמונגענ אינ דער ליטעראַטור נאָכ דער רעוואָליוציע פונ 1905־טנ יאָר. ווי אינעמ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ ביכלאַל, האָט זיכ אויכ אינ דער ליטעראַטור אָנגעהויבנ אינ דער עפּאָכע פונ רעאַקציע א שטאַרקער אָפּפלוס פונ די רעוואָליוציאָנערע שטרעמונגענ. דאָס אָפּווענדנ זיכ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט געבראַכט אינ דער ליטעראַטור צו אנ אומגעהייערער פארשאַרפונג פונ די אינדיווידואַליסטישע שטימונגענ, אונ דער פארשאַרפטער אינדיווידואַליזמ אונ אינזיכיזמ האָבנ ביסלעכווײַז געווירקט אויכ אפ דער ענדערונג אונ דעפאָרמירונג פונעמ ליטעראַרישנ סטיל.

דער רעאַליזמ, וואָס האָט געהערשט איבערהויפּט אינ דער עפּאָכע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג, הייבט אָנ ביסלעכווײַז ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכנ סימוואָליזמ אונ אימפּרעסיאָניזמ. אויב דער הערשנדיקער סטיל פונ דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור בלײַבט, ווי פריער, דער רעאַליזמ (אינ די ווערק פונ גאָרקי, סעראַפימאָוויטש אונ אנדערע), ווערט אינ דער בורזשואַז־רעאַקציאָנערער ליטעראַטור פארשפּרייט וואָס ווײַטער אַלצ מער דער דעקאַדענטישער סימוואָליזמ אונ אימפּרעסיאָניזמ.

דידאָזיקע ליטעראַטור האָט זיכ באמת ביכלאַל אוועקצוגיינ פונ דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, זי האָט זיכ דערווײַטערט פונעמ סאָציאַלנ לעבנ מיט זײַנע שרעקנ אונ אכזאָריעסנ, מיט זײַנע רעפּרעסיעס אונ טליעס, אונ האָט גערופנ צו פארטיפנ זיכ אינ די אייגענע אינערלעכע איבערלעבונגענ. זי האָט פארנומענ די אופמערקזאמקײַט פונעמ לייענער מיט די אזוי־גערופענע „אייביקע פּראָבלעמענ“, מיט די פּראָבלעמעס פונ לעבנ אונ טויט, ליבע, שיינקײַט, אייביקײַט אונ דאָסגלײַכנ.

וואָס ווײַטער די ליטעראַטור איז אָפּגעגאַנגענ פונ דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, וואָס טיפער זי איז געזונקענ אינ טהאָמ פונ די „אייביקע פּראָבלעמעס“, האָט זי זיכ

דערנעענטערט אלץ מער און מערער צו דער גרענעץ פון מיסטיק, פון „יענ־זײַטיקײַט" און פון „גאָטהײַט", און דידאָזיקע ענדערונגען האָבן געבראכט אויך צו נײַע שפּעפערישע מעטאָדן, צו נײַע ליטעראַרישע סטיל־אויספאָרמירונגען.

אַלס סאַמע פּאַסיקסטע פאָרם פאַר די „יענזײַטיקע" אָנדײַטונגען און פאַר די מיסטישע „גאָט־זוכונגען" האָט זיך ארויסבאַוויזן דער סימבאָליזם. דער ניט קלאָרער נעפּלדיקער און צווײדײַטיקער סימוואָל, וואָס איז געווען דאָס הויפּט־מיטל פון דערדאָזיקער ליטעראַרישער ריכטונג, האָט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט די סימוואָליסטישע קונסט פון דעם ארומיקן לעבן.

דער סימוואָליזם האָט זיך אויך געלאָזט אויסנוצן פאַר די נאַציאָנאַליסטיש־מעשיכישע אידייען, און דאָ איז ער שוין געווען מער ווי אַן אָפּווענד־פּונקט,— דער סימוואָליזם איז שוין דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומיטלבאַר געווער פאַר די אינטערעסן פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע.

אַ צווייטע ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געווען אין דער רעאַקציע־עפּאָכע, דאָס איז דער אימפּרעסיאָניזם.

דער גרונט־שטריך פונעם אימפּרעסיאָניזם איז פּאַסיווע צושויערײַ און זעלבסט־געריבלערײַ. דער סימוואָליזם איז אָנגרײַפעריש, דער אימפּרעסיאָניזם רעאַבילי־טירט איבערהויפּט און פאַרטיידיקט זיך. דער סימוואָליזם מ י ש פ ע ט די וועלט, דער אימפּרעסיאָניזם ש י צ ט ז י ך פון דער ארומיקערווירקלעכקײַט, ער שטרעבט בלויז צו שאַפן אַ געוויסע מעכיצע צווישן זיך און דער ארומיקער וועלט. און גאַנצן אָפּט באַשטייט דידאָזיקע מעכיצע בלויז פון אַ דינער שפּאַ־גיער ווענטל, וואָס איז גענוג פּילבאַר און דורכדרינגלעך פאַר דער ארומיקער ווירקלעכקײַט און וואָס לאָזט דורך און שפּיגלט אָפּ דידאָזיקע ווירקלעכקײַט אָן איבעריקע פאַרקרימונגען און פאַרקריפּלונגען.

אָבער אויך דער אימפּרעסיאָניזם איז געווען אַן אויסדרוק פון רעאַקציע, אַן אויסדרוק פונעם דרוק פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע אַף דער ליטע־ראַטור. דער אימפּרעסיאָניזם בויט דעריקער אַף דער עמפּפינדונג, אַף די אור־מיטלבאַרע עמפּירישע שפּירונגען, זײַן פילאָסאָפישע באַזע — דאָס איז דער עמפּיריאָקריטיציזם, די פילאָסאָפיע פון ערנסט מאַך. וועגן דערדאָזיקער פילאָ־סאָפיע לייענען מיר בא לענינען אין זײַן דערמאָנטן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם" אָט וואָס:

„ערנסט מאַכס לערע וועגן זאַכן, ווי וועגן עמפּפינדונגען־קאָמפּלעקסן, דאָס איז סוביעקטיווער אידעאַליזם... אויב די קערפּערס זײַנען „עמפּפינ־דונגען־קאָמפּלעקסן", ווי עס זאָגט מאַך, אָדער „עמפּינדונגען־קאָמבי־נאַציעס", ווי עס זאָגט בערקלי, איז דרינגט פון דעם אומפאַרמײַדלעך ארויס, אַז די גאַנצע וועלט איז בלויז מײַן פאָרשטעלונג. ארויסגייענדיק פון אַזאַ האַנאָכע, קאָן מען ניט קומען צו דער עקזיסטענץ פון אַנדערע מענטשן אויסער זיך אַליין: דאָס איז דער ריינסטער סאָליפּסיזם" (לענין, באַנד 13, זײַטל 34).

דער סאָליפּסיזמ פירט צו אגנאָסטיציזמ, וואָס עפנט שוינ א טיר צו מיסטיציזמ. אזויארומ זעענ מיר, אז צווישנ סימוואָליזמ אונ אימפּרעסיאָניזמ איז ניט פאראנ קיינ איַזערנע וואנט. דער אימפּרעסיאָניזמ קאָנ גרינג אריבער אינ סימוואָליזמ. עס טרעפט אויכ פארקערט, אז די סימוואָליקער נוצנ אויס די שעפערישע מעטאָדנ פונעמ אימפּרעסיאָניזמ.

אינ דער עפּאָכע פונ רעאקציע איז דער אימפּרעסיאָניזמ געווענ שטארק פארשפרייט, עפשער ניט ווייניקער ווי דער סימוואָליזמ.

דער מעטאָד פונ בערגעלסאָנס שאפנ איז אויכ — דער אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד, דערבײַ מיט געוויסע סימוואָליסטישע עלעמענטנ.

ווי מיר האָבנ שוינ אויבנ געזענ, האָבנ בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזמ פארצייכנט גלײַכ אלע זײַנע ערשטע אונ שפּעטערדיקע קריטיקער, אונ דאָס איז אבסאָליוט ריכטיק. אָבער זאָגנ, אז בערגעלסאָנ איז אנ אימפּרעסיאָניסט, הייסט נאָכ גאָרניט ניט זאָגנ. ווײַל סע איז פאראנ אימפּרעסיאָניזמ אונ אימפּרעסיאָניזמ. די פאָרמענ, וואָס סע נעמט אָנ דער אימפּרעסיאָניזמ בא פארשיידענע שרײַבער אונ אמאָל בא איינעמ אונ דעמ זעלביקנ שרײַבער, נאָר אינ פארשיידענע ווערק, זײַנענ זייער פארשיידנארטיק סײַ לויט זייער סאָציאַלנ טאָכ, סײַ לויט זייער אויסערלעכנ אויסדרוק. צומ בײַשפּיל: אימפּרעסיאָניסטיש־העדאָניסטיש איז שאָלעמ אש אינ זײַנ בורזשואז־רעאקציאָנערנ ווערק „דאָס שטעטל". אימפּרעסיאָניסטיש-סימוואָליסטיש איז י. ל. פּערעצ אינ זײַנ קליינבירגערלעכ־רעאקציאָנערנ „באנאכט אפנ אלטנ מארק" אונ אינ א ריי אנדערע ווערק. אימפּרעסיאָניסטיש זײַנענ ה. ד. נאָמבערגס דערציילונגענ אונ נאָכ פיל אנדערע ווערק פונ דער דעמלטיקער יידישער ליטעראטור.

נאָכ מער פילפארביק אונ פארשיידנארטיק זײַנענ די אנטפלעקונגענ פונעמ אימפּרעסיאָניזמ אינ דער רוסישער אונ אינ דער מײַרעוו־אייראָפּיישער ליטעראטור.

וואָס־זשע איז דער טאָכ אונ די ריכטונג פונ בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזמ?

קעדיי פעסטצושטעלנ דעמ באזונדערנ כאראקטער פונ בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזמ, דארפנ מיר גענוי אנאליזירנ דעמ סטיל פונ „נאָכ אלעמענ". איינציַיטיק וועלנ מיר דאָ ברענגענ בײַשפּילנ אויכ פונ „ארומ וואָקזאל" אונ „אָפּגאנג", וואָס זײַנענ ענלעכ לויט זייער סטיל צו „נאָכ אלעמענ".

5

אויכ דאָ, אינ „נאָכ אלעמענ", טרעפנ מיר יענע גרונט־שטריכנ פונ בערגעלסאָנס שאפנ, וואָס מיר האָבנ זיי אויבנ פארצייכנט אינ „ארומ וואָקזאל". אויכ דאָ הערשט אינעמ ווערק דורכויס דער גײַסט פונעמ צענטראלנ פערסאָנאזש, מירלס בלאָנדזשענדיקער גײַסט. דאָס פאלנ פונ גדאליעס הויז גייט אויכ דאָ אינ „נאָכ אלעמענ" האנט־בא־האנט מיטנ אופקומ פונ אנדערע נײַע הײַזער: פונ די בורנעסעס, טאראבײַס, זײַדענאָווקיס. די אונ נאָכ אנדערע — די ליובא־

שיצעס, מאָנטשיק און נאָכ בויענ מיט זיכערקײַט זייערע נעסטנ און זײַנענ מיטנ לעבנ דאפקע צופרידנ. אָבער דער הערשנדיקער גײַסט אינײַעמ הײַרק איז מירלס גײַסט. מירלס געמיט זאפט מיט זיכ דורכ די שטימונג און טעטיקײַט פונ אלע אנדערע פארשוינענ אינעמ ווערק און פארשפרייט אויכ אפ זיי די „נאָכ אלעמענ"־שטימונג און דעמ „אָפגאנג"־שײַנ.

וואָווע בורנעס, אשטייגער, טרעט ארויס אינ „נאָכ אלעמענ" ווי א פײַער־קער סוכער, וואָס שטײַגט בארג־ארופ און פארפעסטיקט זײַנ שטאנד וואָס ווײַטער אלצ מערער. און דאָכ ווײַזט אונדז בערגעלסאָנ וואָווענ פארנומענ מיט זײַנ אומיטלבארער טעטיקײַט בלויז איינ מאָל.

„גאנצע טעג איז ער רײַטנדיק אפ זײַנ פערד ארומגעלאָפנ. געווענ פול דורכויס, אכטונג געגעבנ אפ די טווע־שנײַדער און אפ די ארבע־טער, וואָס האָבנ דעמ ווייצ אינ די נידעריקע האלב־פינצטערע שאָפעס גערייניקט און געוויגנ, זיכ אויכ ארויפגעכאפט אהינ צו דער דאמפ־מאשינ און דאָרט אפ די שמייכלדיק־פוילע שיקסעס אָנגעשריענ" (נאָכ אלעמענ", 11).

אָט דאָס איז די איינציקע שטעל, ווו מיר זעענ וואָווענ פארנומענ און צו־פרידנ מיט זײַנ טעטיקײַט. און ווײַטער ווערט שוינ וואָווע דורכויס פארמירלט. שוינ אפנ צווייטנ זײַטל לייענענ מיר:

„און ווענ די ארבעט מיטנ טומל האָבנ זיכ צולעצט געענדיקט, און די גאנצע אויסגעדראָשענע טווע האָט שוינ אלע נידעריקע שאָפעס פארפולט, האָט ער זיכ אָקאָרשט ווי פונ א כאָלעמ ארומקוקנ גענומענ, און האָט דערזענ: סאמע די הייסטע זומערדיקע דריטהאלבנ כאדאָשימ זײַנענ שוינ אריבער, און די טעג זײַנענ שוינ קענטיק קלענער און קי־לער געוואָרנ; ער אליינ איז מיד און שלאָפט צופיל אינ די קליידער, שלאָפט אינ זיי באטאָג און באנאכט, כאפט זיכ אופ מיט יעדנ קליינעמ רעגנדל, וואָס הייבט אָנ פונ די פארוואָלקנטע הימלענ אינ זײַנ בלעכע־נעמ דאכ צו קלאפנ, ליגט מיט א פארשלאָפענעמ מויעכ און מיט אָפענע אויגנ און טראכט:

„— די בורעקעס זײַנע... זיי וואקסנ..." („נ. א.", 12).

איז אָט, זײַנ ווירקלעכע טעטיקײַט איז בלויז א כאָלעמ געווענ, די עמעסע ווירקלעכקײַט — דאָס איז דאָס האלב־דרימלענ, דאָס שטענדיקע קוקנ און טראכטנ מיטנ פארשלאָפענעמ מויעכ און האלב-אָפענע אויגנ.

דער ערשטער טייל „נאָכ אלעמענ", וואָס הייסט „וואָווע בורנעס", פארענ־דיקט זיכ אזוי:

„אינ מויעכ האָט זיכ בא אימ (בא וואָווע בורנעסנ — מ.) נאָכאמאָל די שײַלע איבערגעכאזערט:

איז שוינ, הייסט עס, אנ עק צו די טנאָימ... איז שוינ, הייסט עס, „נאָכ אלעמענ" („נ. א"., 27).

אזוי ווערט וואָווע בורנעס אויך „פארמירלט”. וואָווע ווערט א כאָסנ פאר גאָכעמ טאראבייַט מיידל אונ שיקט די טנאָימ אָפ צוריק. ער וועט שוינ קיינ־מאָל ניט כאסענע האָבנ... אונ שמוליק זייַדענאָווסקי, ווענ מירל פארלאָזט אימ, באשליסט אויך שוינ קיינמאָל ניט כאסענע האָבנ. אונ אלצ, וואָס ס׳קומט אינ בארירונג מיט גדאליע הורוויצעס טאָכטער, ווערט „פארמירלט”, ווערט פארמישפעט אָפ אונטערגיינ. גדאליע הורוויצ טייַנעט פארנ טויט מיט אוורעמ־לענ דעמ ראָוו:

„וואָס וויינסטו? נאר איינער, ווענ איך פיל, אז איך לאָז עמעצנ איבער נאָך זיך, וואָלט איך געגאנגענ אהינ, ווי צומ טאנצ” („נ. א.”, 315).

אונ אינ דער זעלביקער צייַט, וואָס גדאליע גויסעסט דאָ אינ שטעטל, ווערט די שוואנגערנדיקע מירל אינ דער גרויסער שטאָט פאָטער פונ איר צוקונפ־טיקנ קינד. עס גייט אונטער די מישפאָכע הורוויצ. נאָר אינ „נאָך אלעמענ” ווערט עס געשילדערט אזוי, פונקט ווי עס וואָלט אונטערגעגאנגענ די גאָרע וועלט... טאָמער האָט מיריאָמ ליובאשיצ, וואָס האָט אמאָל אינ די פארטיי־קרייַזלעך געטאראַמט, יאָ כאסענע געהאט אונ האָט אפילע א מיידעלע, האָט אָט דאָס מיידעלע „אנ אויסגעצויגנ אונ נאס אייבערשט ליפל אונ קורצ נעזל”, זי קוקט אָפ אלעמענ מיט „גלעזערנע אייגלעך” („נ. א.”, 251).—די זעלביקע גלעזערנע אויגנ, וואָס באמ גימנאזיסט פונ „ארומ וואָקזאל”. ביינעש רובינ־שטיינ האָט קיינ קינדער ניט. מיילעך ווערט א כאָסנ אונ באגייט זעלבסטמאָרד נאָך פאר דער כאסענע. כאיִמ־מוישע איז אנ אלטער באָכער. די גאנצע וועלט האָט קיינ יאָרשימ ניט...

אונ אָט דידאָזיקע הערשונג פונעמ צענטראל־פערסאָנאזש, פונ מירלענ, אינ „נאָך אלעמענ” האָט זיך אויך אָפגעשפיגלט אָפ דער אנטוויקלונג פונעמ סיו־זשעט, אָפנ פייזאזש אונ אָפ אנדערע סטיל־קאָמפאָנענטנ אינעמ ווערק.

מיר וועלנ אָנהייבנ פונעמ סיוזשעט אינעמ בוך:

אינ „נאָך אלעמענ”, א ראָמאנ אינ 4 טיילנ, האָבנ מיר קימאט ניט קיינ שומ סיוזשעט. דער ראָמאנ איז קאָנצענטרירט ארומ דער פיגור פונ מירל הורוויצ, וואָס איז אינגאנצנ אָפגעזונדערט פונ דער ארומיקערווירקלעכקייַט—בלייַבט דעריבער דאָ ניט קיינ אָרט פאר דער אנטוויקלונג פונ א קאָמפלי־צירטנ סיוזשעט.

אינעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, אינ דער קלאסנ־געזעלשאפט זייַנענ מענטשנ געקניפט אונ געבונדנ צווישנ זיך אינ קאמפ אונ גערangל דורך טויזנטער פעדעמ. יעדער אינדיווידל קעמפט פאר זייַנ עקזיסטענצ, רייַסט איינע פעדעמ, וועבט אריינ אנדערע, אונ דאָס גאנצע געוועב פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ האלט דערומ אינ איינ באוועגנ זיך אונ בייַט יעדער ווייַלע זייַנ געשטאלט. אזויארומ בייַטנ זיך די סיטואציעס אינ א קונסטווערק, וואָס שילדערט אָט דעמדאָזיקנ קאמפ אונ גערangל, אָפ א נאטירלעכנ אויפנ. דאָ, אינ בערגעל־סאָנס שטעטל, איז אלצ פארגליווערט, קימאט יעדערער פונ די פערסאָנאזשנ

איז אָפּגעזונדערט פונ אלעמענ, איז אליינ פאר זיכ. די מאָמענטנ פונ נאטיר־לעכער באהעפטונג אונ צוזאמענשטויסונג צווישנ לעבעדיקע מענטשנ זײַנענ דאָ זייער זעלטנ, — פעלט דערום האנדלונג, פעלנ קאָנפליקטנ, פעלט פלאצ פאר סיוזשעט.

אפילע יענע קנאפּע מאָמענטנ, ווענ בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשנ טרעטנ שוינ יאָ ארײַנ אינ א וואָסער ס'ניט איז באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, ווערנ אָפּטער אויסגעמיטנ בא בערגעלסאָנענ, אָדער זיי ווערנ געשילדערט אינ א פארטושירטער אונ פארהוילענער פאָרמ. די קאָליזיעס אונ קאָנפליקטנ צווישנ די פארשיידענע פּערסאָנאזשנ ווערנ באוויזנ ניט דאנ, ווענ זיי קומענ פאָר, נאָר שפּעטער, אינ דער פאָרמ פונ א דערמאָנונג באמ צענטראלנ פּערסאָנאזש, אינ דער פאָרמ פונ געדאנקענ אונ פאָרשטעלונגענ וועגנ אָט די קאָליזיעס אונ קאָנפליקטנ. געשעענישנ, וואָס ווערנ געשילדערט טאקע אינ דעמ מאָמענט, ווענ זיי קומענ פאָר, איז דאָ א זעלטענע דערשײַנונג. דער ראָמאנ „נאָכ אלע־מענ" הייבט זיכ אָנ אָט ווי:

„גאנצע פיר יאָר האָט זיכ צווישנ זיי געצויגנ דער היימישער קליינשטע־טלדיקער שידעכ, אונ געענדיקט האָט ער זיכ אָט וויאזוי: זי, רעב גדליעס הורוויצעס באסיעכידע, האָט אימ סאָפּקאָלסאָפּ די טנאָימ אָפּגעשיקט".

דאָס ווײַטערדיקע וועט זײַנ שוינ אנ אָפּקלאנג אונ דערמאָנונג וועגנ א שידעכ, וואָס האָט זיכ געצויגנ „גאנצע פיר יאָר".

דאָס בוכ „אָפּגאנג" הייבט זיכ אָנ מיט דעמ, וויאזוי מע האָט מיילעכנ מעקאבער געווענ. אונ ווײַטער וועט אפ פילע זײַטלעכ געשילדערט ווערנ ר'עטראָספּעקטיוו מיילעכס לעבנ.

בערגעלסאָנ שילדערט בלויז דעמ קאָנפליקט באמ הויפּט־פּערסאָנאזש גופע, ער גיט איבער בלויז די איבערלעבונגענ פונ אָט דעמ פּערסאָנאזש, ווענ יע־נער בלײַבט מיט זיכ אליינ, אונ דידאָזיקע איבערלעבונגענ ברענגענ דאָסראָוו ניט דעמ פּערסאָנאזש צו קיינע מײַסימ אונ אונטערנעמונגענ, צו קיינע צוזא־מענשטויסנ מיט אנדערע.

אונ טרעפט שוינ, אז דער פּערסאָנאזש מאכט יאָ א פּרווו צו קומענ אינ באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, קומט דערפונ גאָרניט ניט ארויס. עס קומט ניט ארויס ניט דערפאר, וואָס די פּערסאָנאזשנ האָבנ ניט געטראָפנ דעמ אנטשפּרעכיקנ אדרעסאט, נאָר דערפאר, ווײַל דער אדרעסאט פונעמ פּער־סאָנאזש גופע איז ניט קיינ „אנטשפּרעכיקער". דער פּערסאָנאזש איז, אינ בערגעלסאָנס שילדערונג, ניט פייִק לויט זײַנ טעווע ארײַנצוּוועבנ זיכ אינ דער ארומיקער ווירקלעכקײַט אפ אנ אָרגאנישנ אויפנ. דערפאר ווערנ שוינ פונ אָנהייב אָנ אלע זײַנע באמיִונגענ אײַנצופלאנצנ זיכ אינעמ ארומיקנ לעבנ פארמישפּעט אפ דורכפאל אונ אומפּרוכטבארקײַט.

אונ אָט דעריבער ציט זיכ בערגעלסאָנס ראָמאנ „נאָכ אלעמענ" אזוי לאנג־זאמ אונ איינטאָניק אינ אלע זײַנע 4 טיילנ.

אינעם גאנצן ראָמאן האָבן מיר פּאקטיש ניט קיין שום אקטיווע האנדלונג פון די פּערסאָנאזשן. דער צענטראַלער פּערסאָנאזש איז דורכויס פּארנומען מיט בלויזע רעפלעקסיעס. מירלס איינציקע אקטיווע באריִרונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, — דאָס איז איר שטייגן אין שידוכים און איר כאסענע האָבן מיט שמוליק זיידענאָווסקין. און ארום דערדאָזיקער אקציע דרייט זיך די גאנצע האנדלונג פונעם ראָמאן (מירלס באציִונגען מיט ליפּקיסן, נאָסן העלער און הערצן בלייבן ניט אנטוויקלט און טראָגן דאָ דעם כאראקטער בלויז פון צווייטראנגיקע עפּיזאָדן).

אין דער ערשטער העלפט בוך ווערט געשילדערט מירלס איינרייס מיט וואָווע בורנעס און איר קנאסמאָל מיט שמוליק זיידענאָווסקין. אין דער צווייטער העלפט בוך — איר איינרייס מיט שמיליק זיידענאָווסקין. אפ צענדליקער זייטלעך ווערט באשריבן, וויאַזוי מירל דרייט זיך ארום א פארכאָלעמטע בא זיך אין שטעטל. זי טראָגט זיך ארום מיט פארשיידענע פּלענער צו פארלאָזן דעם טאטנס שטוב, און קאָן זיך אפ דעם זייער לאנג ניט באשליסן. און נאָך איר כאסענע האָבן מיט שמוליק זיידאנאָווסקין ווערט ווידער געשילדערט אפ צענדליקער זייטלעך, וויאַזוי זי טראכט וועגן דער נייטיקייט צו פארלאָזן די שטוב פון די זיידענאָווסקיס און קאָן זיך אויך אפ דעם זייער לאנג ניט באשליסן.

אזוי שטויסט זיך די האנדלונג אין „נאָך אלעמען" אפ איין אָרט. די פּערסאָנאזשן ענדערן זיך ניט אין מעשעך פונעם גאנצן ראָמאן. אלץ איז שטאנדהאפטיק און אלץ האלט אין איין פּאמעלעכן און לאנגזאמען גליוורן, א גליווערן, וואָס מוז דערפירן צום שטילן אָפּגאנג.

6

אָט די אין זיך צוזאמענגעפרעסטקייט פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשן אין „נאָך אלעמען" ווערט נאָך בולעטער, ווען מיר באטראכטן זייער שפּראך, דעם דיִאלאָג אין בערגעלסאָנס דערמאנטע ווערק.

וויאַזוי ריידן בערגעלסאָנס פּארשוינען? מערסטנטייל שווייגן זיי אינגאנצן. עס שווייגט ביינעש און איציק־באָרעך אין „ארום וואָקזאל". עס שווייגט מירל, וואָווע און דער סטודענט ליפּקיס אין „נאָך אלעמען". עס שווייגן מיילעך, כאיִם־מוישע און עטל קאדיש אין „אָפּגאנג".

און, ווי שטענדיק בא בערגעלסאָנען, ווערט דערדאָזיקער שטריך — אָט די שטומשווייגעניש — פארשפּרייט ניט נאָר אפ די צענטראַלע פּערסאָנאזשן, נאָר אויך אפ די איבעריקע.

אין „ארום וואָקזאל" „ווילט זיך קיינעם פון אָרט ניט רירן און נישט ריידן" („ארום וואָקזאל", 4). „פּיני ליסאק גייט צו א פרעמדן סוחער צו, פּארקרימט זיך ווי אפ א נעדאָווע בעטן, און איז אים אפ שטום־לאָשן מודיִע: איך בין פּיני ליסאק..." („ארום וואָקזאל", 5—6).

דאָס זעלביקע אין „נאָך אלעמען". אויב גדאַליע הורוויץ רעדט נאָך א פּאָר ווערטער, בלייבט אווראָם־מוישע שטום קימאט אינגאנצן די צייט. אווראָם־

מוישע בורנעס „שווייגט לייטיש". נאָכעם טאַראַבאַיעס מיידל איז א „שטאָלצע און שלעכט-שווייגנדיקע". אפילע די שווארצע ערד-פלעקן האָבן „צו די פּאר־וואָלקנטע הימלען געקוקט און שטומערהייט בא זיי געפרעגט..." („אָרום וואָקזאל", 62), און אויך די אויסגעדראָשענע טוועס „טראַכטן שטומערהייט וועגן מירלען" („נ. א". 12).

מיטן שווייגן איז פארבונדן אויך די שטילקייט, וואָס הערשט דורכויס אין בערגעלסאָנס ווערק און באציט זיך סיי צו די לעבעדיקע געשטאלטן און סיי צו דער נאַטור.

וואָווע בורנעס רעדט שטיל, און אין דאָרף, ווו ער וווינט, איז פוסט און שטיל. דער אָנטרייבער פאָרט באלעבאטיש שטיל, און אפילע שעלטן שעלט וואָווס מאמע איר געוועזענע קאלע (מירל הורוויץ) אויך „מאָרעשכוירעדיק און שטיל". דער דרויסן איז „אויסגעשטאָרבן" און שטיל. דער וואלד איז געשטאַנען דרעמלענדיק און שטיל" („אָפּגאַנג"). און די גאנצע וועלט ביכ־לאל ווייזט מירלען אויס א שטילע און שטומע.

— ליפּקיס, איר הערט, ווי די וועלט שווייגט? („נאָך אלעמען", 38).

און טרעפט שוין אמאל, אז בא בערגעלסאָנס פערסאָנאַזשן ווערט יאָ גע־בוירן א ווילן אופצורייסן זייער שטומקייט, פילן זיי עס זייער זעלטן אויס. אָפטער בלייבט דערדאָזיקער פארלאנג זייערער ניט פארווירקלעכט. אָט זיינען א פּאָר ביישפּילן:

„און אים, ביינעשן, האָט זיך איינמאָל שטארק געוואָלט צוגיין צו אוראָמטשיקן און אים זאָגן" („אָרום וואָקזאל", 32).

אים האָט זיך געוואָלט זאָגן, ער זאָגט עס אָבער ניט.

מירלען ווילט זיך זאָגן דער אקושאָרקע שאַץ: „מיט אַן איראָנישן שמייכל אף די ליפּן וועט מען אייך סאָפקאָלסאָפּ אין קייווער אריינלייגן" („נ. א." 57).

ליפּקיס שרייבט מירלען בריוו און שיקט זיי ניט אָפּ. דער אקושאָרקע שאַץ וויל ער איינמאָל א שארפ וואָרט זאָגן:

„ — יאָ, דער אקושאָרקע שאַץ גייט שוין קלוימערשט קיינמאָל ניט אָפּ דאָס, וואָס זי האָט ניט און וועט קיינמאָל ניט האָבן..." נאָר ער האלט זיך איין און קוקט מיט סינע אף איר אופגערעגטן פּאָנעם און שווייגט". („נ. א.", 59).

און ריידן שוין יאָ בערגעלסאָנס פערסאָנאַזשן — ריידן זיי מיט גאָר א באַ־זונדער שפּראך. דער דיאַלאָג בא בערגעלסאָנען איז א ביז גאָר אייגנארטיקער. מיר האָבן דאָ פאר זיך ניט קיין לעבעדיקן געשפּרעך, ווו דער מיטשפּרעכער שטייט פאר די אויגן, נאָר ווי א געשפּרעך מיט זיך אליין. בערגעלסאָנס דיאַלאָג — דאָס איז אייגנטלעך ניט קיין דיאַלאָג נאָר א געדאנקענגאנג, וואָס ווערט צופעליק אונטערגעהערט פון די מיטשפּרעכער, ווועמען דער פערסאָנאַזש באמערקט קי־מאט ניט. בא בערגעלסאָנען אין דיאַלאָג הערשט קימאט דורכויס די דריטע

פערזאָן, און ניט די צווייטע פערזאָן, ווי אין א געוויינלעכן שמועס. אָט זיינען א פּאָר ביישפּילן:

— קאָן ער זיין זיכער, אז אפ זונטיק וועט זיין צוגעגרייט זיין כעזשבן? (נ. א., 10)—אזוי רעדט וואָווע מיטן קרעמער.

— „וואָס־זשע מאכט ער עפּעס, ווי לעבט זיך?" (נ. א., 17) — אזוי שמועסט וואָווע מיטן גרויסשטאָטישן סטודענט. אפילע אזא רירעוודיק און פלוידערנדיק יידל, ווי נאָכעם טאראבײַ, רעדט אויך „בעלאָשן־ניסטער".

— ער האָט פּאר איר א שידעך... אן אנטיקל א שידעך האָט ער פּאר איר (נ. א., 23),—אזוי רעדט נאָכעם טאראבײַ מיט מירלען.

און אָט ווי מירל אליין שמועסט מיט אנדערע:

— „ער מיינט טאקע, אז ס'פּאסט אים אָט די ליכטיקע און ווייכע בערדל, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט פארלאָזט?" (נ. א., 10).

— די אקושאָרקע שאצ שטעלט זיך פּאָר, ווי זי איז איר איצט דאנקבאר דערפאר, וואָס זי איז איצט אהער געקומען? (נ. א., 89).

אינעם לעצטן זאצ קלינגט שוין אפילע ניט אנגענעם דער „זי איז", וואָס כאזערט זיך איבער צוויי מאָל נאָכאנאנד. נאָר אזוי איז שוין בערגעלסאָנ קאָנסעקווענט אין דער איינהיטונג פון דער דריטער פּערזאָן אינעם דיאַלאָג, אז ער האָט שוין דאָ אפילע מעוואטער געוועז אפ דער וווילקלינגעוודיקייט פון דער שפּראך.

די צוויי לעצטע ביישפּילן ווייזן קלאָר און בוילעט, פונוואנען עס נעמט זיך דער „לאָשן־ניסטער". ווען מירל רעדט מיט וואָווען פּאָנעם על פּאָנעם, וואָלט זי אים ניט זאָגן „ער מיינט אפאָנעם, אז סע פּאסט אים די ליכטיקע און ווייכע בערדל". עס קאָן אויך ניט געמאָלט זיין, אז מירל זאָל זיך ווענדן צו דער אקושאָרקע שאצ מיט די ווערטער „די אקושאָרקע שאצ שטעלט זיך פּאָר..." א. אז. וו. קלאָר, אז דאָס האָט מירל געטראכט וועגן דעם און ניט געזאָגט. און בערגעלסאָן אין זיין דיאַלאָג אנטפּלעקט פּאר אונדז ביכלאל נישט מער, ווי דאָס, וואָס די פּארשוינען זיינע טראכטן, און בעשומיפן ניט דאָס, וואָס זיי ריידן און ווי אזוי זיי ריידן טאקע אין דער ווירקלעכקייט.

7

די אינזיך־איינגעשלאָסנקייט פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשן, זייער אָפּגעצוימטקייט פון דער ארומיקער ווירקלעכקייט מאכט זיי אינגאנצן פּאסיוו צו די ארומיקע דערשיינונגען. זיי זיינען אינגאנצן און אויסשליסלעך פּארטאָן מיט זיך אליין, מיט זייערע אייגענע געדאנקען און געפילן. נאָר גייען זיי שוין אמאָל ארויס פון זייערע ענגע דאלעדאמעס, דאן רעאגירן זיי אפ דער ארומיקער ווירקלעכקייט אויך אפ א פּאסיוון אויפן: דורך זען, הערן און טראכטן. דערבײַ טראָגט די רעאקציע קימאט שטענדיק איינעם און דעמזעל־

ביקן כאַראַקטער, דעם כאַראַקטער פון בלויזער קאָנסטאַטאַציע. עס ווערן איבערהויפּט קאָנסטאַטירט געוויסע פאַקטן, סיטואַציעס און אומשטענדן, פיל זעלטענער ווערט געווייליט וועגן דעם, וואָס איז קאָנסטאַטירט געוואָרן, און שוין גאָר־גאָר זעלטן ווערט דער אורטייל באַגלייט מיט א וואָסער ניט איז אַקציע.

פון אָט דעם קאָנסטאַטירנדיקן כאַראַקטער פון די רעאַקציעס בא בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן שטאַמט, אַגעוו, בערגעלסאָנס אייגנאַרטיקער זאַצבוי, וואָס פירט צו א גוואַלדיקער פאַרשפּרייטונג פונעם צווייפּונקט אין בערגעלסאָנס סינטאַקס. פאַרן צווייפּונקט טרעפן מיר צומייניסטנס איינעם פון די ווערבן, וואָס מיר האָבן אויבן פאַרצייכנט: זען, הערן, טראַכטן א. ד. גל. און נאָכן צווייפּונקט קומט אויסגעטיילט דער אַפאָריסטישער קאָנסטאַטירנדיקער זאַץ, ווי אין א דיאַלאָג, וואָס דער פּערסאָנאַזש וואָלט פירן מיט זיך אַליין. אָט זיינען ביישפּילן.

„און געוואָלט האָט זיך, אַז דער פאָטער זאָל שווייגנדיק זיינע פּאַפּיראָסן רויכערן... און זאָל צוזאַמען מיט אים וועגן דעם געוועזענעם מעכוטן טראַכטן:

— ער קען אַפּאָנעם גאַנץ גוט די באַסיעכידקע זיינע... ער האָט זיך אַפּאָנעם נאָך אַדאַיעם פונעם שידעך ניט מעיאַעש געווען" (נ. א., 8).

„פאָרנדיק אַהיים, איז ער שוין דעם גאַנצן וועג שטאַרק אופגערעגט געווען און האָט געטראַכט:

— אָט זיינען שוין אַפּ זיינע פעלדער קימאַט אינגאַנצן די טוועס אויסגעוואַקסן, („נ. א." 10).

„דער גרינגער ווינטל... האָט וועגן געשטאָרבענעם טאָג... מאָרעשכוירעדיק גענאָגט...

— טאַקע ענדלעך אויסגעגאַנגען דער טאָג, אויסגעגאַנגען" (נ. א., 13).

און דערנאָך ווידער:

„ס'האָט זיך געטראַכט:

— דאָרט אין איינעם פון אָט די באַלויכטענע שטאָט־הייזער זיצט זי איצט געוויס אומעטיק און גלייכגילטיק צו די מענטשן, וואָס רינגלען זי אַרום, קוקט מיט די בלויע אויגן אַפּן לאָמפּ און שווייגט" (נ. א., 14).

דאָ איז כאַראַקטעריסטיש דער „ס'האָט זיך געטראַכט". סע טראַכט זיך שוין אַליין פון זיך, און אין דער טראַכטעניש זעט זיך די צווייטע פּערזאָן מירל—אויך אַזא פּאַסיוו־זיצנדיקע און שווייגנדיקע.

אַפן 16־טן זייטל ווידעראַמאָל:

„די אויגן זיינע (וואָסעס) האָבן זיך פון צייט צו צייט ביגנייווע געצויגן און געזען:

„אַכוץ דעם קרומען ליפּקיסן..."

„ער איז דעמאלט אזוי דאנקבאר געווען אָט דעם קלוגן פריילעכן טאראבײַען, געטראכט וועגן אים מיט גרויס אכטונג און געשמייכלט צו זיך אליין:

— אָט דאָס הייסט א קלוגער מענטש" (נ. א., 23).

„אומבאמערקט פאר זיך אליין האָט ער... פארפולט די לופט מיט א שווערן און אומעטיקן שנאָרכן, זיך אלעמאָל אופגעכאפט און זיך דערמאָנט:

— „יעסורים שווערע זײַנען אף אים געקומען" (נ. א., 25).

„ער איז געווען שטארק אומעטיק און דערשלאָגן און האָט גע־טראכט:

— איז שוין, הייסט עס, מיט די טנאָים אן עק... לאכלוטן אן עק" (נ. א., 27).

„אין מויעך האָט זיך בא אים די שײַלע איבערגעכאזורט:

— איז שוין, הייסט עס, אן עק צו די טנאָים, איז, הייסט עס, נאָך אלעמען?" (נ. א., 28).

מיר האָבן ציטירט גענוי, — אָבער ווײַט ניט אויסשעפיק, — דעם ערשטן טייל „נאָך אלעמען", קעדיי צו באווײַזן בוילעט דעם כאראקטער פון די רעאק־ציעס בא בערגעלסאָנס פערסאָנאזש אינעם בוך. פון די ווײַטערדיקע טיילן „נאָך אלעמען" וועלן מיר שוין ברענגען בלויז איינצלנע בײַשפּילן.

נישט בלויז דער שטילער און געזעצטער וואָווע בורנעס, נאָר אויך גדאַ־ליע הורוויץ, דער צעטראָגענער, אקטיווער און טעטיקער סויכער, ווערט אײַנגעהילט אין א שלייער פון שטילער פאסיוקײַט. די גאנצע טעטיקײַט זײַנע ווערט דאָ ארומגעוועבט מיט א געדיכטן שפינוועבס. זי ווערט דורכויס פאר־טונקלט און פארטויבט, אזוי אז קיין לעבעדיקער אָפּקלאנג פון זײַן טאָגטעג־לעכער ארבעט הערט זיך קימאט ניט אין דעם ראָמאן.

„סוידענדיק זיך, איז מען אזוי ביידע (גדאליע הורוויץ מיט זײַן קאַ־סיר — מ.) אין א באזונדער כיידער די גאנצע נאכט אָפּגעזעסן און די דריטע אשמורע ניט באמערקט, געעפנט א לאָדן מיט א פענצטער און דערזען:

פון צאָפּן־מיזרעכדיקן הימל־ווינקל קומט שטיל און טרויעריק דער טונקעלער אָנהייב פונעם עלעלדיקן טאָג" (נ. א., 31).

אָדער אזא שטעל:

„אומגעקערט האָט ער זיך (גדאליע הורוויץ)... און דערזען:

אינעם שווארצן זײַדענעם קאַפּעל... זיצט שוין גיטעלע" (נ. א., 33).

נאָר מער אלץ פון אלע טרעפן מיר אזוינע זאצן דעמאלט, ווען עס רעדט זיך וועגן מירלען. מירן דאָ ברענגען בלויז אייניקע בײַשפּילן.

„צוויי מענטשן (מירל מיט ליפקיסן)... בלאָנקען אזוי שווײַגנדיק... עס שווײַגט ארום זיי מיט א שטילקײַט פון אווילעס — פון אן אײַנזאמער

פּוּרים־שטיבל... ביז א פאַרפרוירענעם טײַכל... דרעמלענ ערגעץ... אָפּגעווײַסטע פעלדער... און נאָרן די אויגן פון א מענטשן, וואָס טראָגט זיך דאָרט זעלטן ווען אַפּ א לויפנדיקן שליטן אדורך:

— זע נאָר, ס׳זאָל שוין זײַן די דעמבענע וועלדער, זאָל עס שוין זײַן?" (נ. א., 37־38).

„ס׳דוכט זיך:

אויערן האָבן אָט די הײַזער, פאַרהוילענע אָנגעשטרענגטע אויערן" (נ. א., 44). — און גלײַך נאָך דעם ווידער:

„ס׳דאכט זיך: גרייט זײַנען זיי צוליב יעדן מינדסטן גערויש..."

און ווײַטער מיט א פּאָר זײַטלעך:

„איר איינציקער באַלויכטענער פענצטער (פון דער אקושאָרקע שאצם שטיבל — מ.) קוקט צו יענע שטיל־שליטלענדיקע פורן... און ווירקט אַפּ זיי מיט לאַנגע טרויעריק־מידע מאַכשאָוועס:

— זײַנען, הייסט עס, פיל מענטשן אומגליקלעך, פאַרזאָרגט און נישט באַפרידיקט" (נ. א., 52).

„קינדער... זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך און פויל... און זיך פאַרקלערט:

— זי וועט קומען, די בלינדע נאַכט... אינגיכן וועט זי שוין גע־ווים קומען" (נ. א., 80).

„זי האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט:

— אַזעלכע מענטשן ווי זי, מירל... אָדער זיי ווערן זיכגערנס אין קאַפּעשאַנטאַנען, אָדער זיי נעמען זיך דאָס לעבן" (נ. א., 114).

„און דאָך: פון צײַט צו צײַט פילט זיך נאָך אַזא שטאַרקע בענקשאַפט נאָך ליבע. ליגט זי דאָ בא זיך אַפּן בעט און טראַכט:

— מענטשן לעבן דערווײַל, דענסטמאָל ווען זי ליגט דאָ איינע אליין אָן א זײַט. זי זעט פון דער ווײַט, ווי זיי לעבן" (נ. א., 157).

און אַזוי גייט עס דורכויס אינעם ראָמאַן: מירל און אַנדערע פאַרשוינען שטייען אָן א זײַט און האַלטן אין איין קוקן און טראַכטן, אין איין צווען און אויסהערן די מײַסים, אָדער וועגן די מײַסים פון אַנדערע מענטשן, בלײַבנדיק אַליין דורכויס פּאַסיוו.

דאָס זעלביקע, כאָטש עטוואָס אין א קלענערער מאָס, טרעפן מיר אויך אין „ארום וואָקזאַל". אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן:

„פון די ביימער זײַנען געפאַלן בלעטער, פּאַמעלעך אין אַלע זײַטן, און סאָפּקאָלסאָפּ ליגן געבליבן אַפּ דעם וואָקזאַל־פּלאַץ, געפאַלענע און דערשלאָגנדיק פרעגנדע:

— איז אָט דאָס, הייסט עס, דער סאָף?" („ארום וואָקזאַל", 28).

און ווײַטער:

„ער האָט נישט געהאַט וווהין צו גיין, איז ער ארומגעגאַנגען דאָ און געטראַכט:

— אוראָמטשיק איז א גראָבער כאזער...” („ארום וואָקזאל”, 40).

„אוראָמטשיק האָט אים געקיצלט און צו אים געשמייכלט, און ער האָט געטראכט:

— פארוואָס קומט דאָס אלץ אוראָמטשיקן?” („ארום וואָקזאל”, 41).

אָפט קומט פארן צווייפונקט דאָס וואָרט „געדענקט”, אָדער „דערמאָנט זיך”, אָדער „סע האָט זיך געמאָלט”. בערגעלסאָנס פארשוינען האלטן אין איין געדענקען און דערמאָנען זיך דאָס, וואָס ס'איז פריִער פאָרגעקומען.

„ער (ביינעש—מ.) האָט זיך דערמאָנט אין א וויכטיקער זאך און זיך ווי פון עפּעס אופגעכאפּט:

— בין איך, הייסט עס, איינער פון די סאָכרים” („ארום וואָקזאל”, 45).

„און דאָך, ער דערמאנט זיך, ער טוט א טראכט: מענטשן האָבן דאָך אים אמאָל ליב געהאט... און ער געדענקט, ווי דעם רעבנס אויגן.. און נאָך געדענקט ער... אלטע ייִדן מיט גרויסע בערד... און נאָך געדענקט ער...—א. אז. וו. („ארום וואָקזאל”, 51).

עס טרעפט אפילע, אז בערגעלסאָן שילדערט, ווי א דערמאנונג, אזוינע געשעענישן און פאקטן, וואָס קומען פאָר טאקע איצט, אינעם געשילדערטן מאָמענט. די לעבעדיקע ווירקלעכקייַט ווערט אינטערפרעטירט ווי פארגאנגענהייַט. און פארקערט: זאכן און אומשטענדן, וואָס זייַנען ערגעץ טיף פארוקט אין צייַט און רוים, ווערן אופגענומען דורך בערגעלסאָנס פערסאָנאזשן מיט א באזונדערער קלאָרקייַט און פלאסטישקייַט ביז די לעצטע דעטאלן זייערע, אָט זייַנען א פאָר בייַשפּילן:

„וויַיט־וויַיט, קעגן דעם האָריזאָנט, האָט זיך שוין געמאָלט דער פרעמדער דאָרף מיט דער צוקער־פאבריק, און די הארץ האָט גענאָגט און מאכטלאָז־שטיל געצויגן צו יענע צוויי פריש־פענעמדיקע און יונגע פאָליטעכניקעס, וואָס שפאצירן איצט דאָרט געוויס, נאָך א לאנגן באטאָגעדיקן שלאָף. ס'האָט זיך אויסגעמאָלט די גרויסע שטאָט, פונוואַנען זיי זייַנען ערשט נעכטן אראָפּגעקומען, און ס'האָט זיך געקלערט:

— עפּעס אן ארבעט האָבן זיי אין יענער גרויסער שטאָט... פארענדיקט... און צו א נייַער וועלן זיי, קומענדיק צוריק אהין, זיך ווידער נעמען גרייטן” (נ. א., 82).

מירל שטעלט זיך פאָר ניט בלויז די פרישע פענעמער פון די פאָליטעכניקעס, נאָר אויך זייער באטאָגיקן שלאָף, זייער שפאצירן און זייער פריִערדיקע און וויַיטערדיקע ארבעט.

אָט איז נאָך א בייַשפּיל פון דעם מין:

„ערגעץ־ווו האָט אין אָוונט א וואך, וואָס פאר א בענזאָכער, געדארפט פאָרקומען. ס'האָבן זיך געמאָלט די געגרייטע טישן, די ייִדן... וואָס וועלן לעכאַים טרינקען... און וויַיט, וויַיט... האָט זיך געמאָלט א צוויי־

טע שטוב... זיצנ וועלנ דאָרט די אקושאָרקע מיט הערצנ... סאפיאנ... אונ יעדער באזונדער וועט געדענקענ ערגעצ־ווו בא זיכ אינ מויעכ:

— ווענג וואָס איז דאָ שײַעכ צו ריידנ?" (נ. א., 172).

„ס׳דוכט זיכ: נישט קיינ רעדער קלאפּנ, נאָר א טרוקענער באסקאָל האלט זיכ דאָרט אינ איינ כאזוערנ:

— מאָרגנ וועט דאָסזעלביקע פאָרקומענ... איבערמאָרגנ וועט דאָס־זעלביקע פאָרקומענ (נ. א., 189).

„אונ געדוכט האָט זיכ שוינ, אז דער הײַנטיקער טאָג קומט פאָר נישט איצט, נאָר מיט 5־6 יאָר צוריק" (נ. א., 223).

„זי איז געגאנגענ צוריק אהיימ אונ האָט געדענקט, אז אינ אָט דער גאנצער גובערניע־שטאָט איז זי איבעריק אונ עלנט... זי... הייבט זיכ אָנ דערמאנענ אינ אלצ, וואָס זי האָט אינ איר לעבנ געטאָנ אונ וואָס דערפונ איז ארויסגעקומענ" (נ. א., 228).

א גרויס אָרט אינ דער טרילאָגיע פארנעמענ די כאלוימעס, קלאנגענ, אָפּ־קלאנגענ פונ ווײַטע געשעענישנ אונ לעגענדעס. דערמאָנט זיכ, אשטייגער, די לעגענדע וועגנ דער טויטער שטאָט אינ „נאָכ אלעמענ", די לעגענדע וועגנ א פרעמדער שטאָט, ווו עס זײַנענ פאראנ בלויז סימאָנימ פונ מענטשנ, אונ קיינ מענטשנ זײַנענ ניטאָ,—אינ „אָפּגאנג", די פאנטאסטישע געשפּרעכנ צווישנ כאימ־מוישענ מיטנ געשטאָרבענעמ מיילעכנ אינ „אָפּגאנג" א. ד. גל.

באזונדערס זײַנענ דאָ פארשפּרייט די מײַסעס אונ מײַסעלעכ, וואָס טראָגנ אָפּטמאָל, ווי די „דערמאנונגענ", א ספּעציפישנ אונ אייגנארטיקנ כאראקטער.

„אונ א ווונדערבארע אלטע מײַסע דערציילט ער דעמלט (מייער העכט—מ.), א מײַסע מיט א פויפּסט, וועלכער האָט אפ דער נאטור אָנגעוויזנ אונ געזאָגט:

— אָט זײַנענ מײַנע ביכער" („ארומ וואָקזאל", 30).

„ס׳האָבנ מאָנאָטאָניש געקלונגענ די גלעקער אונ פאמעלעכ דערציילט אלצ איינ טרויעריקע לאנגע מײַסע; א מײַסע מיט א ווײַט־פארוואָרפנ וועלט־ווינקל, ווו ס׳ציט זיכ אנ אייביקער ווינטער, א מײַסע מיט הויכע שניי־בערג, וואָס דרימלענ דאָרט אונטער אייביקע נעפּלענ אונ כאפּנ זיכ קיינמאָל ניט אופ" („ארומ וואָקזאל", 54).

„די קלעפּ פונעמ שמיד האָבנ ערגעצ ווײַט דערציילט די שטיל־קײַט, אלצ איינ לאנגזאמע טרויעריקע מײַסע.

— א מײַסע מיט א דערשלאָגענעמ.

— א מײַסע מיט אנ אומגליקלעכנ.

— א מײַסע מיט א טרויעריקנ" („ארומ וואָקזאל", 79).

אזוי דערציילנ די קלעפּ פונעמ שמיד ביינעש רובינשטיינענ בא בערגעל־סאָנענ. בא אנדערע דיכטער האָבנ די קלעפּ פונעמ שמיד, ווי מיר ווייסנ, גאָר

אנדערע מײַסעלעך דערציילט. אנדערע דיכטער האָבן אין דידאָזיקע קלעפּ דערהערט די שטים פון דער צוקונפט. דאָוויד בערגעלסאָן פון די דערמאָנטע ווערק ווייסט אָבער פון קיין שום צוקונפט ניט. ער הערט בלויז די טרויעריקע שטים פון דער פארגאנגענהײַט און די נאָגנדיקע און האָפענונגלאָזיקע מײַסעלעך פון דער קעגנווארט. און אָט דידאָזיקע טרויעריקע מײַסעלעך דערציילן דאָ סײַ די פּערסאָנאזשן, סײַ די נאטור, סײַ די כּפייצים.

אין „נאָך אלעמען” טרעפן מיר אזוינע מײַסעלעך נאָך מער. אָט זײַנען א פּאָר בײַשפּילן:

„דרײַ לאנגע פּאסאזשיר־צוגן... לאָזן איבער דער ארומיקער פעלדשטילקײַט א טרויעריקן ווידער־קאָל פון פיל אָנגעהויבענע און נישט פארענדיקטע אומגליקלעכע מײַסעס:

— א מײַסע מיט א שיינער און יונגער ווײַבל, וואָס האָט געפעלשט אין איר מאן...

— א מײַסע מיט א פרומען... ייִד, וואָס האָט... מעכאַלעל שאבעס געווען” (נ. א., 48־49).

און ווידער:

„ווײַט ווײַט אין דאָרף האָבן פיל הינט... לעגענדאריש פכאָדימדיקע מײַסעס דערציילט:

— דער מאלכאמאָוועס לאָקערט דאָ אין דער פינצטער” (נ. א., 52).

„ס'האָט זיך געדענקט א מײַסע...

א שווײַגנדיקע ווײַבל... הייבט זיך אויף אין איינעם א פרימאָרגן... זאָגט פארן אוועקגיין קיין וואָרט ניט דעם מאן... און קומט מער אהיים נישט צו גיין” (נ. א., 218־219).

עס טרעפט אָבער אויך, אז אפילו גאָר געוויינלעכע געשעענישן פון דער ארומיקער ווירקלעכקײַט פארוואנדלט בערגעלסאָן אין לעגענדארע און טרויעריקע מײַסעלעך.

„אין דער שטילקײַט... האָט זיך שוין געדענקט עפּעס אן אומעטיקע און שטילע מײַסע; א מײַסע מיט א פארצווייוואָכעדיקן שאבעס פארנאכט, ווען בא רעב גדאליען אין שטוב זײַנען די מעכוטאָנים מיטן כאָסן געווען” (נ. א., 146).

און ביכלאל, דאָס גאנצע לעבן מירלס שטעלט זיך איר פאָר, ווי איין לאנגע און אומעטיקע מײַסע.

„מירל האָט געדענקט עפּעס א שטילע אומעטיקע מײַסע, וואָס האָט מיט איר אליין פון קינדווײַז אָן פּאסירט:

— איז זי געוואקסן א באסיעכידע... האָט זיך איר עפּעס געוואָלט — איז זי געוואָרן אפן 17־טן יאָר א קאלע פאר וועלוועל בורנעס... איז דאָס געווען קארג, איז זי אוועקגעפאָרן אין קרײַז־שטאָט און גענומען לערנען דאָס, וואָס אלע... האָט עס נישט געהאָלפן — איז זי צוריק

אהיים געקומענ און, דאכט זיך, ליב באקומענ... נאָסנ העלערנ... איז דאָס אָבער אלצ קארג געוועג״... א. אז. וו. (נ. א., 57).

אזוי ווערט דאָ פארשווונדנ די גרענעצ צווישנ ווירקלעכקייט און לעגענדע און איינס גייט אומבאמערקטערהייט אריבער אינ דאָס צווייטע.

7

דידאַקטיקע אוממערקלעכקייט איז בלויז באַם לייענער. דער שרייבער אָבער אָרגאַניזירט דורכויס זיינ ווערק באַוווסטזיניק, און דעמלט, ווענ עס איז נייטיק, ווערנ צוריק אָפּגעשאַפט די געדיכטע נעפּלענ און ס׳ווערנ אופגעשטעלט די גרענעצנ צווישנ לעגענדע און ווירקלעכקייט, צווישנ לעבעדיקע מענטשנ, לעבעדיקער נאַטור און שטומענ כייפעצ.

מיר האָבנ שוינ אויבנ געזענ אינ די ביישפּילנ, וויאַזוי בערגעלסאָנ ציט אריינ אינ דער שטימונג פונ די פּערסאָנאַזשנ סיי די לעבעדיקע נאַטור, וואָס רינגלט זיי ארום, און סיי דעמ כייפעצ.

די נאַטור פאַרנעמט בא בערגעלסאָנענ זייער אנ אָנגעזעענ אָרט. דער פּיי־זאַזש אָבער טראָגט דאָ אנ אונטערגעשטראָכנ סובאָרדינירטנ כאַראַקטער. דע־רום טרעפנ מיר דאָ אָפטער פונ אלצ א גרויענ איינטאָניקנ און „אומעטיקנ״ פּייזאַזש: א פאַרוואָלקנטנ הימל, א רעגנ, וואָס הערט ניט אוף, א קויטיקע ערד א. ד. גל.

דאָס זעלביקע ווערט אויכ די „טויטע נאַטור״ געשילדערט אינ שטאַרק פּערסאָניפיצירטע טענער. מירנ ברענגענ נאָכ א פּאָר ביישפּילנ.

אינ „ארום וואָקזאַל״ האָט בערגעלסאָנ פאַרוואַנדלט דעמ וואָקזאַל אינ א סימ־וואָל פונ גליוועד און שטומקייט. אינ „נאָכ אלעמענ״ ווערט אינ אזא סימוואָל פאַרוואַנדלט די גאַנצע נאַטור.

„ארום און ארום זיינענ אפּ וויט, וויט די אויצרעס פונ ווינט פאַר־שלאָסנ אינ די גרויע נעפּלענ, וואָס הענגענ אינ דער לופט — זיי ווערנ שוינ אלצ שווערער און שווערער און שפּרייטנ זיך שוינ אליינ איבער דער שנייִיק־אָנגעפרוירענער ערד, וואָס האַלט אינ איינ קויטיק ווערנ. פאַרהוילנ זיינענ די הימלענ, אָפּגעמעקט איז דער האָריזאָנט. נישט די מענטשנ זעענ זיי, און נישט די שטעטל באַזאָרגט צו זיי. הייזער הויערנ שווער, ווי די גרויסע כייעס, אונטער זייערע שווערע שנייִיקע דעכער און דרימלענ מיט א דרימל, וואָס האָט קיינ סאָפּ נישט״ (ג. א., 44).

אָט דער זאַזיקער בלייענער הימל, די קויטיקע ערד און די שווערע דרימ־לענדיקע הייזער ווערנ דורכויס אָנטיילנעמער אינעמ גאַנצנ ווערק. די גאַנצע וועלט, די גאַנצע לעבעדיקע און „טויטע״ נאַטור שווייגט. זי שווייגט און טראַכט, דענקט, כאָלעמט, דערמאָנט זיך און פאַרשפּרייט מייסעלעכ, ווי אלע אנדערע פאַרשוינענ אינ ווערק. מיט ביישפּילנ פונ דעמ מינ וואָלט מענ גע־קאָנט א גאַנצנ בוכ פאַרפּילנ. איינצלנע ביישפּילנ האָבנ מיר שוינ אויבנ

געבראכט. מיר וועלנ זיכ דערומ איצט באַנוגענענ בלויז מיט נאָכ צוויי בײַשפּילנ איינעמ פונ דער לעבעדיקער אונ איינעמ פונ דער „טויטער“ נאַטור.

„די לופט, וואָס ארומ די גרויסע שײַערנ שטרוי, אונ די הויפנס אויסגעדראָשענע טוועס האָבנ שטומערהייט געטראכט וועגנ דעמ, וואָס די גאַנצע ארבעט זײַנע: דער ארומלויפנ, דער ניט דערשלאָפנ מיטנ געלט פאַרדינענ—האָט עפּעס א גרויסע שײַכעס צו מירעלענ מיטנ קרר־מענ סטודענט, וועלכע שפּאנענ גאַנצע טעג דאָרט אינ שטעטל ארומ. וועגנ דעמ, וואָס סאָפּקאָלסאָפּ וועט דאָס אײַנגאַנצנ צו וויכטיקע נײַס ברענגענ, אונ בא רעב גדאַליע הורוויצנ אינ שטוב וועט מענ שטארק כאַראָטע האָבנ אפּ די אָפּגעשיקטע טנאָימ, אונ איבערגעבנ וועט מענ דאָרט איינער דעמ צווייטנ יעדעס מאָל בעשאס מע וועט דורכנ פענצ־טער זײַנ פור דערזענ:

— אָט איז ער דאָ נאָר וואָס אדורכגעפאָרנ, וועלוול“, מיט א נײַער פּאָר פערד האָט ער זיכ דאָ נאָר וואָס אדורכגעטראָגנ“ (נ. א., 12).

אָט אזוי רעאגירט די לופט אונ די אויסגעדראָשענע טוועס אפּ וואָוועס אָפּגעשיקטע טנאָימ... אונ אָט וויאזוי עס רעאגירט דער „גארניטור“ פונ הורוויצעס שטוב אפּ מירלס אומגליקלעכער כאסענע:

„ס'זײַנענ דאָרט אפּ די פענצטער געהאנגענ די ראָזע גארדינענ, ס'זײַנענ געלעגנ אויסגעשפּרייט די סאמעטענע סטעזשקעס אונ האָבנ ארויסגערופנ א בענקשאפט נאָכ פרעמדנ גליק. ליגט זיכ אזוי א סטעזש־קע אינ זאל אפּ דער רייִנער פּאָדלאָגע, ליגט מיט איר גאַנצער אויסגע־צויגענער לענג אונ איז זיכ מיסקאנע אינ א צווייטער סטעזשקע, וואָס ליגט ערגעצ ווײַט אינ א צווייטער כאסענעדיק צוגעקליבענער שטוב.

— די קאַלע איז אינ יענער שטוב גליקלעכ,—קלערט, דוכט זיכ, אָט די סטעזשקע. טוט זיכ קוימ קוימ א ריר דער לאַנגער פאָרהאנג, וואָס אפּנ פענצטער אונ וויל, דוכט זיכ, אומעטיק צוגעבנ:

— זי האָט ליב דעמ כאָסנ, יענע קאלע“ (נ. א., 176).

אָט צו וואָס פאר א גוואלדיקער פּערזאָניפיקאציע עס דערפירט דאָ בער־געלסאָנ די נאַטור־שילדערונג אונ די שילדערונג פונעמ „נאַטור־מאָרט“ (פונ די כפייצימ).

אָבער דאָס קומט פאָר ניט שטענדיק. סײַ אינ „ארומ וואָקזאל“, סײַ אינ „נאָכ אלעמענ“ אונ סײַ אינ „אָפּגאנג“ האָבנ מיר בײַשפּילנ, ווו די נאַטור טרעט ארויס אינ בוילעטע רעאליסטישע שטריכנ, מיט איר גאַנצער אייגנט־לעכער אונ אייגנארטיקער קראפט אונ כייִנ. אָט לייענענ מיר אינ „ארומ וואָקזאל“:

„אינ דרויסנ איז שוינ, ווידער ווארעמ געווענ. ארומטאנצנדיק אפּ די קרומע צווײַגנ... האָבנ זיכ די פייגעלעכ מעסאמייעכ געווענ מיט דעמ נײַעמ פרילינג... געפּישטשעט, געשפּרונגענ אונ זיכ געהוידעט אפּ יעדנ

דינעמ אונ פײַכטנ צװײַגעלע. דורכנ אָפענעמ פענצטער האָט זיכ געזענ, װי דער באַלעבאָס דער פּויער שפּאַנט דאָרט ארומ אינ סעדל אָנ א היטל, באַטראַכט יעדע יונגע ביימעלע... זײַנע גרויסע צװיי הינט זײַנענ אימ פּאַמעלעכ נאָכגעגאַנגענ טריט בא טריט... אָפּנ עק גאָרטנ האָבנ זיי א פרעמדנ כאַזער באַמערקט אונ זיכ געלאָזט צו אימ ביידע מיט־אַמאָל" („ארומ װאָקזאַל", 78).

דאָס איז א נאַטור־בילד, געזענ דורכ ביינעש רובינשטיינענ אינ דער צײַט פונ זײַנ געזונט װערנ. דאָ האָט בערגעלסאָנ אָפּ א װײַלע אַראָפּגענומענ די שװערע כמאַרעס פונ איבער ביינעשעס קאָפּ. ביינעש דערזעט פאַר זיכ די װעלט א רעאַלע, אינ איר גאַנצער פּראַכט אונ פריידיקער באַװעגונג, אונ אימ אַליינ באַהערשט א װילנ זיכ װידער אומקערנ צומ לעבנ. אונ ער שפּאַנט אַװעק דאָס ערשטע מאָל נאָכ זײַנ קרענק צומ װאָקזאַל („ארומ װאָקזאַל", 79).

אַזוינע נאַטור־בילדער טרעפנ מיר אויכ אינ „נאָכ אַלעמענ" — אונ שטענדיק דעמלט, װענ דער פּערסאָנאַזש (מירל, אָדער װאָװע, אָדער שמוליק) האַלטנ בא אָנעמענ א װאָסער ניט איז װיכטיקנ באַשלוס. דאַנ קערט זיכ אומ צו זיי דאָס געפיל פונ דער װירקלעכקײַט, אָבער גאָר גיכ מאַכט די װירקלעכקײַט גופע — אינעמ שרײַבערס שילדערונג — צוניש זייערע באַשלוסנ, אונ װידער לאָזנ זיכ אַראָפּ אָפּ זייערע קעפּ די שװערע פאַרװאָלקנטע הימלענ, אונ די פּערסאָנאַזשנ זינקענ װידער אינ טיפנ נעפּל אונ אינ פאַרצװייפלטנ אומעט.

אָט האָבנ מיר פונקט אַזא בײַשפּיל אינ „נאָכ אַלעמענ". אינ סאָפּ 5־טנ קאַפּיטל פונ דעמ „מירל"־טייל טרעפנ מיר אַזא בילד:

„נאָכ דעמ איז איינמאָל אַזא שיינער נײַ־באַשנייטער טאָג געװענ. די זונ האָט... גיװער געװענ דעמ פראָסט אונ פונ די שניי־װײַסע דעכער האָבנ טראָפּנס נאָכ טראָפּנס געטריפט אונ די בענקשאַפט אינ האַרצנ פאַרשטאַרקט. מיט רויטע גאַרטלענ אָפּ די לאַנגע װײַסע פּעלצנ זײַנענ די דאָרפ־שיקסעס אינ מאַרק געשטאַנענ, געקנאַקט פריילעכ יאָדערנ אונ געלאַכט פונ די דאָרפ־שקאָצימ, װאָס האָבנ פאַר זייערע אויגנ אינ א כאַװערשנ געשלעג געשפּילט" (נ. א., 86).

דאָ האָבנ מיר פאַר זיכ דורכויס א קלאָרע רעאַליסטישע שילדערונג, װאָס קערט אומ מירלענ אָפּ א װײַלע צומ רעאַלנ לעבנ אונ צו דער רעאַלער װירקלעכקײַט. דאָס קאַפּיטל ענדיקט זיכ מיט אנ אָנהייב פונ מירלס באַשלוס — א קאַלע װערנ פאַר שמוליק זײַדענאָװסקי.

„מירל דערמאָנט זיכ... אָנ... שמוליק זײַדענאָװסקינ אונ טראַכט:

— יעדנפאַלס האָט ער, שמוליק זײַדענאָװסקי, אנ אייראָפּיישנ פּאָנעמ... יעדנפאַלס האָבנ דאָרט אינ קרײַז־שטאָט אַלע אָפּ אימ געקוקט" (נ. א., 88).

דאָס זעלביקע כאַזערט זיכ איבער אָפּ ז. 119.

„פּלוצים האָט זי (מירל — מ.) זיכ גענומענ אָנטונ, פאַרשלאָסנ דער אקושאָרקעס האַלבע שטוב אונ איז ארויסגעגאנגענ אינ דרויסנ. ס'איז געווענ ארומ האַלב פיר אזייגער באַטאָג, אונ די זונ האָט נאָכ נאָענט פונ דאָרעמ־מיַרעוודיקער זײַט געשײַנט, אונ דער קליינער פראָסט האָט נאָכ אנטקעגנ איר שײַנענדיקנ יאַמ מיט פיל זילבערנע אונ דימענטענע פונקטנ ארומגעטאַנצט. אונ די היפּשע שיקסעלעכ, וואָס אינ די שטיוול, זײַנענ נאָכ איינע דער צווייטער נאָכגעלאָפנ, זיכ געיאָגט אונ געלאַכט, גע־יאָגט אונ געלאַכט... ס'איז געווענ אזוי פריש אונ ליבלעכ. ערגעצ ווײַט אינ א גרויסער רוישיקער שטאָט האָט שוינ געוויס א יונגע מוטער איר דרײַ־יאָריק קינד צומ ערשטנ מאָל מיט דער דערציִערנ שפּאַצירנ ארויס־געשיקט, אונ דאָס קינד איז צוריק אהיימ געקומענ אנ אנטציקטס, מיט פאַרביק־רויטע בעקלעכ, מיט א פרישנ שמייכלדיקנ פּענעמל אונ מיט איינ אונ איינציק נײַעמ מאָדנעמ וואָרט: „מאמא, וועסנא, וועסנא!"

(נ. א., 119).

אָט דאָס בילד איז אזא זעלטנס בא בערגעלסאָנענ. א שײַנענדיקע זונ, יונגע פריערישע מיידלעכ, וואָס יאָגנ זיכ איינע נאָכ דער אנדערער — פאַר מירלס אויגנ, אונ אינ דער פאָרשטעלונג — א קינד מיט פאַרביקע בעקלעכ אונ מיט א שמייכלענדיק פּענעמל. אונ אפנ צווייטנ זײַטל לייענענ מיר: „מיט א נעפּלדיקנ אונ קאַלטנ באַשלוס האָט זי זיכ אַלצ נעענטער אונ נעענטער צומ פאָטערס שטוב גערוקט". אונ אינ צוויי זײַטלעכ ארומ ווערט שוינ דער באַשלוס קלאָר. מירל ווענדט זיכ צומ קאַסיר:

— ווי קלערט ער: ווענ מע דעפּעשירט באַלד זײַדענאָווסקינ, וואָלט נאָכ דער קנאַסמאָל געקענט זײַנ הײַנטיקנ שאַבעס־צונאַכטס?"

(נ. א. 122).

אזוינע איינצלנע ליכטיקע נאַטור־בילדער טרעפנ מיר נאָכ אינ „נאָכ אַלעמענ", אונ אויכ אינ „אָפּגאַנג".

דאָס באַווײַזט אונדז, ווי טיפ דורכגעטראַכט ס'איז בא בערגעלסאָנענ יע־דע געשטאַלט אונ יעדעס נאַטור־בילד. דאָס באַווײַזט, ווי טיפ באַוווסטזיניק ס'באַנוצט בערגעלסאָנ יעדעס מאָל דעמ פּייזאַזש, קעדיי צו שאַפנ די נייטיקע שטימונג אינ יעדנ געגעבענעמ פאַל אונ קעדיי צו דערגרייכנ מאַקסימאַל דעמ געוווּנטשטנ אײַנדרוק.

אינ די געבראַכטע בײַשפּילנ האָבנ מיר געזענ, וויאַזוי עס ענדערט זיכ דער פּייזאַזש בא בערגעלסאָנענ אפ די זײַטלעכ פונ איינ אונ דעמ זעלבנ ווערק. באַזונדערס איז צו מערקנ די בייגעוודיקײַט פונ בערגעלסאָנס קינסט־לערישנ אינסטרומענט, ווענ מיר גייענ איבער פונ איינ ווערק צומ צווייטנ. בא דער גאַנצער איינהײַטלעכקײַט פונ בערגעלסאָנס ביזרעוואָלוציאָנערנ סטיל, טרעפנ מיר דאָכ פונ ווערק צו ווערק א געוויסע מאָדיפיצירונג אינ דער קאָנ־

סטרוקציע פונעם הויפט־געשטאַלט, אין דעם געוויכט פונעם פייזאַזש, אין דעם זאַצ־בוי און אין דער שפּראַך. דידאַזיקע מאָדיפיצירונג איז א רעזולטאט פון יענער אידעאָלאָגישער ציל־איינשטעלונג, וואָס דאָס געגעבענע ווערק האָט אויס־צופילן, ווי מירן עס ווייטער זען בּאַם אנאַליז פון בערגעלסאָנס וויַיטערדיקע ווערק.

אזא מאָדיפיצירונג טרעפן מיר אויך אין די דריי ביכער, — „ארום וואָקזאַל", „נאָכ אַלעמען", און „אָפּגאַנג", — וואָס זיינען זייער ענלעכ צווישן זיכ לויט זייער גרונט־טעמע און לויטן סטיל, און וואָס מיר באַהאַנדלען זיי דערום צו־זאַמען. די גרונט־טעמע פון דידאָזיקע ווערק דאָס איז דער אונטערגאַנג פונעם שטעטל, לויט בערגעלסאָנס אויפאַסונג. דערדאָזיקער אונטערגאַנג, אָדער אָפּ־גאַנג אין בערגעלסאָנס טערמינאָלאָגיע, ווערט געשילדערט אין אָט די ווערק אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, אין פאַרשיידענע יערידע־שטופעס. די פאַרשיי־דענע יערידע־שטופעס ווערן דאָ געשילדערט אפּ א פאַרשיידענעם אויפן און דורכ פאַרשיידענע געשטאַלטן, אָבער אפן אַלגעמיינעם פאָן פון אונטערגאַנג און וועלקונג.

דאָס אַלגעמיינע לעבנס־געמיט בּאַ די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן פון דידאָ־זיקע ווערק איז אַן ענלעכס, — איז דאָס געפיל פון „פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן", דאָס געפיל פון יעש און פאַרצווייפלונג. אָט דאָס געפיל פאַראַליזירט אבסאָ־לוט דעם ווילן פון די פּערסאָנאַזשן און שאַפט בּאַ זיי א סקעפּטישע און נעגאַטיווע באַציִונג אויכ צו דער טעטיקייט פון אַנדערע מענטשן. דערפאַר טרעפן מיר דאָ דורכויס די הערשונג פון דער שטימונג איבערן טאַט.

די פּערסאָנאַזשן אָבער פון „ארום וואָקזאַל" און פון „אָפּגאַנג" זיינען אקטי־ווער, איידער די פּערסאָנאַזשן פון „נאָכ אַלעמען". אין „ארום וואָקזאַל" איז די אַקטיווקייט געווענדט אפּ צוצופּאַסן זיכ ווי ס׳ניט איז צום לעבן, כאָטש מיט אומצופרידנקייט, אין „אָפּגאַנג" גייט דידאָזיקע אַקטיווקייט אין אַן אַנ־דער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון ענדגילטיקן איינרייסן מיטן לעבן.

צום געגויעמ אנאַליז פון „אָפּגאַנג" גייען מיר איצט איבער.

פינפטער קאַפּיטל.

„אָפּגאַנג".

„נאָכ אַלעמען" האָט בערגעלסאָן געשריבן אין די יאָרן 1912—1910. „אָפּ־גאַנג" האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין די יאָרן 1914—1913. און די יאָרן 1913—1912 צייכענען זיכ אויס מיט א באַזונדערער פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָט די יידישע בורזשואַזיע געגרינ־דעט אין 1912 יאָר אין פּעטערבורג דעם זשורנאַל „די יידישע וועלט". אין דער פאָרעדע צום דאָזיקן זשורנאַל טרעפן מיר א דירעקטיוו: „די גאַנצע

דערציִונג זאָל געפירט ווערן אינעם גייַסט פון די העכסטע און שענסטע איִדעאַלן פונעם ייִדנטום".

אינעם זעלביקן יאָר קומט דאָ י. ל. פּערעץ מיט א נייַעם וואַריִאַנט פון זייַן דראמע „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק", וואָס טראָגט א זייער כאַראַקטעריסטיש פּילזאָגנדיק קעפּל — „אין שול אַרייַן!"

„אין שול אַרייַן" הייבט י. ל. פּערעץ אָן צו רופן דאָן אויך פון די שפּאַלטן פון „הייַנט" — אין זייַנע אַרטיקלען „פון מייַן ווינקעלע".

שאָלעם אש גייט פונעם אימפּרעסיאָניסטיש־פאַרכאָלעמטן שטעטל צו „רעב שלוימע נאָגיד", „מערי", „דער וועג צו זיך". מישע ראָזענצווייַג, דער העלד פונעם לעצטן ווערק קלייַבט זיך צו עפענען כאַדאָרים פאַר די ייִדישע קינדער פון דער אָרעמשאַפט.

ה. ד. נאָמבערג קומט אין „דער ייִדישער וועלט" פאַר 1913 מיט זייַן סאַמע רעאַקציאָנערסטן ווערק — מיט זייַן דראמע „די מישפּאָכע". אינעם דאָזיקן ווערק טראָגט זיך דער העלד אַרום מיט א געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַן אַגודע (א פאַרבאַנד) אונטערן נאָמען „ניליִ"*).

מיר ווען, אַגעוו, דערמאָנען, אַז אין 1913 ווערט „די ייִדישע וועלט" אַריבערגעטראָגן פון פּעטערבורג קיין ווילנע, נעענטער צו די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס דער דאָזיקער זשורנאַל האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו דערציִען זיי אינעם גייַסט פון „די העכסטע און שענסטע אידעאַלן פונעם ייִדנטום".

ש. ניגער, דער רעדאַקטער פון „דער ייִדישער וועלט", קומט דאָ מיט זייַנע „בריוו וועגן דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור", ווו עס ווערט צווישן אַנדערע געגעבן א פאַלשע און העכסט רעאַקציאָנערע אינטערפּרעטאַציע פון בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". אָט דער דאָזיקער שטאַרקער רעאַקציע־שטראָם האָט פאַרכאַפּט אויך בערגעלסאָנען. ד. בערגעלסאָן גייט פון „נאָך אַלעמען" צו „אָפּגאַנג", ווו די רעאַקציע־נעפּלען ווערן פיל געדיכטער און די יערידערשטימונגען דערגרייכן צו די לעצטע ברעגן פון ייִעש און פאַרצווייפלונג.

1

מירן זיך אָפּשטעלן פריִער פאַר אַלץ אויף די צענטראַלע פיגורן אין „אָפּגאַנג", אויף מיילעכן און כאַיִמ־מוישען.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס בערגעלסאָן האָט אין „אָפּגאַנג" גענומען פאַר די צענטראַלע געשטאַלטן שוין ניט די פאָרשטייער פון די הורוויצעס, נאָר גראָד מיילעכן און כאַיִמ־מוישען, די פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, וואָס שטאַמט פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט. דאָ אין „אָפּגאַנג" איז בערגעלסאָנס אידייִשע אייַנשטעלונג די פולקומע אָפּלייקענונג פונעם לעבן. קיין שום אויסגאַנג איז ניט פאַראַן. פאַר א מאָטאָ צו „אָפּגאַנג" האָט בער־

*) „נילי" — די אָנהייב־בוכשטאַבן פון די ווערטער „נייַצאַך ייִסראָעל לוי יעשאַקער", ד. ה. דער אייביקער ייִדישער גאָט וועט ניט פאַראַטן.

געלסאָנ גענומענ א פּאָסעק פונ דעמ נאָווי „יעכעזקל": „אונ איכ האָב געזענ, אז אָט איז אינ וואנט איינ לאָכ פאראנ... אונ איכ האָב געגראָבנ... אונ אָט איז איינ. ארײַנגאנג". פאראנענ, הייסט עס, בלויז איינ ארײַנגאנג — דאָס איז דער ארויסגאנג פונעמ לעבנ... ווענ מירל באגייט זעלבסטמאָרד, וואָלט עס געקלונגענ ווייניק א־בערצײַגנדיק. מירלס זעלבסטמאָרד וואָלט בלויז אונטערגעפירט די לעצטע שורע פונ דער הורוויץ־מישפּאָכע, אָבער ניט פונ דער גאנצער וועלט, לויט בערגעלסאָנס קאָוואָנע אינ „אָפּגאנג". די גאנצע וועלט גייט אונטער. די גאנצע וועלט האָט קיינ יורעש ניט. אונ, קעדיי צו איבערצײַגנ אינ דעמ, קעדיי צו פאראלגעמיינערנ די „אָפּגאנג"־אידיי, האָט בערגעלסאָנ אינ צענטער פונ ווערק אוועקגעשטעלט מיילעכנ אונ כאַימ־מוישענ, די קינדער פונ דער שטעטלדיקער אָרעמשאפט, די קינדער פונעמ „פאָלק". נאָכ מער: בערגעלסאָנ שטרײַכט אונטער מיילעכס אונ כאַימ־מוישעס געוועזענע רעוואָליוציאָנערישקײַט! די רעוואָליוציע, הייסט עס, האָט קיינ אויסלייזונג ניט געבראכט. קיינ שומ אויסוועג איז ניט פאראנ.

אונ א מערקווירדיקע זאכ: גראָד „אָפּגאנג", ווו אינ צענטער שטייענ ניט די פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע, נאָר די פאָרשטייער פונעמ קליינבירגערטומ, — גראָד אָט דאָס ווערק איז דאָס סאמע רעאקציאָנערסטע אינ בערגעלסאָנס שאפנ. גראָד אינ „אָפּגאנג", ווו ס'איז אפילע קיינ זייכער ניטאָ פונ די הורוויצעס, האָט בערגעלסאָנ אמערסטנ אויסגעדריקט די הורוויצ־אידעאָלאָגיע.

בערגעלסאָנס טראָט אפ צוריק אינ „אָפּגאנג" אינ פארגלײַכ מיט „ארומ וואָקזאל", „נאָכ אלעמענ" איז צו זענ, פריער פאר אלצ, אינ דער געענדערטער באציִונג צו דער גרויסער שטאָט. אינ „ארומ וואָקזאל" איז בוילעט אויסגעדריקט בערגעלסאָנס פּאָזיטיווע באציִונג צו דער גרויסער שטאָט. דער פארגליווערטער וואָקזאל קוקט ארײַנ מיט א באהאלטענער בענקשאפט אינ דער ווײַטקײַט, „גלײַכ ווי די ווײַטקײַט וואָלט דאָ אינגאנצנ דעריקער געווענ, אונ נאָר פונ איר האָט אינ איינעמ א טאָג געדארפט א שטארקער אונ שטאָלצער העלפער קומענ אונ מיט זײַנ קראפט אונ מאכט צומ לעבנ אומקערנ אלעס, וואָס דאָ איז שוינ פונ יאָרנ פארשטיינערט אונ פארשמאכט" („ארומ וואָקזאל", 34). „דער פאסאזשיר־צוג טראָגט מיט זיכ א גוטע אונ פריילעכע בסורע". עמעס, דאָ ארומ וואָקזאל איבערצײַגט זיכ דער פאסאזשיר־צוג, אז — „אומזיסט אונ פארפאלנ". סע קאָנ דאָכ אָבער געמאָלט זײַנ, אז פונ יענער זײַט וואָקזאל זאָל דער פאסאזשיר־צוג צעזייענ אונ אראָפּווארפנ פונ זיכ די פאָרלויפיקע ארומוואָקזאלישע שטימונג, אונ אינ די רוישיקע שטעט זאָל ער קומענ ווידער מונטער, ראשיק אונ פריידפול. אונ אָט־אָ די לעצטע פארבאהאלטענע האָפענונג אפ דער גרויסער שטאָט שאפט פאר דער מאָרעשכוירע אינעמ ערשטנ ווערק בערגעלסאָנס געוויסע צוימענ אונ באגרענעצט זי מיטנ שטעכ פונ „ארומ וואָקזאל".

דידאָזיקע האָפֿענונג אַף דער גרויסער שטאָט איז נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן אויך אין „נאָך אַלעמען"... מירל רײַסט מיט איר שטעטלדיקער היים, פֿאָרט אַריבער אין דער פֿאָרשטאָט בא דער גרויסער שטאָט. ווען זי געפֿינט דאָ פֿאַר זיך קיין באַפֿרידיקונג ניט, בלײַבט נאָך אַלץ אין איר די האָפֿענונג אַף דער גרויסער שטאָט ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן. צום סאָף ראָמאַן ווערט מירל ערגעץ-ווו פֿאַרשווונדן אַפֿן וועג צו דער גרענעץ. מעגלעך, אַז זי וועט געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָנשפּאַר און אַ רעטונג ערגעץ־ווו אין דער גרויסער שטאָט, וואָס פֿון יענער זײַט גרענעץ.

אין „אָפּגאַנג" איז שוין קיינע האָפֿענונגען אַף דער „ווײַטקײַט" ניט פֿאַראַן. די גרויסע שטאָט ווערט דאָ אויפֿגענומען דורך די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן אַבסאָליוט נעגאַטיוו.

אָט ווי עס ווערט אין „אָפּגאַנג" געשילדערט די גרויסע שטאָט:

„...אַרום און אַרום קלאַפּן רעדער אָן די שטיינער — דראָשקעס פֿליִען אַפּ און אויף. גרויסשטעטישע טאַטעס אַרבעטן מיט די מויכעס — זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פֿון שיינע איידעמס צו האָבן, נאָר אַליין זײַנען זיי דערווײַל שטאַרק באַשעפֿטיקט און באַוועגן דאָרט אַרום די ייִנגלעך מיט פֿאַבריקן, וואָס לאָזן רויך, מיט צוגן, וואָס ברענגען מענטשן, מיט קלייטן, וואָס זײַנען איבערגעפֿולט מיט שעפֿע, און מיט טײַכן, וואָס וויגן האָלצוואַרג אַף זייערע שויסן" („אָפּגאַנג", 11).

דאָ איז זייער כאַראַקטעריסטיש, מיט וואָס פֿאַר אַ מעכאַניש־טעכנישע רייןפֿונקציאָנאַלע שטריכן עס מאָלט בערגעלסאָן די שטאָט. די גאַנצע מעכטיקע און קאָכיקע לעבנס־כוואַליע, וואָס ברויזט אין דער גרויסער שטאָט, ווערט בא בערגעלסאָנען צוריקגעפֿירט בלויז צו דעם, וואָס די רעדער קלאַפּן אָן די שטיינער און די פֿאַבריקן לאָזן אַ רויך. אָט אַזוי אומבאַהאָלפֿן ווערט דער גרויסער קינסטלער בערגעלסאָן, ווען ער קומט צו שילדערן די גרויסע שטאָט.

אָט ווערט אין „אָפּגאַנג" אַ צווייטן מאָל די גרויסע שטאָט באַהאַנדלט.

„ער שטייט דאָרט אויף (כאַיִם־מוישע — מ.) אין איינעם אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן, באַגלײַך מיט אַלע גרויסאַרטיקע לײַט שטייט ער דאָרט אויף און לאָזט זיך אַוועק אין גאַס... אין מיטן בריק איז געפֿאַלן אַ פֿערד און גויסעט, און מענטשן דערשיסן עס דאָ אַפֿן אָרט, — מענטשן זײַנען גרויסשטעטיקע און באַשעפֿטיקטע; זיי האָבן קיין צײַט נישט צו וואַרטן ביז דאָס פֿערד וועט אַליין אויסגיין און דערשיסן עס מיט זיכערקײַט, און זיי טוען רעכט... נעכטיקע טעג, זיי קוקן זיך ניט אום צו אים, כאַיִם־מוישען, זיי פֿרעגן בא אים ניט, צי ער גיט דערויף זײַן האַסקאָמע".

און וואָס זעט דאָ נאָך כאַיִם-מוישע? אַפֿן טראָטואַר זיצט און בעטלערט אַן אַלטער בלינדער קאַפּצן... אַ פֿרוי פֿאַרלירט אין גאַסיקן געווימל איר פֿירײאָריק קינד... אַ האַלב נאַקעטע פֿרוי, אַ מעשוגענע, רײַסט אַף זיך די האָר

און קלאַפּט זיך מיטן פויסט אין קאָפּ: זי וואַרט אינדערהיים אַלע יאָרן אַפּ גאָט. ער איז צולעצט געקומען און זי אינדערהיים ניט געטראָפן... און ווידעראַמאָל דער בלינדער — „איך בין אַלט 90 יאָר — גיט מיר אַ נעדאָווע" („אָפּגאַנג 59",). אָט דאָס איז די גרויסע שטאָט אין „אָפּגאַנג". די גרויסע שטאָט ווערט דאָ אויפגענומען פון אַ קליינשטעטלדיקן „וועגעטאַריאַנישן" שטאַנדפונקט, און די עטיק איז דאָ אויך אַ קליינשטעטלדיקע, אַ צאַרבאַלעכאַימדיקע, אַ באַגרענעצטע.

קעגן דער גרויסער שטאָט שטעלט בערגעלסאָן אַרויס דעם איינציקן 90־יאָריקן בלינדן קאַפּצן, און ניט די טויזנטער יונגע און קרעפטיקע פּראָלעטאַריער, קרעפטיקע און זעענדיקע, וואָס ווערן אַפּ אַן אומבעראַכמאָנעסדיקן אויפן עקספּלואַטירט דאָ אין דער גרויסער שטאָט און הייבן אָן מעכטיק צו ווערן זיך קעגן אָט דער עקספּלואַטאַציע, אָבער בעשומויפן ניט קעגן דער גרויסער שטאָט ביכלאַל.

אפילע די שפּראַך איז נאָך דאָ אַ קליינשטעטלדיקע. „ער שטייט דאָרט אויף אין איינעם אַ זומערדיקן פרימאָרגן, באַגלייך מיט אַלע גרויסשטעטישע לייט שטייט ער דאָרט אויף". (אַגעוו, דידאָזיקע ספּעציפיש־קאַסרילעוודיקע איבערכאַזערונג טרעפט באַ בערגעלסאָנען גאַנץ אָפט, באַזונדערס אינעם דיאַלאָג, כאָטש בערגעלסאָן באַמיט זיך, עמעס, די איבערכאַזערונגען מאָדיפיצירן און אַפּפרישן זי מיט אַ נייעם ניואַנס).

איז אָט, „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען" זיינען געשריבן באַ דער וויטער פּערספּעקטיוו פון אַ גרויסער שטאָט, וואָס איר עקזיסטענץ ווערט אופגענומען פּאָזיטיוו: ביינעש רובינשטיין ווערט געגומען ערעוו שטאָט, ער קערט זיך אום צום לעבן. מירל — ערעוו און אין דער שטאָט, זי בלייבט נאָך ערגעץ־ווו שטעקן אינעם לעבן. מיילעך און כאַים־מוישע ווערן שוין גענומען נאָך דער שטאָט. דערפאַר טאַקע ווערט שוין דאָ געשטעלט באַזונדערס שאַרף די פּראָבלעם פון וועלט־עקזיסטענץ ביכלאַל. מירל רייסט זיך פון שטעטל איז שטאָט אַריין, מיילעך און כאַים־מוישע קומען פון דער גרויסער שטאָט צוריק אין שטעטל. די גרויסע שטאָט האָט אָפּגענאַרט. די גרויסע שטאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער זעלביקער בלאָטע, וואָס דער „אַרום וואָקזאַל". איז אויב אַזוי, איז דאָך דער גאַנצער איניען, די גאַנצע וועלט ביכלאַל אַ פּוסטע גענאַרעריי — „גאָטס באַקאַליי־קלייטל מיט אַ גלעקל", ווי מיילעך און כאַים־מוישע רופן זי אָן („אָפּגאַנג", 11).

נאָך דער אַנטוישונג אין דער גרויסער שטאָט ברענגט בערגעלסאָן אַראָפּ זיינע העלדן אין שטעטל, אין ראַקיטנע. אָבער אויך דאָ געפינען זיי פאַר זיך קיין שום טרייסט ניט.

אויב אין „נאָך אַלעמען" האָט נאָך בערגעלסאָן געפונען אינעם שטעטל אַזאַ צוציִענדיקע פאַר אים פיגור, ווי מירל הורוויץ, זעט ער שוין אין דעם „אָפּגאַנג"־פּעריאָד אַבסאָליוט קיינעם ניט פאַר זיך.

דערדאָזיקער מאָמענט טרעט ארויס באזונדערס בולעט אינ דער שילדערונג פונ כאווע פוינער, וואָס ציט אמערסטנס אפ זיכ די אופמערקזאמקייט פונ מיילעכנ אונ כאימ־מוישענ.

דער קאָנטראסט צווישנ מירלענ אונ כאווע פוינער איז א קאָלאָסאלער. מירל הורוויצ האָט אמאָל ניט ליב דעמ פיינעמ אונ איידעלנ טאטנ אירנ גדאַליע הורוויצנ. כאווע פוינער, פארקערט, „שפילט א ליבע מיטנ טאטנ" („אָפגאנג", 93), מיט אָט דעמ „ליוסטרינענעמ טאטנ, וואָס גלייבט אבסאָליוט אינ גאָרנישט ניט, אויסערנ קערבל. אמאָל, אינ דער פריער יוגנט, האָט אימ כאווע פוינער פיינט געהאט, אונ איצט „צעקלאפט זי אליינ אלע פרימאָרגנ פונ זייַנעטוועגנ די אייער, זי באזאלצט זיי אימ אונ טרעט פונ אימ ניט אָפ ביז וואַנענ ער זויגט זיי איינגאנצנ ניט אויס..." („אָפגאנג", 91). מירל הורוויצ האָט דורכגעטריבנ פונ זיכ נאָסנ העלערנ, זי איז געשטאנענ העכער פונ דעמ, געפאָדערט עפעס מער פונעמ לעבנ אונ פונ זיכ. פאר כאווע פוינער איז „פרייע ליבע" — אנ איניעג. „זי האָט קלוימערשט כאראָטע אפ אלע אירע מיידלשע זינד, נאָר אז מע וועט דארפנ, וועט זי אָנהייבנ זינדיקנ באנייעס א קאָנ נאָכ מיט מער אימפעט" („אָפגאנג", 91). דאָס צונויפקומענ זיכ מיט די זיידענאָווסקיס איז פאר מירלענ אנ אָנהייב פונ אומגעהייערע לייטערנדיקע ליידנ אונ פייג, וואָס וועלנ זיכ ענדיקנ מיטנ באשלוס, אז „אוועקגיינ פונדאנענ מוז מענ." כאווע פוינער אָבער קומט צו אירע טנאָימ מיט דעסלערנ א רויקע אונ גלייכגילטיקע. מירל הורוויצ האָט אמאָל געזענ אינ די הימלענ א צווייטע מירל א פייערדיקע. כאווע פוינער פויזעט שוינ הארט בא דער ערד.

עס וואָלט געווענ מער ווי נאטירלעכ, ווענ מירל הורוויצ וואָלט נאָכ אלע אירע בלאָנדזשענישנ דערגאנג צו דער מאדרייגע פונ א כאווע פוינער. בערגעלסאָנ אָבער האָט אפאָנעמ ניט געוואָלט ווייזנ הורוויצעס טאָכטער אינ איר דערנידעריקונג, אונ ער האָט דידאָזיקע ראָליע באשטעלט בא דער טאָכטער פונ דעמ „ליוסטרינענעמ קרעמער", בא אזריעל פוינערס טאָכטער.

כאווע פוינער מיט אירע מיידלשע „זינד", מיט דער ליבע, וואָס זי שפילט מיטנ טאטנ, אונ מיט איר דעסלער־שידעכ — דארפ באזונדערס אונטערשטרייכנ די אויסגאנגלאָזיקייט פונ מיילעכנ אונ כאימ־מוישענ. מיילעכ אונ כאימ־מוישע טרעפנ פאר זיכ דאָס שטעטל איינגאנצנ פוסט. דער „שפיגל" פונ ראקיטנע איז כאווע פוינער. ניטאָ קיינ מענטשנ אינ שטעטל אונ אינערגעצ ניט ביכלאל. „עס הענגענ רעק אונ קיינ מענטשנ זיינענ ניטאָ" („אָפגאנג", 60).

אונ ווו זיינענ די ארבעטער, צו וועלכע מיילעכ איז אמאָל געשטאנענ נאָענט? ניטאָ דאָ אינ „אָפגאנג" אפילע קיינ זייכער פונ זיי.

מיר האָבנ שוינ אויבנ געזענ, אז כאימ־מוישע האָט דעמ ארבעטער אינ שטאָט ניט באמערקט. נאָר אָט איז כאימ־מוישע אראָפגעקומענ קיינ ראקיטנע, ווו ס'קומענ פאָר די וויכטיקסטע געשעענישנ פונעמ „אָפגאנג"־ראָמאנ. בערגעלסאָנ שילדערט אונדז דאָ פיל מאָל די הינטערגעסלעכ, — א זאכ, וואָס אינ

„נאָכ אלעמען" האָט עס אבסאָליוט געפעלט (זע „אָפּגאנג", זז. 18, 39, 47, 79 א. אנד., לויט דער „אייגנס"-אויסגאבע). אָבער, פּונקט ווי אינ דער שטאָט, פּארזעט אויכ כאימ־מוישע דעמ קלאסעווג טאָכ פונ דער סאָציאלער דיפערענ־צירונג אינ שטעטל.

כאימ־מוישע זעט דאָ פאר זיכ בלויז מוירעדיקע קאפּצאָנימ, אָרעמע קרע־מער, אָפּגעלאָזענע אונ דערשלאָגענע. דעמ ארבעטער, דעמ באַלמעלאָכע, די „אָרעמע אונ פרייליכע" קאפּצאָנימ האָט ער דאָ פארזען.

מיילעכ אונ כאימ־מוישע טרעטנ דאָ ארויס ווי עמעסזוכער, זייער באציִונג צו דער אָרעמשאפט איז א „גאָטס־ראכמאָנעסדיקע", אנ עטישע. מיטנ באוווסט־זייַנ פונ דער נויטווענדיקייַט פונ א סאָציאלער איבערקערעניש אונ מיט דער מעגלעכקייַט פונ אזא איבערקערעניש שמעקט דאָ אפילע ניט.

מיילעכ אונ כאימ־מוישעס סאָציאלע באָדנלאָזיקייַט אונ איזאָלירטקייַט איז צו זענ נאָכ אָט פונ וואָס פאר א מאָמענט. ווענ בערגעלסאָנ שילדערט אונדז רעטראָספּעקטיוו דאָס לעבנ פונ זייַנע צענטראלע פּערסאָנאזשנ אינ דער גרויסער שטאָט, ווערט פריִער דערציילט וועגנ זייער אבסאָליוטער אָפּגעריסנקייַט פונ גאָר דער וועלט, דער אומווירדיקער אונ פארדאָרבענער, וועגנ דעמ, וויאזוי מיילעכ אונ כאימ־מוישע קומענ צומ שטומענ פּראָטעסט, וויאזוי זיי באשעפּטיקנ זיכ מיט אסטראָנאָמיע, מיט זוכנ עפּעס אינ די פארנעפּלטע הימלענ. אונ ערשט נאָכדעמ איז „סאָפקאָלסאָפ מיילעכ אוועק צו א פּארטיי"... („אָפּגאנג", 24).

נאטירלעכ, ס׳איז אבסאָליוט ניט אויסגעשלאָסנ די מעגלעכקייַט, אז מע זאָל קומענ אינ דער ארבעטער־באוועגונג נאָכ דער אסטראָנאָמיע אונ גאָטזוכערייַ, מע זאָל זיכ מיט דער ארבעטער־באוועגונג איינגאנצנ צונויפגיסנ אונ ביסלעכווייַז אויסלעבנ אלע פריִערדיקע אנארכיסטיש־אידעאליסטישע רעשטלעכ, וואָס מע האָט מיט זיכ פונ דער פארגאנגענהייַט מיטגעבראכט. מיט מיילעכנ אונ כאימ־מוישענ האָט זיכ דאָס אָבער ניט געטראָפנ. מיילעכ פארענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. וועגנ דעמזעלביקנ טראכט אויכ כאימ־מוישע.

כאימ־מוישעס באציִונג צו דער רעוואָליוציע טרעט ארויס באזונדערש בולט בעשאס זייַנ טרעפנ זיכ אינ די הינטערגעסלעכ מיט פרעגוערס קאָמפּאניע. אינ דעמדאָזיקנ בילד איז אויסגעדריקט ניט בלויז כאימ-מוישעס, נאָר אויכ בערגעלסאָנס נעגאטיווע שטעלונג צו דער רעוואָליוציע אינ יענער צייַט, אינ דעמ „אָפּגאנג"־פּעריאָד. מירנ זיכ דערומ אָפּשטעלנ אפ אָט דעמ מאָמענט גע־נויער.

כאימ־מוישע טרעפט זיכ בא זאנוול פּאָטשטאר אינ שטוב מיט די אומצו־פרידענע עלעמענטנ פונ ראקיטנע.

„פונ אומצופרידענע וועט געהאָלפנ ווערנ די וועלט" („אָנפאנג", ז. 102)— אזוי דערקלערט דער טאלמעטוירע־פארוואלטער פרעגער. ווער־זשע זייַנענ די אומצופרידענע אינ שטעטל לויט „אָפּגאנג"? דאָס איז פרעגער טאקע, וואָס איז פארליבט אינ כאווע פּויזנער אונ קאָנ זי ניט דערגרייכנ, דאָס איז שאָעל־

קע שנײַדער אָדער שאָעלקע העפקער־יונג, — אויך ער וויל „לייקענ די שווארצע, און קאָן זי ניט דערגרייכן״; דאָס איז זאַלקער, דער ספּריטנער אגענט פון זינגער־מאשינעס, וואָס האָט ניט ליב זײַן לאנגע צעקראָכענע ווײַב און האָט ניט פײַנט דעם טרונק; דאָס איז צולעצט די האַלב־מיסטישע פיגור פונעם האַר־מאָשקע־שפּילער, פונעם „גילגל״ „מיט א צעפּלעטשטער נאָז... און מיט ברייט־צעשטעלטע אויגן, וואָס שטאמען אפּאָנעם ניט פון דער היגער וועלט און זאָגן דאָ אפ דער היגער וועלט גאָרנישט, זיי זײַנען שטומע״ („אָפּגאנג״, 79). אָט פון דידאָזיקע אומצפּורידענע דארף עס, הייסט עס, געהאָלפן ווערן די וועלט, זיי דארפן עס פאָרשטעלן מיט זיך די וועלט־אויסלייזער פונעם שטעטל, די רעוואָלוציאָנערן...

עפּעס אגעוווּרכע ווערט דאָ יאָ דערמאנט א נאָמען פון אן עכטן רעוואָ־ליוציאָנער טאקע, פון זאַלקערס ברודער יוינע. ס׳איז קעדײַ צו ברענגען אָט די שטעל. דער אגענט זאַלקער באגעגנט זיך אמאָל אין אָדעס פּלוצים מיט זײַן ברודער.

„— וואָס־זשע הערט זיך עפּעס, יוינע, — זאָגט ער צו אים (דער אגענט זאַלקער צו זײַן ברודער — מ).

— וואָס זאָל זיך הערן? — ענטפערט יוינע, — ס׳וועט זײַן גוט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך... — ס׳איז דאָך שוין א פּאָר יאָר אין־גאנצן שטיל באַ אײַך.

— האָב קיין יעסורים ניט, — ענטפערט יוינע.

— טאָ זע־זשע... — זע־זשע, ס׳זאָל די גווירים נאָכאמאָל א קיל טון אין פּופּוק. כע, כע, כע״ („אָפּגאנג״, 89).

איז אָט, אין „אָפּגאנג״ פּירט בערגעלסאָן ארויס גראָד דעם אגענט זאַלקער, וואָס דארף פון דער רעוואָליוציע בלויז, אז זי זאָל די גווירים „א קיל טון אין פּופּיק״, און ניט דעם רעוואָליוציאָנער יוינען, וואָס איז זיכער געווען, אז „סע וועט זײַן גוט״.

אויב מיר טרעפן שוין דאָ יאָ עפּעס א רעמעז אפ סאָציאַלן פּראָטעסט, זײַנען די טרעגער פון דעמדאָזיקן פּראָטעסט גאָר אומדערוואַרטעט — דער העברייִשער לערער און דער אגענט פון זינגער־מאשינעס, און ניט די פּריקאשטשיקעס פון פּויזנערס מאגאזין.

ביכלאל מאכט אָט די גאנצע סצענע באַ זאנוול דעם מאָסער אין שטוב אן אײַנדרוק גיכער פון א קאריקאטור אפ רעוואָליוציאָנערן. כאַים־מוישע דארף זיך דאָ איבערצײַגן, אז די רעוואָליוציע איז ניט פאר אים. כאַים־מוישע האָט דאָ געקענט זאָגן וועגן פרעגערס קאָמפּאניע, ווי מירל וועגן די מיידלעך, וואָס אינטערעסירן זיך מיט נאָסן העלער: פאר זיי עפּשער... פאר אים אָבער איז דאָס ניט קיין אויסגאנג.

איז אָט, אין „אָפּגאנג״ האָט בערגעלסאָן אוועקגעשטעלט אין צענטער מיי־לעכן מיט כאַים־מוישען, די פאָרשטייער פון דער קליינבירגערלעכער אינטע־

ליגענצ, די פאָרשטייער פונ דער דעקלאַסירטער אָפּגעשטאַנענער און האָפענונגלאָזיקער אָרעמשאַפט. דער אָרעמשאַפט ווערט דאָ ביכלאַל זייער פיל אופמערקזאַמקייט געשענקט. סאָכרימ, פאַרקערט, ווערנ דאָ געשילדערט אינ קאַרגע און שאַרפע נעגאַטיווע שטריכנ. אויב אינ „ארומ וואָקזאַל" האָבנ מיר געהאַט עפּעס א רעמעז אפ א פּאָזיטיווער געשטאַלט פונ א סויכער (מייער העכט), אינ „נאָכ אַלעמענ"—די סימפּאַטיש געשילדערטע פיגורנ פונ וואָווענ און פונ מאָנטשיקנ, האָבנ מיר שוינ ניט אינ „אָפּגאַנג" קיינ איינ פּאָזיטיווע סאָכרישע פיגור. סאָכרימ, אפילע גרויסשטאָטישע אינדוסטריעלע סאָכרימ, ווי דער אינזשענער דעסלער, ווערנ געשילדערט אינ „אָפּגאַנג" אינ די סאַמע שרייענדיקע נעגאַטיווע שטריכנ. די לייטישקייט און אַמעראַצישע אויסגעיידלקייט, מיט וועלכע בערגעלסאָנ פלעג אינ „נאָכ אַלעמענ" עטוואָס פאַרווייכערנ אפילע אזוינע מעגורשעמדיקע פאַרשוינענ, ווי אווראָמ-מוישע בורנעס מיט זיינ ווייב, אָט די לייטישקייט פעלט שוינ דאָ אינגאַנצנ.

אָבער דידאָזיקע שאַרפע שטעלונג צו די דעסלערס און פויזנערס ווערט ניט געבראַכט דאָ אינ ווערק צו די לעצטע לאָגישע אויספירנ, צו דער נייטיקייט צו קעמפנ קעגנ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס אַלצ האָט מייַלעכנ מיט באַימ-מוישענ ניט געבראַכט צו דער איבעראָריענטירונג פונ אויבנ אפ אונטנ, דאָס האָט זיי ניט געפירט צו דער באַשטעטיקונג פונ דעמ „קוילער-געסל" אפנ כעזשבנ פונ דעמ אָפּגעלייקנטנ „שול-געסל", אפ וואָס מע האָט וואַרטנ געקאָנט. די נעגאַציע פונ די שטעטלדיקע נעגידימ האָט זיי געבראַכט צו דער נעגאַציע פונעמ לעבנ ביכלאַל. קיינ שומ אויסוועג איז ניט פאַראַנ אינ ערגעצ ניט, סיי אינ שטאָט, סיי אינעמ שטעטל. און בערגעלסאָנ מאַכט שוינ דאָ דעמ לעצטנ אויספיר און פירט די צענטראַלע פערסאָנאַזשנ פונ ווערק—פונ „נאָכ אַלעמענ" צומ „אָפּגאַנג".

2

דאָס שטייגנ פונ דער יאָרדישקייט און רעאַקציאָנערישקייט אינ „אָפּגאַנג" האָט זיכ אָפּגערופנ אויכ אפנ סטיל פונעמ דאָזיקנ ווערק. אינ „אָפּגאַנג" איז בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזמ היפּש דורכגעזאַפּט מיט סימוואָליסטישע און מיסטישע עלעמענטנ. אָט דער מאָמענט לאָזט זיכ דאָ פילנ סיי אינ דער שילדערונג פונ די פּערסאָנאַזשנ, סיי אינעמ פּייזאַזש און אינ אַנדערע סטיל-עלעמענטנ.

אָט איז א נאַטור-שילדערונג, וואָס מיר טרעפנ אינ אָנהייב ווערק:

> „מיט יעדנ אומגעריכטנ בליצ האָבנ זיכ פלוצימ ווי אומגעריכט אופגעכאַפּט דער מיל-קוימענ מיט די צוויי קלויסטער-שפּיצנ, וואָס אינ ביידע עקנ יישעוו הינטער די בערג. מאָדנע נאַקעטע, ווי ניט קיינ היגע, האָבנ זיי א שימער געטאָנ מיט זייער צעשראָקנ גאָלד אינדערוויַט. נאָר ניט דערקאָנט זיכ אַליינ און ניט די געגנט ארומ" („אָפּגאַנג", 6).

די קאָנקרעטעווירקלעכקייט — דער מיל-קוימענ מיטנ קלויסטער—ווערנ ווי ניט קיינ היגע. דערפאַר ווערט דאָ אינ ווערק א „היגע" די „יענזייטיקייט",

די וועלט פון כאַלוימעס און פאַרשטעלונגען. כאַלוימעס האָבן מיר אויך גע־האַט אין „ארום וואָקזאַל" און אין „נאָך אַלעמען". דאָ אָבער אין „אָפּגאַנג" ווערן די כאַלוימעס פאַרוואַנדלט מאַמעש אין נעוויִעס. אַזוינע זײַנען די כאַ־לוימעס פון כאַנקע לײַבאַר, אַשטייגער. אַ כוידעש פריִער, איידער זייער ווע־שערן האָט געבוירן, האָט זי כאַנקע געזען אין כאַלעם מיט אַ קליין מיידעלע אַף די הענט. אַ האַלב יאָר, איידער כאַנקעס מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי כאַנקע געזען אין כאַלעם אַ טויטע, און איצט כאַלעמט זיך כאַנקען, אַז מע גראָבט אַ קייווער לעבן מיילעכן פאַרן זשורנאַליסט, וואָס ווינט אין קרים מיטן דאָקטער גראַבײַס ווײַב, נאָר „אַז מע לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב און מע דעקט אויף זײַן פּאָנעם, זעט מען, אַז סע איז ניט ער — ס'איז כאַיִם־מוישעס פּאָנעם" („אָפּגאַנג", 64). און אויך דערדאָזיקער נעוויִעסדיקער כאַלעם האָט גע־זאָלט מעקויִעם ווערן: דאָס ווערק „אָפּגאַנג" ענדיקט זיך מיט דעם, אַז כאַנקע שטערט כאַיִם־מוישען אין דער לעצטער מינוט בײַ זײַן פרווו אײַנצוגעמען סאַם.

אויך די סימוואָליק איז אין „אָפּגאַנג" פיל שטאַרקער אויסגעדריקט, איידער אין בערגעלסאָנס פריִערדיקע ווערק. אין „ארום וואָקזאַל" און אין „נאָך אַלע־מען" האָבן מיר געהאַט אײַנצלנע סימוואָלן, דאָ אין „אָפּגאַנג" זײַנען זיי פאַראַן אין אַ פיל גרעסערער צאָל: די ניט היגע קלויסטער־שפּיצן, די הויקערלעך בײַ כאַיִם־מוישען און מיילעכן, דער „גילגל" מיט די שטומע אויגן, און דערי־קער — מיילעכס פיגור, די געשפּרעכן זײַנע מיט כאַיִם־מוישען, וואָס קלינגען ווי די שטים פון דער אַלהעכסטער עמעסדיקײַט און גערעכטיקײַט. דידאָזיקע מיילעך־שטים קלינגט באַזונדערס שאַרף דערפאַר, וואָס מיילעך און כאַיִם־מוישע זײַנען אייגנטלעך איין מענטש. דאָס איז אַ צווילינג, וואָס האָט צוזאַ־מען געלעבט און צוזאַמען געווייטיקט, און ווען דער טויט האָט געטראָפן איינעם פון זיי, מוז ער טרעפן אויך דעם צווייטן.

די צעצווייונג האָבן מיר אויך אין בערגעלסאָנס פריִערדיקע ווערק. ווען בײַנעש דערלאַנגט אַ פּאַטש פּיוניאַקן דעם ווערטל־זאָגער, דערהערט ער עפּעס אַ מאָדנעם ענטפער:

„אַ אומפאַרשטענדלעכן ווײ־געשריי פון אַ ווילדע און צערייצטע שטימע — אַ־אַ־אַ!

ער האָט אָבער ניט געוווּסט, ווער ס'האָט דעם געשריי געטאָן: ער — בײַנעש, צי גאָר יענער אײַנגעהויקערטער היכער, וואָס האָט זיך מיט ביידע הענט באַם אויסגעפּאַטשטן פּאָנעם געהאַלטן" („ארום וואָקזאַל", 73).

מירלען דאַכט זיך בײַם אירע טנאָיִם,

„אַז דער גאַנצער גערויש קומט פאָר ניט צוליב איר, נאָר צוליב אַ צווייטער מירל, וואָס איז מיטן קנאַסמאָל שטאַרק צופרידן, און זי, די עמעסע מירל, זעט דאָס נאָר אַלץ פון דער זײַט, האָט דערצו קיין שײַ־כעס ניט" („נאָך אַלעמען", 135).

א צווייטן מאָל דאכט זיך מירלען, אז פונעם רויטן עק הימל „קוקט צו איר ארויס א צווייטע פײַערדיקע מירל און ווינקט צו איר פון דער ווײַט" „נאָך אלעמען", 334).

דידאָזיקע צעצווייונג שטרײַכט באזונדערס אונטער די באַדנלאָזיקייט פון בערגעלסאָנס פערסאָנאזשן, זייער אומצופרידנקייט מיט זיך אליין, זייער געפּל־דיק שטרעבן צו זײַן אנדערש, ווי זיי זײַנען איצט, און צו געפינען זיך ערגעץ אנדערש־ווו אָנשטאָט דער געגעבענער סוויווע, וואָס דריקט אפ זייער געמיט. דאָ אָבער אין „אָפּגאנג" ווערט שוין די צעצווייונג פארקערפּערט אפ אזא מין אויפן, אז איין פערסאָנאזש ווערט קימאט ווי דער צווייטער טייל, ווי דער העמשעך פון א צווייטן.

אויך בא האמסונען אין „מיסטעריעס" האָבן מיר עפּעס ענלעכס אפ דעם. אויך דאָרט ווערט אין אָנהייב ווערק אײַנגעפירט די פיגור פונעם זעלבסטמער־דער קארלסען, און צולעצט באגייט זעלבסטמאָרד אויך נאגעל, די צענטראלע פיגור פון ווערק. אָבער דאָרטן שפּילט ניט די פיגור פון קארלסענען קיין שום ראָליע אינעם ווערק. קארלסענס זעלבסטמאָרד אין „מיסטעריעס" איז בלויז א סיוזשעטישע דעטאל. דאָ אָבער אין „אָפּגאנג" איז מיילעך א צענט־ראלע פיגור, א פיגור, וואָס פלעכט זיך דורכויס איבער מיט דער גאנצער האנדלונג פון ווערק.

ביכלאל טרעפן מיר זייער פיל ענלעכס צווישן אָט די צוויי ווערק, צווישן האמסונס „מיסטעריעס" און בערגעלסאָנס „אָפּגאנג", און ס'איז עפּשער קעדײַ זיך אָפּצושטעלן אפ דעם לענגער. עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אפ דעם דערפאר, וואָס אבסאָליוט אלע קריטיקער בערגעלסאָנס ריידן און דערמאָנען האמסונען. מע רעדט וועגן דער ענלעכקייט צווישן אָט די שרײַבער, מע פארגעסט אָבער צו ריידן וועגן אונטערשייד צווישן זיי. און דער אונטערשייד צווישן „אָפּגאנג" און „מיסטעריעס", — די ווערק, וואָס גיבן אמערסטן דעם יעסאָד פאר דער אנאלאָגיע צווישן דידאָזיקע שרײַבער, איז אזא בוילעטער, אז מיר דערזעען דאָ גלײַך זייער פארשיידענעם סאָציאלן און קינסטלערישן פארצעפּ.

3

מיר וועלן אָנהייבן פון יענע עלעמענטן, וואָס גיבן א גרונט צו ריידן וועגן דער אנאלאָגיע צווישן „אָפּגאנג" און „מיסטעריעס".

אין אָט די ביידע ווערק האָבן מיר, ערשטנס, אן ענלעכע פּסיכאָידעאָלאָגישע אײַנשטעלונג, וואָס דריקט זיך אויס אינעם טיפן פעסימיזם, וועלכער הערשט אין די ווערק, אינעם אנטלויפן פון דער רעאלער ווירקלעכקייט און אין דער אָפּלייקענונג פונעם לעבן ביכלאל.

מיר האָבן דאָ, צווייטנס, אן ענלעכע קאָנסטרוקציע פון די צענטראלע פערסאָנאזשן: א דרײַלינג אי בא האמסונען, אי בא בערגעלסאָנען — א יונג געראָטן מיידל, איר כאָסן אָדער נאָענטער פרײַנט, און דער העלד פון ווערק,

א פּראָטעסטירנדיקער אינטעליגענט. די־אָזיקע סיטואַציע שאַפט אַן ענלעכן אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם סיוזשעט.

מיר האָבן דאָ, דריטנס, די ענלעכקייט פון בויען דעם דיאַלאָג — די דריטע פּערזאָן, דער קורצער אַפאָריסטישער כאַראַקטער פונעם דיאַלאָג גופע.

מיר האָבן דאָ, פערטנס, די ענלעכקייט אינעם אויפן פון איבערגעבן געשעענישן — לעאַכאַר־האַמייַסע צומייסטן, דורך דערמאָנונגען, דורך זייַטיקע פּערזאָנען אָדער אין א פאָרם פון קלאַנגען.

מיר האָבן דאָ, פינפטנס, די ענלעכע, ניט שטייַפע, זיך וואַקלענדיקע און קאַפּריזע סיוזשעט־ליניע, וואָס ווערט איבערגעריסן מיט מייַסעס, לעגענדעס און זייַטיקע עפּיזאָדן.

און דאָך, בא אָט דער גאַנצער ענלעכקייט האָבן מיר דאָ אין די ביידע ווערק צו טון מיט גאָר א פאַרשיידענעם צוגאַנג צום לעבן.

ווען מיר טראַכטן זיך אַרייַן אין אָט די ביידע ווערק, זעען מיר, אז די ניט־צופרידנקייט מיט דעם לעבן און דער ייִעש איז אין „מיסטעריעס" ווייַט ניט אַזוי שאַרף אויסגעדריקט, ווי אין „אָפּגאַנג". אויך אין „מיסטעריעס" ווערט עמעס, דער צענטראַלער פּערסאָנאַזש געפירט צו זעלבסטמאָרד. אויך נאַגעל איז ניט צופרידן מיטן לעבן און מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט. דער לעצטער טראָפּן אָבער, וואָס פילט איבער דעם בעכער, איז נאַגעלס אומגליקלעכע ליבע צו דער פאַרקנאַסטער דאַגני (די צענטראַלע פרויען־פיגור אין „מיסטעריעס" *). אָן דעם וואָלט זיך נאַגעל, מעגלעך, געפונען א טרייסט — אָדער אינעם שויס פון דער נאַטור, וואָס רירט אים ביז טרערן, אָדער ער וואָלט אַרייַנגעטראָטן אפּ א וואָסער ניט איז אויפן אין א העפטיקן קאַמף מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט, ווי איוואַר קאַרענאָ פּרוּווט עס טון אין האַמסונס דראַמע „בא די טויערן פון מעלוכע". פילע זייַטלעך זייַנען אין „מיסטעריעס" אָפּגעגעבן דער נאַטור, — זעלטן רירנדיקע זייַטלעך. מענטשן זייַנען נידעריק, נאַריש, קליינלעך און ביין, די נאַטור אָבער איז ליכטיק, דערהויבן און מוטערלעך־צאַרט צו יעדן איינציקן.

נאָך מער זייַטלעך זייַנען פאַרפולט דאָ אין „מיסטעריעס" מיט פּראָטעסט־אויסגעשרייען קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם, קעגן גרויסע לייַט. דאָס באַווייַזט, אז נאַגעל האָט נאָך ווייַט ניט אויסגעשעפּט זייַן ווידערשטאַנדס־קראַפט אין זייַן קאַמף־לוסטיקייט. אַנדערש איז אָבער בא בערגעלסאָנען: דאָ ווערן די פּערסאָנאַזשן גענומען שוין פון טכילעס אָן פאַרמישפּעטע צום טויט, צום אונטערגאַנג. אין „אָפּגאַנג" קעמפט כאַים־מוישע מיט קיינעם ניט. די וועלט איז אַן אומווירדיקע און קיין שום פּראָטעסט קעגן דעם וועט ניט העלפן, דאָס איז שוין קלאָר פאַר מיילעכן און כאַים־מוישען. „שמועסן איז ניטאָ

*) אויך אין „אָפּגאַנג" זאָל מיילעך האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך זייַן קריג מיט כאַווע פויזנער. די־אָזיקע זאַך אָבער ווערט מיטגעטיילט בלויז אין געצייל־טע זאַצן. נאַגעלס באַציִונגען מיט דאַגנין ווערט, פאַרקערט, אויסגעדריקט אין פילצאָליקע ליידנשאַפטלעכע דערקלערונגען און בילדער אויס דעם קאָנפליקט אינעם ווערק.

מיקויעכ וואָס. די וועלט איז שוין ארומגעשמועסט" („אָפּגאנג", 12). עס בלײַבט בלויז דער „שטומער פּראָטעסט" און דער לעצטער קלאַפּ מיט דער טיר.

נאָכ בוילעטער זעט אויס דער כילעק צווישן די ביידע ווערק, ווען מיר קוקן זיכ צו צו דער קאָנסטרוקציע פון זייער פּערסאָנאַזש. דער טיפּאוש אין „אָפּגאנג" איז קאָנסטרויִרט, ווי דערמאָנט שוין, אנערעכ אזוי, ווי אין „מיס־טעריעס": א יונג מיידל, איר כאָסן אָדער פרײַנט און אן אומצופרידענער אינטעליגענט, די צענטראלע פיגור אין ווערק. אין דער צײַט אָבער, ווען בא האמסונען זײַנען פּארכאפּט מיט פּעסימיזם בלויז די מענער, זײַנען בא בער־געלסאָנען דורכגעדרונגען מיטן פּעסימיזם אויכ די פרויען. בא האמסונען זײַ־נען די פרויען פול מיט לעבן און זיי רופן ארויס — זאָל זײַן כאָטש אף א צײַט — א נײַעם קוואל פון לעבנסלוסט אויכ בא די מענער און דערנעענטערן זיי אף א געוויסער צײַט צו דער ארומיקער געזעלשאפט. בא בערגעלסאָנען אָבער שווײַגט עטל קאדיס לאנגע כאדאָשים, ווי מיילעכ און כאַיִם־מוישע. כאווע פויזנער מיט איר אזעסדיקן שמייכל האָט געזאָלט זײַן די פאַרקערפּע־רונג פון לעבנסלוסט און ערדישע פריידן אין „אָפּגאנג". וועגן אירע פריידן אָבער ווערט דאָ בלויז דערמאָנט עפּעס אין א צופעליקער פראזע. די פריידן אליין זעען מיר דאָ ניט. די רירנדיק־טמימעסדיקע כאנקע ליובאר, וואָס ציט זיכ צום לעבן מיט דער גאנצער קראפט פון איר ניט באריִרטער מיידלשער יוגנט, איז ניט פייִק ארויסצורופן בא כאַיִם־מוישען קיין איין פריידיקן שמייכל. אפילע. זי אליין ווערט דורכ איר ליבע־געפיל צו כאַיִם־מוישען אויכ צעבראָכן און דערדריקט.

די עראָטיק פארנעמט אין „מיסטעריעס" א צענטראל אָרט. אין „אָפּגאנג" אָבער פעלט זי קימאט אינגאנצן בא די צענטראלע פּערסאָנאַזשן. אין „מיס־טעריעס" טרעפן מיר פיל זײַטלעכ, וואָס זײַנען פארפולט מיט ליבע־דערקלע־רונגען. אין „אָפּגאנג" האָבן מיר עס ניט. אפילע דאָס וואָרט „ליבע" ווערט דאָ אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אויב ניט רעכענען דעם באלעגאָלעס דערציי־לונג, אז „אָט בראָמבערג, — שוין איינמאָל א בראָמבערג, האָט נאָכ מיט 14 יאָר צוריק דאָ כאסענע געהאט „פּאָ ליובווי". דאָ פילט זיכ דעם שרײַבערס איראָנישער שמייכל איבערן גאנצן איניען־ליבע. בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן זײַנען שוין ווי קליגער און עלטער, קעדיי צו פארנעמען זיכ מיט אזעלכע נארישקײַטן.

ביכלאל האָבן מיר בא בערגעלסאָנען אין „אָפּגאנג", ווי אויכ אין „נאָכ אלעמען" און אין „ארום וואָקזאל", צווייערליי טיפּן איבערהויפּט: אָדער אזוי־נע, וואָס האָבן מוט און ווילן צו לעבן און צו קעמפן פארן לעבן, — דידאָזיקע פּערסאָנאַזשן ווערן ארויסגעשטעלט מיט זייער גאנצער גראָבקײַט, געמיינקײַט און ברוטאלישקײַט און פארדינען ניט באַם לייענער קיין רעכט אף צו לעבן. יענע פיגורן אָבער, וואָס פארדינען דעם לייענערס סימפּאַטיעס, זיי פארמאָגן

ניט פארן לעבנס־קאמפ קיין טראָפּן ווידערשטאַנד־פֿייִקייט, קיין שפּור ווילנ־אָנשטרענגונג, און ווערן דורכויס פארמירלט און פארמיילעכט.

אין דעם זינען איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש די פיגור פונעם פאַר־שטאָרבענעם מיילעך אין „אָפּגאַנג". דער געשטאָרבענער מיילעך איז א גלײַכ־באַרעכטיקטער פערסאָנאַזש אין ווערק, ווי כאַים־מוישע, ער איז א גלײַכבאַ־רעכטיקטער מיטגליד. פון דער „אָפּגאַנג"־מישפּאָכע. ווײַל כאַים־מוישע אליין איז שוין אויך ניט מער ווי א שאָטן. מיילעך — נעכטן, אין כאַים־מוישע — הײַנט, ווײַל ס'איז קלאָר, אז קיין אנדער אויסוועג, ווי דאָס פּודעלע מיט די שאַרבנ־עטיקעטלעך איז ניט פאַראַן. מיילעך ווערט דערום דער הערשנדיקער קויעך, דער העכסטער שויפעט. די מאָס פון עכטקײַט און עמעסדיקײַט פאַר אַלדאָס ערדישע.

„— האָסט נאָך טויט באַקומען זיכערקײַט, מיילעך...

— אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מיילעך" („אָפּגאַנג", 36).

דער גאַנצער פּאַן אין דער „אָפּגאַנג"־שילדערונג איז אַבסאָליוט אַן אַנ־דערער, איידער אין „מיסטעריעס". בא האַמסונען איז דער פּאַן — די נאַטור. האַמסונס העלדן, ווען זיי ווערט ענג אין זייער סוויווע, ציִען זיי זיך אריבער אין אַן אַנדער „סוויווע", אין דער נאַטור, ווו זיי פילן זיך אָפּטמאָל איבער־גליקלעך. בא בערגעלסאָנען איז דער פּאַן — דער שטעטלדיקער שטייגער, דער גרויסער פאַרגליווערטער שמייגער, וואָס פאַרשטויבט אַלץ אַרום זיך — אי די נאַטור, אי דעם מענטשן, אי יעדן לעבעדיקן געפיל — און מאַכט עס צו קליינ־געלט. קיין שום אויסוועג, קיין שום אויסלייז־מעגלעכקײַטן פון אָט דעם גלי־ווער זעען פאַר זיך בערגעלסאָנס העלדן ניט. די גאַנצע וועלט שווײַגט פאַר בערגעלסאָנס פערסאָנאַזשן און מאַכט זיי אַליין שווײַגנדיק. פאַר נאַגעלן אָבער איז די נאַטור א לעבעדיקע און ריידנדיקע און מאַכט אים אַליין אויך ריידנדיק.

בערגעלסאָנס פערסאָנאַזשן געפינען פאַר זיך אין ערגעץ ניט קיין שום פּלאַץ אינעם לעבן, קיין שום פרייד אין ליבע און קיין שום טרייסט אין קונסט. אין „מיסטעריעס" לייקנט אָפּ נאַגעל די גרויסקײַט פון שרײַבער, בא בערגעלסאָנען צעווייפלען גופע די שרײַבער אין זייער אייגענעם באַרוף (דער דיכטער הערצ אין „נאָך אַלעמען").

דאָס אַלץ באַווײַזט אונדז, אז אין „אָפּגאַנג", ווי אין „נאָך אַלעמען" און אין „אַרום וואָקזאַל", האָבן מיר צו טון מיט דער אידעאָלאָגיע פון גאָר אַן אַנ־דער שיכט, איידער אין האַמסונס „מיסטעריעס". ביידע שרײַבער דריקן אויס די אידעאָלאָגיע פון א שיכט, וואָס ווערט דעקלאַסירט. ביידע שרײַבער דריקן אויס דידאָזיקע אידעאָלאָגיע דורך דער אינטעליגענץ, וואָס איז נאָך אין דער אָדער יענער מאָס פאַרבונדן מיטן שיכט, וועלכן זיי פאַרטרעטן. אָט דערפון שטאַמט די ענלעכקײַט אין דער פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע פון זייערע פער־סאָנאַזשן. אָבער אויב אין האַמסונס „מיסטעריעס", אין זײַן „פּאַן", „וויקטאָ־ריע" און אַנדערע טרעט פאַר אונדז אַרויס די אינטעליגענץ, וואָס איז

אָריענטירט אפנ דאָרפ, אפנ פויערטומ, האָבנ מיר בא בערגעלסאָנענ צו טונ אָדער מיט דער אינטעליגענצ, וואָס שטאמט פונ אנ אונטערגייענדיקנ פאטריארכאלנ שיכט בורזשואזיע, אָדער מיט דער דעקלאסירטער אינטעליגענצ, וואָס שטאמט פונ די פאופעריזירטע שטעטלדיקע שיכטנ, וועלכע זײַנענ אזוי אָדער אנדערש פארבונדנ מיט אָט דעמדאָזיקנ פאטריארכאלנ שיכט אונ מוזנ אומקומענ צוזאמענ מיט אימ.

ווענ איוואר קארענאָ אונ אנדערע פערסאָנאזשנ האמסונס בלײַבנ ניט צופרידנ מיט דער גרויסער שטאָט, מיט דער אלצ וואקסנדיקער קראפט פונעמ קאפיטאליזמ, רופנ זיי צו אנ אופשטאנד קעגנ דער גרויסער שטאָט אונ פרוווּנ בויענ אלצ אפנ האָרעפאשנעמ פויערטומ („זאפטנ פונ דער ערד"). דידאָזיקע אינטעליגענטנ קאָנענ טרוימענ אפילע וועגנ א רעוואָליוציע", וואָס זאָל צוריק אופשטעלנ די מאכט פונעמ דאָרפ קעגנ דער קאפיטאליסטישער שטאָט. באטירלעכ, אז אזא „רעוואָליוציע", ווענ זי וואָלט ביכלאל מעגלעכ געווענ, וואָלט באטײַט די סאמע ערגסטע רעאקציע, דאָס וואָלט באטײַט שלעפנ די געשיכטע אפ צוריק. דאָכ אָבער קאָנענ האמסונס פערסאָנאזשנ טרוימענ וועגנ דעמ, אפ וויפל זיי שפארנ זיכ אָנ אפ פילצאָליקע פויערשע מאסנ, וואָס זייער ווירטשאפט ווערט כאָרעוו דורכ דעמ שטײַגנדיקנ קאפיטאליזמ. בערגעלסאָנס פערסאָנאזשנ קאָנענ אפילע ניט טרוימענ וועגנ אזא רעוואָליוציע. קיינע געזעלשאפטלעכע איבערקערענישנ קאָנענ ניט אופשטעלנ צוריק די כורוועס פונ כאימ־מוישעס פאָטערס שטוב, די שטוב פונ אָט דעמ פרומענ ייִדנ, וואָס האָט וויניק אינ זינענ געהאט פארנאָסע, וואָס האָט זיכ דערפאר אָבער ארומגעטראָגנ מיט א פיירעש אפ „טילימ" אונ מיט „כיינדלעכ" אפנ „עווענ עזרע" („אָפגאנג", 22). פונקט ווי קיינע רעוואָליוציעס אונ איבערקערענישנ וועלנ שוינ ניט קענענ אופשטעלנ צוריק גדאליע הורוויצעס כאָרעוו־געוואָרענע שטוב, די שטוב, וואָס האָט געדינט פאר א שטיצ־פונקט פאר כאימ־מוישעס פאָטער אונ זײַנ גלײַכנ.

אינ איינ אָרט אינ „אָפגאנג" לייענענ מיר:

„ראקיטנע איז באנײַט אונ בארײַכערט געוואָרנ, זינט נעבנ איר האָט זיכ אויסגעבויט דער וואָקזאל".

אונ אינ דערזעלביקער שטעל טאקע:

כאימ-מוישע האָט דערזענ א שטיקל צעפוילטנ סלופ, אנ אויסגעקרישעטנ אונ שווארצגעוואָרענעמ, מיט אנ אויסגעהוילטער לאָכ אינדערמיט, ווי די לאָכ פונ אנ אלטנ צעפוילטנ באק־צאָנ... דאָס איז געווענ אלצ, וואָס דאָ אינ ראקיטנע איז פונ זײַנ פאָטערס הויז געבליבנ" („אָפגאנג", 18).

דאָס אויסבויענ א נײַעמ וואָקזאל האָט געפירט צומ כאָרעוו ווערנ פונ מירלס אונ כאימ־מוישעס געבורט־הײַזער. דידאָזיקע הײַזער זײַנענ כאָרעוו געוואָרנ אפ אייביק, אָנ קיינ שומ האָפענונג אפ ווידערופשטעלונג אונ באנײַונג.

מירל דערציילט סאָפיאַנעס אינ „נאָכ אַלעמענ":

> „איר פאָטער שטאמט אויכ פונ א גערמאנישער מישפּאָכע, וואָס האָט זיכ לאנגע צייטנ מיט זיכ אַליינ מעשאדעכ געווענ אונ ווערט אפּאָנעמ פונ אַלטקייט דעגענערירט. מעגלעכ, אז דערפאר פילט שוינ צייטנווייז זי, מירל, אזא פוסטקייט אונ טויג ניט צו גאָרנישט" („נאָכ אַלעמענ", 69).

אפ אזא ריינ ביאָלאָגישנ אויפנ פרווט מירל דערקלערנ איר טויגנ צו גאָרנישט. די זאכ איז אָבער פיל טיפער. עס טויג שוינ צו גאָרנישט די גאנצע אַלטע „גערמאנישע מישפּאָכע" ביכלאַל, דער גאנצער שיכט יידישע קליינשטעטלדיקע גווירימ, וואָס האָבנ זיכ געשפּייזט ארומ די רעשטלעכ פריצישע פעאָדאַלנ, וועלכע האָבנ נאָכ געפירט א נאטוראלע ווירטשאפט. גדאַליע הורוויצ באנקראָטירט צוזאמענ מיטנ קאשפעדריוקער גראפ. אונ ווענ בערגעלסאָנ וויל געבנ די מעגלעכקייט גדאַליע הורוויצנ, ער זאָל זיכ פאנאנדערצאָלנ מיט די כויוועס, מוז ער שוינ אָנקומענ צומ גראפס איידעמ, וואָס מאכט שוטפעס מיט גדאַליענ אונ הייבט אָנ עקספּלואטירנ זיינ וואלד אפ א טאָכרישנ אויפנ.

עס קאָנ ארופשווימענ א פראגע: וויארומ קומט די פאטריארכאַלע בורזשואזיע אינ „נאָכ אַלעמענ", א ווערק, וואָס שילדערט די עפּאָכע פונ נאָכנ 1905־טנ יאָר, דאנ, ווענ דער אינדוסטריע־קאפיטאל האָט שוינ דערגרייכט צו א הויכער מאדרייגע אינ רוסלאנד? עס ווייזט זיכ אָבער ארויס, אז פארשיידענע עקאָנאָמישע שטייגערס קענענ לעבנ א דויערנדיקע צייט האנט בא האנט, כאָטש אייניקע פונ זיי זיינענ שוינ פונ לאנג פארמישפּעט דורכ דער געשיכטע אפ אונטערגאנג. ס'איז גענוג באוווסט לענינס קלאסיפיקאציע פונ די פינפ סאָציאַל־עקאָנאָמישע שטייגערס, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ ראטנפארבאנד באמ אָנהייב נעפּ. אינ א צווייטנ אָרט זאָגט לענינ, אז רוסלאנד שטעלט מיט זיכ פאָר אינ עקאָנאָמישנ הינזיכט א זייער אָפּגעשטאנענע לאנד, „ווו דער נייסט־קאפיטאַליסטישער אימפּעריאַליזמ איז, אזוי צו זאָגנ, איבערגעפלאָכטנ מיט א באזונדערס געדיכטער נעצ פונ פאר־קאפיטאַליסטישע באציונגענ" (לענינ, באנד 19, ז. 136). אונ נאָכ אינ אנ אָרט ווידער:

> „...אינ רוסלאנד איז נאָכ פאראנ ניט ווייניק געביטנ אונ ארבעטצווייגנ, ווו מיר האָבנ אנ איבערגאנג פונ דער נאטוראַלער אונ האלבנאטוראַלער ווירטשאפט צומ קאפּיטאַליזמ" (לענינ, ב. 20, ז. 298).

אזוי זעענ מיר, אז דער האנדלס־קאפיטאל איז נאָכ אינ דער צייט פונ „נאָכ אַלעמענ" אונ „אָפּגאנג" גאנצ שטארק. ניט אומזיסט טרעפנ מיר אינ דידאָזיקע ווערק א גאנצע רייי אופגעקומענע גווירימ, ווי די בורנעסעס, די זיידענאָווסקיס, די פויזנערס, ד.ה. פאָרשטייערס פונעמ האנדלס־קאפיטאל, באגלייכ מיט נאָכעמ טאראבייַ, מיט מאָנטשיקנ א. אנד., וואָס האָבנ א שייכעס שוינ צו דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע.

גדאליע הורוויץ שטעלט מיט זיך אָבער פאַר אַן אָפּצווייַג פון די פּריציש־פעאָדאַלישע רעשטלעך, ער איז דער לעצטער עפּיגאָן פון יענעם גווירים־דאָר, וואָס איז אופגעקומען מיט עטלעכע דורות צוריק, ווען די קאָנקורענץ און דרייַסעניש פאַרן פּאָרעץ איז נאָך נישט געווען אזוי שטאַרק. די פּריצישע אַרענדע פלעגן איבערגיין בעכאַזאָקע פון טאַטעס צו קינדער, און די „פייַנע יידן", וועלכע האָבן אָפּן סאַמע בלוטזויגערישן אויפן עקספּלואַטירט דאָס פּויערטום און די אַרבעטנדיקע פונעם שטעטל, האָבן זיך געקענט רויִק אָפּגעבן מיטן „אַבאַרבאַנעל", מיט טייַלן צדאָקע און מיט פּלאַנצן און פעסטיקן צווישן דער „איידעלע יידן" יענע מידעס און בּאַגריפן וועגן ערלעכקייט און יושער, וואָס זאָלן אויך פאַר זייערע קינדער זיכערן די אַלטע כאַזאָקעס און פּריווילעגיעס. ווען דער קאַפּיטאַליזם פאַרשטאַרקט זיך אין לאַנד, ווערן די קאַש־פּעריוּוקער גראַפן פאַרמישפּעט אַף אונטערגיין צוזאַמען מיט זייערע אונטער־שטופּערס — די רעב־גדאַליע הורוויצעס.

זעקסטער קאַפּיטל.

דער סאָציאַלער טאָך פון „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג".

מירן איצט סומירן אונדזער געדאַנק וועגן סאָציאַלן טאָך פון „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג".

לויט אונדזער מיינונג, דריקט בערגעלסאָן אויס אין דידאָזיקע ווערק די שטימונגען פון די אונטערגייענדיקע שיכטן פון דער יידישער הענדלערישער פּאַטריאַרכאַלער בורזשואַזיע.

עס איז פאַר אונדז קיין שום ספק נישט, אַז דאָ האָבן מיר צו טון מיט אַ קינסטלער, וואָס איז אַליין ענג צונויפגעבונדן מיטן שיכט, וועלכן ער שילדערט אונדז, דאָס איז צו זען דערפון, וואָס דער שרייַבער באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייַטן צו פאַרטיידיקן און רעאַביליטירן אָט דעמדאָזיקן שיכט. דערפון זאָגט אויך איידעס דער טיף־דראַמאַטישער און עלעגישער טאָן, וואָס מיט אים איז דורכגעדרונגען די גאַנצע שילדערונג.

ווען ס'האָבן גענומען שילדערן דעם אונטערגאַנג פון אָט די שיכטן פוקס, וואַרשאַווסקי און אַנדערע פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קליינבירגערלעכע שיכטן, האָבן זיי עס געטאָן קאַלט, רויִק און אָביעקטיוו, — גאַנץ אָפּט אַפּילע מיט אַ געפיל פון מיטשטימונג צו אָט דעמדאָזיקן פּראָצעס. אַנדערש איז אָבער בּאַ בערגעלסאָנען: דאָ שטייט דער שרייַבער אַליין אין סאַמע מיט און צווישן די אונטערגייענדיקע. ער איז אַליין פלייש פון פלייש און ביין פון ביין פון די הורוויצעס. דער שרייַבער באַגלייט דאָ יעדן טראָט פון זייַנע פּערסאָנאַזשן אַפן וועג צום אונטערגאַנג מיט די סאַמע וואַרעמסטע באַדויער־געפילן.

בּאַ דעם אַלעם אָבער זעט דער קינסטלער, אַז דער אונטערגאַנג איז אומ־פאַרמייַדלעך, אַז קיין שום רעטונג איז פאַר דידאָזיקע שיכטן ניט פאַראַן. אָט

דערפון שטאמט די טאטלאָזיקייט פון זײַנע פערסאָנאזשן, זייער אָפּגעזונדערט־קייט און אָפּגעצוימטקייט פון אַלע ארומיקע. אָט דערפון שטאמט אויך די אָפּוועזנהייט פון געזעלשאפטלעכע אינטערעסן בא די פערסאָנאזשן, ווי אויך די אָפּוועזנהייט פון פּאָזיטיווע געזעלשאפטלעכע אידעאלן באם שרײַבער גופא.

אן אונטערגייענדיקער שיכט קאָן קיין שום פּאָזיטיווע פּראָגראם־טעטיקייט ניט האָבן. פאר אזא שיכט שטייט שארף בלויז איין פּראָבלעם — די פּראָבלעם פון עצעם־עקזיסטענץ. און דאָס טרעפן מיר טאקע אין די דערמאנטע ווערק פון בערגעלסאָנס: אין „ארום וואָקזאל" — די פּראָבלעם פון צופאסונג, אין „נאָך אַלעמען" — די פּראָבלעם פון איבערשליסונג, אין „אָפּגאנג" — די פּראָבלעם פון אומקום.

א פּאָזיטיווע פּראָגראם האָבן געהאט אין דער צײַט פון רעאקציע בלויז די פעסטע שיכטן פון דער בורזשואזיע און דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט. דערפאר טרעפן מיר טאקע אין דער ליטעראטור פון אָט די צוויי קלאסן א פעסטע און קלאָרע ליניע. די פּראָלעטארישע ליטעראטור רופט אין די ווערק פון אירע בעסטע פאָרשטייער (גאָרקי, סעראפימאָוויטש א. אנד.) פאָרצוזעצן ווײַטער דעם קאמף. די בורזשואזיע, פארקערט, באמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּצוּען די אופמערקזאמקייט פון די מאסן פון די קלאסעווע ווידערשפּרוכן און ווענדן זיי אין אן אנדער ריכטונג. דאָס טוען אויך די שרײַבער פון דער ייִדישער בורזשואזיע, ווי אויך די קליינבירגערלעכע שרײַבער, וואָס האָבן זיך אין פעריאָד פון רעאקציע אָנגעשלאָסן אָן דער בורזשואזיע. אזויגע שרײַבער, ווי שאָלעם אש, י. ל. פּערעץ, ד. איינהאָרן, א. ווײַטער און פיל אנדערע, פילן אויס אין דער ליטעראטור פון יענער צײַט די סאָציאַלע שליכעס פון דער בורזשואזיע, אומאָפּהענגיק פון זייערע סוביעקטיווע קאוואָנעס. די־דאָזיקע שרײַבער האָבן גענומען דאן פּריידיקן די אידייען פון אן איינהייט־לעכער נאציע אין קעגנזאץ צו די אידייען פון קלאסן־קאמפ. אין דער קינסט־לערישער ליטעראטור האָבן זיך די־דאָזיקע אידייען אמבוילעטסטן אנטפּלעקט אין די ווערק פון י. ל. פּערעץ און פון שאָלעם אש.

י. ל. פּערעץ, דער סימוואָליקער, האָט אין זײַנע קינסטלערישע ווערק גע־שאפן די אלגעמיינע סימוואָלן פון זײַן נײַעם גלויבן. ער האָט זיך דעריקער געווענדט צו דער פארגאנגענהייט און האָט אופגעשטעלט די „גאָל־דענע קייט" פון די „שאבעס־יאָנטעוודיקע, נעשאָמע־יעסיירעדיקע" ייִדן, אָנ־געהויבן פון מיטלאלטער און פריער ביז צו דער לעצטער צײַט.

שאָלעם אש, דער רעאליסט, האָט שוין אויסגעדריקט אין זײַנע ווערק די פּראקטישע טאָגטעגלעכע פּראָגראם פון דער בורזשואזיע.

דאָס בוך „מערי" איז איבערגעפולט מיט גאָטזוכערישע שטימונגען — איינע פון די בוילעטסטע אנטפלעקונגען פון רעאקציע אין יענער צײַט. שפּעטער, אין 1914־טן יאָר, קומט „דער וועג צו זיך", די פאָרזעצונג פון „מערי", וואָס איז שוין פארפלייצט מיט פּריידיקונג פון א „געפונענעם גאָט".

מערי, דאָס צעפּעסטעטע „ציגײַנער־קינד“, זוכט גאָט ערגעץ אין די קאַטױ־לישע קלױסטערס. מישע ראָזנצװײַג, אַשס פּאָזיטיװער העלד, זוכט גאָט אין די ייִדישע שולן, װוּהין ער קומט דאַװנען.

אינעם „װעג צו זיך“ „געפינט“ מישע גאָט אינעם האָטעל „װאַרשע“, ערגעץ אין א דײַטשישער האַפּן־שטאָט.

„איבעריקנס, האָט ער שױן דאָרט געהאַט א כאַװער. דאָס איז געװען דער אַלטער ייִד ר׳ עב שלױמע־כאַיִמ פון סלוצק, װאָס האַלט זיך אױף אין האָטעל „װאַרשע“ שױן צײַט װאָכן און פילט זיך שױן דאָרט א גאַנץ היימישער... „גאָט איז אומעטום, אַפילע אין האָטעל „װאַרשע“... איך האָב נאָר מוירע פאַר אַן אָרט, װוּ דאָרט געפינט זיך גאָט נישט. נאָר קוימ איז נאָר א שטיקל הימל איבערן קאָפּ, געפינט זיך גאָט—האָב איך שױן פאַר קיינעם קיין מוירע ניט, קאָן מיר שױן קיינער קיין שלעכטס ניט טון אָן זײַן ראָצן“...

װײַטער זעצט שאָלעמ אַש פאָר:

„אָט דער ייִד, װאָס האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אױסגעצייכנט פון הונדערטער, טױזנטער אַנדערע ייִדן, איז אים געװען א לעבעדיק װונ־דער פון ייִדישן פאָלק“ („דער װעג צו זיך“, 226).

אזא „לעבעדיק װוּנדער פון ייִדישן פאָלק“ איז פאַר מישען אױך די פרומע פרױ זײַנע ראָכל, װאָס שטאַמט פון די הינטערגעסלעך אין מישעס געבורט־שטאָט, פונעמ „ראָװ“. ראָכל אַגיטירט דעמ מאַן פאַר דער גײַטיקײַט זיך אומ־צוקערן אין שטעטל.

און צומ סאָף בוך דערקלערט מישע ראָזנצװײַג:

„... יאָ, איך האָב שױן באַשטימט, איך האָב שױן אװעקגעשיקט צומ „פּאָפּעטשיטעל“ א ביטע־שריפט, איך עפן מיר אױף א כײדער אין „ראָװ“ דאָרטן, 244).

אָט אַזױ װערט שױן דאָ געפּריידיקט די קאָנקרעטע פּראָגראַמ פון דער ייִדישער בורזשואַזיע—די רעליגיעזע כאַדאָזים, װוּ די דערציִונג זאָל געפירט װערן אינעמ נאַציִאָנאַליסטישן גײַסט. עס װערט דאָ געפּריידיקט פאַר דעמ, אַז די אינטעליגענץ זאָל גיין אין די הינטערגעסלעך און זאָל פלאַנצן דאָרט די אידייען פון נאַציִאָנאַליזמ.

אַנדערש איז אָבער אין בערגעלסאָנס װערק. אױך דאָ האָבן מיר עפּעס א רעמעז אַפ גאָט־זוכערײַ. מירל קלאָגט זיך אין „נאָך אַלעמען“:

„אָט האָט זי ניט לאַנג טורגענעװס א בוך *) נאָכאַמאָל איבערגעלייענט: א רוסישע מיידל קאָן מער נישט אױסקומען מיטן לעבן, װאָס אַרום, גייט זי אװעק אין מאָנאַסטיר, און ס׳װערט פון איר גאָרנישט, און זי, מירל... דער מאָנאַסטיר איז פון איר אַזױ װײַט און װײַזט איר אױס

*) געמיינט טורגענעװס ראָמאַן „די אַדעליקע נעסט“, װוּ די העלדין, ליזאַ קאַליטינאַ, ענדיקט מיט דעמ, װאָס זי גייט אװעק אין א מאָנאַסטיר.

אזוי נאריש. מ'האָט זי פון קליינערהייט נישט געלערנט זײַן רעליגיעז" („נאָך אלעמען". 271).

איז אָט, אויב מירלען קומט שוין יאָ ארײַן א געדאנק וועגן רעליגיע, איז עס בלויז ווי וועגן א מיטל אפּ אוועקצוגײן פונעם לעבן. און אויך דאָס ווארפט מירל אָפּ. מירלען איז די רעליגיע אבסאָליוט פרעמד. שמוליק זײַדע־באָווסקי וועקט עקל בא מירלען גראָד דאן, ווען ער זינגט כאזאָנישע שטיק. אפילע הערצ דער העברייִשער דיכטער פילט אויך די אָפּגעלעבטקייט פון דער אלטער רעליגיעזער קולטור. אין הערצס מײַסעלע וועגן דער טויטער שטאָט לאָזט אונדז בערגעלסאָן הערן, אז די אלטע רעליגיעזע קולטור איז שוין גאָרנישט ניט ווערט, אז דידאָזיקע קולטור איז שוין ניט מער ווי א „לעכער־דיקער זאך".

אפילע אינעם סאמע רעאקציאָנערן ווערק בערגעלסאָנס, אין „אָפּגאנג", טרעט ארויס גאנצ שארפ בערגעלסאָנס נעגאטיווע באציִונג צו דער אלטער יידישקייט, צום „לעכערדיקן זאך". ווען בערגעלסאָן ברענגט ארויף זײַנע צענ־טראלע העלדן, מײלעכן און כאיִמ־מוישען, אין שטעטל, פירט ער זיי צונויפ ניט מיט אזא „וווּנדער פון יידישן פאָלק", ווי רעב שלוימע-כאיִמ פון סלוצק, נאָר מיט אזא אפּיקוירעס, ווי ייִצכאָק־בער דער קאסיר, וואָס האָט זיך „צע־קריגט מיט גאָט". כאיִמ־מוישע דענקט וועגן זײַן קינדערשן סידערל, ווי וועגן עלטסטנ גרויסנ ליגנער („אָפּגאנג", 38).

דעם טאלמעטוירע־פארוואלטער פארדריסט אפּנ אײַנגעגעסענעם „באָרעכ שעאָמאר"־נוסעכ, וואָס לייקנט אין אלע נײַעס, און מיר פילן, אז אויך בער־געלסאָן איז קעגן דעם אלטן נוסעכ און פאר די נײַעס. און דאָס האָט בערגעל־סאָן אויסגעדריקט אין זײַנע ווערק פונקט דאן, ווען די גאנצע יידישע ליטע־ראטור קימאט האָט געהאלטן אין איין פריידיקן פארן אלטן נוסעכ און פארן סידער.

פון דער צווייטער זײַט, אָבער, טרעפן מיר אינעם דאָזיקן ווערק א שארפן קער צו מיסטיק. בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזם, וואָס האָט אין „נאָך אלעמען" פארמאָגט א שטײַפן רעאליסטישן באָדן, ווערט שוין אין „אָפּגאנג" היפּש איבערגעפּולט מיט סימוואָליסטישע בילדער און מיט מיסטישע געשטאלטן און אנדײַטונגען.

אין נאָמבערגס דערציילונגען, אשטייגער, וואָס דריקן אויס די שטימונגען פון גרויסשטאָטישע דעקלאסירטע שיכטן פונעם קליינבירגערטום, פעלט דער סימוואָליזמ איגאנצן.

אויך נאָמבערגס אינטעליגענטן זײַנען ניט פייִק צו געפינען פאר זיך א פלאצ אינעם לעבן, אויך זיי זײַנען שווײַגנדיק פאסיוו און ייִעשדיק פארצווייפלט. אויך זיי זײַנען עלנט און איינזאם אין דער ארומיקער סוויווע. דער ייִעש און עלנטקייט פון בערגעלסאָנס אינטעליגענטן טראָגט אָבער גאָר אן אנ־דער כאראקטער. בערגעלסאָנס אינטעליגענט איז ניט סטאם איינזאם, — ער

פראווע „היסבוידעדעס" (אָפּגעזונדערטקייט, אָפּגעשיידטקייט פון דער וועלט), ער באַווייַזיקט זיך פון דער וועלט ווי מיט א קיוון. ער שטעלט זיך העכער פון דער ארומיקער סוויווע און פאַרורטיילט די דאָזיקע סוויווע.

נאָמבערגס אינטעליגענטן זייַנען איבערהויפּט סקעפּטיקער און ניהיליסטן. זיי גלייבן לאַבסאָלוטן אין גאָרנישט ניט. צו דער ארומיקער סוויווע באַציִען זיי זיך מיט א קאַלטער אָפּגעפרעמדטקייט, אמאָל מיט א געפיל פון ציניזם. בערגעל־סאָנס פּערסאָנאַזשן זייַנען, פאַרקערט, דורכגעדרונגען אין א גרויסער מאָס מיטן אַבסטראַקט־אידעאַליסטישן עטיציזם. זיי פאַרמאָגן אין זיך א געוויסן געפיל פון אכרייַעס פאַר דער וועלט און טראָגן זיך אַרום אמאָל מיט א נעפּלדיקן שטרעבן צו פאַרוואַנדלען אָט דעם געפיל אין א געוויסן טאַט (מירלס טראַכ־טענישן וועגן דעם, אז עפּעס „דאַרף געטאָן ווערן"; מיילעכס געדאַנקען וועגן דעם, אז ער האָט עפּעס צו זאָגן דער וועלט.

דאָס אַלץ באַווייַזט אונדז, אז בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן זייַנען נאָך אין א היפּשער מאָס פאַרבונדן מיט זייער קלאַס, אז דער פּראָצעס פון דעקלאַסירן זיך הייבט זיך בײַ זיי ערשט אָן, אין דער צייַט, ווען בײַ נאָמבערגס פּערסאָנאַזשן איז שוין דער דעקלאַסיר־פּראָצעס אינגאַנצן אויסגעפאָרמירט און פאַרענדיקט.

צו דערזעלביקער צייַט אָבער האָבן מיר דאָ שאַרפע סימאָנים אַף דעם, אַז בערגעלסאָן הייבט אָן אוועקצוגיין פון די הורוויצעס, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען.

וויַאַרום קאָן מען דערקלערן אָט די גוואַלדיקע ווידערשפּרוכן אין בער־געלסאָנס ווערק?

דאָס דערקלערט זיך מיט דער וואַקלדיקער פּאָזיציע, וואָס בערגעלסאָן פאַרנעמט אין מעשעכ פון זייַן גאַנצן ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן. מיר האָבן אויבן פעסטגעשטעלט, אז בערגעלסאָן דריקט אויס אין זייַנע ערשטע ווערק די אידעאָלאָגיע פון אַן אונטערגייענדיקן בורזשואַזן שיכט. אָט דער דאָזיקער פאַקט טאַקע האָט געפירט צו דעם, אז בערגעלסאָנס ווערק זאָלן זיך אויסצייַ־כענען מיט א באַזונדערער וואַקלדיקייַט און ווידערשפּרעכלעכקייַט.

ווייַל א באַדייַטנדיק קונסט־ווערק דריקט נישט סטאַם אויס די אידעאָלאָ־גיע, שטימונגען און געפילן פון א וואָסער ניט איז קלאַס אָדער שיכט, נאָר עס שטרעבט אָנצומערקן א געוויסע ווייַטערדיקע עטאַפּ אין דער אַנט־וויקלונג פון אָט דעם קלאַס אָדער שיכט. דערפאַר טרעפט אָפט, אז די קינסט־לער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר צומיינסטן די פאָרגעשריטענע טיילן פונעם קלאַס און זייַנען באַוואָפנט מיט דער העכסטער שטופע פון זייַן קולטור און אויך מיט דער געהעריקער ווייַטזיכטיקייַט, — אָט די קינסטלער ברענגען מיט זיך א געוויסע מאָס זעלבסטקריטיק, וועלכע איז אומבאַדינגט נייטיק, קעדיי זייער קלאַס זאָל זיך קענען א רוק טון פאָרויס.

די זעלבסטקריטיק אָבער קאָנ איבערגיינ אינ קריטיק אונ קאָנ פירנ דעמ שרייבער צו פארשיידענע וואקלענישנ, אונ אמאָל אפילע אינגאנצנ ארויספירנ אימ פונ די גרענעצנ פונ זיינ קלאַס. די געשיכטע פונ דער ליטעראטור איז איבערגעפולט מיט אזוינע ביישפילנ. ווארעמ וואָס, אינדערעמעסנ, שטעלט מיט זיכ פאָר די פעריאָדיזאציע פונ א וואָסער ניט איז באדייטנדיקנ קינסטלער, אויב ניט די קאָנפיגוראציע פונ די באציונגענ צווישנ אָט דעמ שרייבער מיט די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע קלאסנ אָדער שיכטנ אינ דעמ אָדער יענעמ פעריאָד פונ זיינ שאפנ? דערפאר טרעפט עס אָפט, אז די אידעאָלאָגיע פונעמ קינסטלער איז ניט פולקאָמ אדעקוואט מיט דער אידעאָלאָגיע פונעמ שיכט, וואָס דער קינסטלער שילדערט אונ דריקט אויס. ווענ שאָלעמ־אליכעמ שילדערט מענאכעמ־מענדלענ, שטייט ער שוינ אינ א וואָסער ניט איז מאָס אָנ דער זייט פונ זיינ העלד אונ קוקט אימ שוינ אָנ מיט א שמייכל אפ די ליפנ. שאָלעמ־אליכעמ געפינט זיכ נאָכ אינגאנצנ אינ די גרענעצנ פונ אָט דעמ מענאכעמ־מענדלשנ שיכט. ער זעט ניט פאר זיכ יענע שעפערישע קראפט, וואָס זאָל אויסלייזנ מענאכעמ־מענדלענ פונ זיכ אליינ. דערפאר זעט ער פאר מענאכעמ-מענדלענ קיינ שומ אויסוועג ניט. שאָלעמ־אליכעמ שטעלט זיכ שוינ אָבער אפנ וועג פונ זוכנ אנ אויסוועג, אונ מיטנ כוש פונ א גרויסנ קינסטלער האָט ער געפילט, אז די מענאכעמ־מענדלס וועלנ ווי ס'איז ניט איז אופגעריכט ווערנ, זיי וועלנ דעמ אויסוועג געפינענ.

גאָר אנדערש איז די זאכ מיט בערגעלסאָנענ. מיטנ כוש פונ א גרויסנ קינסטלער פילט בערגעלסאָנ דעמ אומפארמיידלעכנ אומקומ פונ זיינ שיכט, אונ די פראגע וועגנ איבערשליסנ זיכ ווערט פאר אימ געשטעלט באזונדערס שארפ. פילנדיק דעמ אומפארמיידלעכנ אומקומ פונעמ דאָזיקנ שיכט, האָט בערגעלסאָנ געמוזט זוכנ אונ געפינענ פאר זיכ אנ אנדער שיכט, אפ וועלכנ ער זאָל זיכ קאָנענ אָריענטירנ. פארבלייבנדיק בא די אומקומענדיקע הורוויצעס אונ מיילעכס אונ בא די בלאָנדזשענדיקע מירלס אונ כאימ־מוישעס, וואָלט בערגעלסאָנס קונסט זיכ אָנגעשטויסנ אָנ א טעמפנ פונקט, אינ בעסטנ פאל וואָלט זי זיינ פארמישפעט אפ עפיגאָנערײַ. פאר בערגעלסאָנענ שטעלט זיכ דערומ שארפ, שוינ פונ זיינע ערשטע קינסטלערישע טריט, די פראָבלעמ וועגנ פארלאָזנ די ברענענדיקע שיפ אונ זוכנ פאר די פיס ערגעצ־ווו א פעסטנ באָדנ. ווי מירל, וואָלט בערגעלסאָנ געקאָנט זאָגנ: „דאָ, ווו איכ בינ, קאָנ איכ מער נישט בלייבנ. איכ ווייס נישט, וווהינ מע גייט, נאָר אוועקגיינ פונדאנענ מוז איכ".

וועגנ בערגעלסאָנס באציונג צו די שיכטנ, וואָס ער שילדערט אינ דידאָזיקע ווערק, קאָנ מענ מיט א געוויסער מאָדיפיצירונג זאָגנ דאָסזעלביקע, וואָס ענגעלס זאָגט וועגנ באלזאקנ.

„זיינ גרויס ווערק,—שרייבט ענגעלס וועגנ באלזאקנ,—דאָס איז אנ אומופהערלעכע עלעגיע איבער דעמ אָנאָפהאלטלעכנ פאנאנדערפאל פונ די העכערע קלאסנ פונ דער געזעלשאפט; זיינע סימפאטיעס זיינענ אפ

דער זייט פונעם קלאַס, וואָס איז פאַרמישפּעט אַף אומקום. אָבער... דאָס, וואָס באַלזאַק איז געצוווּנגען געווען צו גיין קעגן זײַנע אייגענע קלאַסן־סימפּאַטיעס... דאָס, וואָס ער האָט געזען די אומפאַרמײַדלעכקייט פונעם אונטערגאַנג פון זײַנע ליבלינגען אַריסטאָקראַטן... און דאָס, וואָס ער האָט געזען דיווירקלעכע מענטשן פון דער צוקונפט דאָרטן, וווּ מע האָט זיי אין יענער צײַט נאָר געקאָנט זען, דאָס רעכן איך פאַר איינעם פון די גרעסטע ניצחונות פונעם רעאַליזם" (פונעם בוך „מאַרקס און ענגעלס וועגן קונסט", ז. 195־196).

און קעדיי אויסצוגעפינען יענע „מענטשן פון דער צוקונפט", אַף וועלכע באַלזאַק וועט זיך נעמען אָריענטירן, פירנדיק די הורוויצעס צום גרונט, דאַרפן מיר זיך ווענדן צו די איבעריקע ווערק, וואָס באַלזאַק האָט געשאַפן איינצײַטיק מיט די ביכער, וואָס מיר האָבן זיי דאָ אַנאַליזירט, מיט „אָרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג".

זיבעטער קאַפּיטל.

ד. באַלזאַקס אַנדערע ביוראָוואָליוציאָנערע ווערק.

מיר וועלן ביכלאַל גאָרנישט ניט פאַרשטיין אין דער עוואָליוציע פון באַלזאַקס שאַפן, אויב מיר וועלן ניט נעמען אין אַכט פאָלגנדיקס: שילדערנדיק די אונטערגייענדיקע שיכטן פון דער יידישער בורזשואַזיע, אונטערשטרײַכנדיק די אומפאַרמײַדלעכקייט פון זייער אומקום, זוכט באַלזאַק איינצײַטיק אין דער אַרומיקער סוויווע יענע שיכטן, וואָס שטייען נאָך פעסט אַף די פיס, וואָס קעמפן ענערגיש פאַר זייער עקזיסטענץ, וואָס פאַרמאָגן נאָך גענוג קויעך און מוט אַף צו פירן דעמדאָזיקן קאַמף.

ווען מיר קוקן זיך צו צו אַלע באַלזאַקס ביוראָוואָליוציאָנערע ווערק, טרעפן מיר דאָ קימאַט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג — דעם אַרבעטער, דאָס שטעטלדיקע קליינבירגערטום, די אינטעליגענץ, די בורזשואַזיע. איבערהויפּט אָבער זײַנען דאָ פאָרגעשטעלט צוויי שיכטן בורזשואַזיע — די אונטערגייענדיקע שיכטן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס זײַנען נאָך אַרײַנגעוועבט אין די רעשטלעך פונעם פריציש־פעאָדאַלישן לעבנשטייגער, און די אופגעקומענע שיכטן בורזשואַזיע, יענע, וואָס פאַרבינדן זייער גורל מיטן פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אין „אָרום וואָקזאַל" און אין „נאָך אַלעמען" ווערט געשטעלט דער טראָפּ אַף די אונטערגייענדיקע שיכטן. די פעסטערע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, די אופגעקומענע און אופקומענדיקע גווירים זײַנען דאָ אָפּגערוקט אין הינטערגרונט און שפּילן דאָ אַ צווייטראַנגיקע ראָליע. ביז־לעכווײַז אָבער בײַט זיך באַלזאַקס באַציִונג צו אָט דידאָזיקע שיכטן בורזשואַזיע, און אין „פאַרטונקלטע צײַטן" ווערן זיי שוין דער הויפּט־אָביעקט פונעם ווערק.

דער פּראָצעס פון בערגעלסאָנס איבעראָריענטירן זיך איז א לאַנגזאַמער און זיגזאַגישער. אָנהייבן הייבט ער זיך אָבער אָן בא בערגעלסאָנס ערשטע לי־טעראַרישע טריט. דערום וועלן מיר אים פּרווון נאָכשפּירן אײַנקורצן דורך אַלע בערגעלסאָנס ביזרעוואָלוציאָנערע ווערק, דאַן וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן בערגעלסאָנס עטאַפּ פון „נאָך אַלעמען" צו „אין פּאַרטונקלטע צײַטן" און פון „אָפּגאַנג" צו „מידאַס האַדינ". דאַן וועלן פאַר אונדז אויך קלאָר ווערן די סיבעס פון בערגעלסאָנס אײַנזאַמקײַט אין דער יידישער ליטעראַטור אײ־נעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן און פון זײַן שפּעטערדיקער גרויסער ווירקונג אף דער יידישער און אפילע אף דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי מיר האָבן עס פאַרצייכנט אין אָנהייב פון אונדזער אַרבעט.

1

ס'איז זייער מערקווירדיק דער פאַקט, וואָס איינס פון בערגעלסאָנס ער־שטע אָנגעשריבענע ווערק איז געווען „דער טויבער" (1907). בא אַלע פע־לערן, וואָס די געשטאַלט פון דעם טויבן פאַרמאָגט, האָבן מיר דאָך אין צענטער פון ווערק די פיגור פון אַן אַרבעטער, די פּראָבלעם פון עקספּלואַטאַציע.

אין 1908 יאָר שרײַבט בערגעלסאָן דעם „אַרום וואָקזאַל", ווו אין צענטער שטייט שוין גאָר אַן אַנדער געשטאַלט — ביינעש רובינשטיין, א יאָרדישער סויכער.

אין 1909—1910 שרײַבט בערגעלסאָן „דרויב", „שייוועט גדאַליע", „דער קאַברען" און אַנדערע קלענערע דערציילונגען, וואָס האָבן צו טון מיט דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט. און אין 1910—1912 שרײַבט בערגעלסאָן דעם ראָ־מאַן „נאָך אַלעמען"*). מיט דער רעכטער האַנט שאַפט בערגעלסאָן ווערק, וואָס שילדערן די אונטערגייענדיקע שיכטן בורזשואַזיע, און מיט דער לינ־קער — ציט ער זיך צו די נידעריקערע שיכטן פון דער יידישער באַפעל־קערונג.

אָבער אַפילע אין די גרענעצן פון איין און דעם זעלביקן ווערק באַמערקן מיר אַמאָל, אַז בערגעלסאָנס אופמערקזאַמקײַט צעצווייט זיך צווישן צוויי פאַרשיי־דענע שיכטן, אַמאָל באַמערקן מיר אַפילע א געוויסע וואַקלונג בא בערגעל־סאָנען אין זײַנע סימפּאַטיעס צו פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן אין איין און דעם זעלביקן ווערק. דאָס איז צו זען אין „נאָך אַלעמען", אַשטייגער.

מיר האָבן שוין אויבן גענוי גערעדט וועגן דער שאַרפער נעגאַציע פון דעם אופגעקומענעם גוויר אין „נאָך אַלעמען". אָבער אויב די בורנעסעס, טאַראַ־בײַס און זײַדענאָווסקיס ווערן דאָ אַרויסבאַוויזן מיט זייער גאַנצער גראָבער־קײַט און ברוטאַלישקײַט, מיט זייערע לעקישעוואַטע זין און טעמפּע טעכטער וואָס קויפן זיך פאַלשע אַטעסטאַטן, האָבן מיר דאָ אין „נאָך אַלעמען" אויך א פּ אָ ז י ט י ו ו ע פ י ג ו ר פ ו ן א ן א ו פ ג ע ק ו מ ע נ ע ם ג ו ו י ר — דאָס איז

*) אַט די דאַטעס, וואָס מיר ברענגען דאָ, זײַנען גענומען פון בערגעלסאָנס א בריוו אין רעד־ליטסעקציע פון קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור.

וואָווע בורנעס. וואָווע בורנעס ווערט, עמעס, סימפאטיש בלויז אינ דעמ זכוס פונ די הורוויצעס, דורכ זײַנ האָפענונגלאָזיקער ליבע צו מירל הורוויצ. אָבער שוינ גופע די פײַיִקײַט פונ אנ אופגעקומענעמ גוויר טיפ פארכאפט צו ווערנ מיטנ ליבע־געפיל טיילט שוינ אויס וואָווענ פונ אלע ארומיקע. אינ וואָווע בורנעס האָבנ מיר, אזויארומ, אנ אָנהייב פונ בערגעלסאָנס איבער־אָריענטירונג.

אפילע די זײַדענאָווסקיס גיבנ דאָ אויכ א וואָסער ניט איז האָפענונג ווערנ „צו לײַטנ גלײַכ". באמ גאנצנ עקל, מיט וועלכנ בערגעלסאָנ באציט זיכ צו די זײַדענאָווסקיס, פארצייכנט ער דאָכ בא זיי אזעלכע שטריכנ, וואָס ווײַזנ, אז אָט די אופגעקומענע גווירימ הייבנ זיכ אָנ אויסלײַטישנ. מירנ דערמאנענ באָטש אזא דעטאל. שמוליקס שוועסטער ריקל, וואָס „דער קאָפ איז בא איר טעמפ, ווי בא דער מאמע אירער", ווײַזט דאָכ ארויס א געוויסע מאָס איידלקײַט: זי ווייסט די גאנצע צײַט וועגנ מירלס טרעפענישנ מיט נאָסנ העלער, זי דערציילט אָבער אינדערהיימ וועגנ דעמ קיינעמ נישט, ביזוואנענ מע הייבט ניט אָנ צו ריידנ וועגנ שמוליקס געטנ זיכ מיט מירלענ („נאָכ אלעמענ", 260).

די אונ נאָכ אנדערע דעטאלנ ווײַזנ אונדז, אז שוינ אינ „נאָכ אלעמענ" הייבט זיכ אָנ בא בערגעלסאָנענ א געוויסע וואקלעניש אינ דער באציִונג צו די אופגעקומענע גווירימ. אינ בערגעלסאָנס אנדערע ווערק ווײַזט ער שוינ ארויס צו דידאָזיקע שיכטנ א באשטימטע נײַגעריקײַט אונ אינטערעס.

„נאָכ אלעמענ" איז דערשינענ אינ 1913 יאָר, אינ 1914 דערשײַנט „אינ א פארגרעבטער שטאָט", א ווערק, וואָס איז אינגאנצנ קימאט געווידמעט די אופגעקומענע שיכטנ. אינ דעמדאָזיקנ ווערק טרעפנ מיר א ריי פיגורנ פונ דער אופגעקומענער בורזשואַזיע — עלישע דער באל־טאקסע, פרויקע טשערקיס א. אנד., וואָס בערגעלסאָנ באציט זיכ צו זיי שוינ ווײַט ניט אזוי אָפשטויסנדיק, ווי צו די זײַדענאָווסקיס.

אינ דעמ „טויבנ" אונ אינ דער „פארגרעבטער שטאָט" מאכט בערגעלסאָנ דורכ א טיפע „רעקאָגנאָסציראָווקע" צווישנ די פארשיידנסטע שטעטלדיקע בירגערלעכע שיכטנ פונעמ נידעריקערנ גראד, אונ דידאָזיקע רעקאָגנאָסציראָווקע ענדיקט זיכ לעסאטע אָנ א באזונדערנ דערפאָלג. דער אינטערעס צו דידאָזיקע שיכטנ וועפט זיכ בא בערגעלסאָנענ גיכ אויס. אפ קיינ גרעסערע לײַוונטנ, וואָס צו דעמ ווײַזט דער שרײַבער ארויס אנ אויסשליסלעכע נייגונג אָנהייבנדיק פונ זײַנע ערשטע קינסטלערישע טריט, רעגנ זיי אימ ניט אָנ. בערגעלסאָנ הייבט זיכ אָנ ווידער קלעטערנ אפ די העכערע שטאפלענ פונעמ סאָציאלנ לייטער. אינ 1915 יאָר דריקט ער אָפ א קאפיטל פונעמ שפעטערדיקנ ראָמאנ „אינ פארטונקלטע צײַטנ" — „יאנקעוו־נאָסנ ווידערפאָליער". דאָ האָבנ מיר שוינ א בוילעט־אויסגעשפראָכענע אונ שארפע אָריענטאציע אפ דער אופגעקומענער בורזשואַזיע — אפ די שורס.

אָט אזוי זעען מיר, אז בערגעלסאָנס גײַסטיקע אָריענטאַציע האַלט די גאַנצע צײַט אין אײן וואַקלען זיך, אין אײן באַוועגן זיך אַרוף און אַראָפּ צווישן די פאַרשײדנסטע שיכטן אין דער ייִדישער באַפעלקערונג.

און א מערקווירדיקע דערשײַנונג: די ענדערונגען אין בערגעלסאָנס סאָציאַלער אָריענטאַציע רופן זיך גלײַך אָפּ אויף זײַן קינסטלערישער פאָרם. ווי נאָר בערגעלסאָן פאַרלאָזט אין זײַנע ווערק די אונטערגײענדיקע שיכטן, אזוי גלײַך ענדערט זיך דער טאָן און דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער שילדערונג אין אָט די ווערק.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דידאָזיקע נאָר־וואָס דערמאָנטע ווערק — „דער טויבער" „אין א פאַרגרעבטער שטאָט" און „אין פאַרטונקלטע צײַטן", — באַמערקן מיר גלײַך דעם אומגעהײערן אונטערשײד צווישן דעם סטיל פון אָט די ווערק און דעם סטיל פון „ארום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג". מירן אָנמערקן די גרונט־שטריכן פון דעמדאָזיקן אונטערשײד.

מירן אָנהײבן פון די לעבעדיקע געשטאַלטן אין דידאָזיקע צוויי גרופּעס ווערק. מיר האָבן אויבן געזען, אז די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן פון דער ערשטער גרופּע ווערק זײַנען אבסאָליוט אָפּגעריסן פונעם ארומיקן לעבן. זיי טוען גאָרנישט ניט, אַלנפאַלס אינטערעסירט זיי אבסאָליוט ניט די אַרבעט, מיט וועלכער זיי פאַרנעמען זיך. זיי זײַנען אומצופרידן מיט זיך אַלײן און אויך מיט דער ארומיקער סוויווע. זיי לעבן עפּעס ווי אין א באַזונדער וועלטל, לעבן ווי „נעזירים", ווי געהײליקטע.

גאָר אנדערש זײַנען די פּערסאָנאַזשן פונעם „טויבן", פון „דער פאַרגרעבטער שטאָט" און פון די „פאַרטונקלטע צײַטן". דידאָזיקע פּערסאָנאַזשן זײַנען שטאַרק אײַנגעוואָרצלט אין דער ארומיקער סוויווע, פון וועלכער זיי טײלן זיך קנאַפּ וואָס אויס. זיי זײַנען געוויינלעכע באָסערוועדאַמס. זיי „זינדיקן", פירן א קאַמף, האָבן דערפאָלג און לײַדן מאַפּאַלעס, אין דער צײַט ווען די פּערסאָנאַזשן פון דער ערשטער גרופּע קײַקלען זיך דורכויס באַרג־אַראָפּ צום אָפּגאַנג.

די ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון בערגעלסאָנס נײַע פּערסאָנאַזשן אין דעם „טויבן", אין „דער פאַרגרעבטער שטאָט" און „אין פאַרטונקלטע צײַטן" האָט געבראַכט צו דער פאַרשטאַרקונג פונעם סיוזשעטישן געוועב אין אָט די דרײַ ווערק. דידאָזיקע ווערק זײַנען אָנגעזעטיקט מיט טאַט.

מירן עס אילוסטרירן מיט א בײַשפּיל.

מיר האָבן אויבן געבראַכט דעם אָנהײב פון „ארום וואָקזאַל", די שטימונגספולע סימוואָליסטישע באַשרײַבונג פון דער געגנט מיט איר שטײנערנעם היטער — דעם רויטן וואָקזאַל. גאָר אנדערש הײבט זיך אָן דער „טויבער":

„אין אָנהײב האַרבסט איז עפּעס ווידער פאַרגעקומען צווישן מענדלען, וואָס ווע ביקס וווקסיקן און שײנעם באָקער, און צווישן

עסטערן, דעם טויבנס 22־יאָריק מיידל, וועלכע איז א קעכנע באַם ביק געווען״.

דאָ האָט איר גלײַך פונ אָנהייב ווערק אנ אקציע. אונ אזוי איז אויכ ווײַ־טער די גאנצע דערציילונג אָנגעזעטיקט מיט טאט. דער יונגער ביק האָט צו טונ מיט עסטערן, מיט עפעס א פויערש מיידל. ער איז פארנומענ מיט די מיל־געשעפטנ, זאָגט אָפּ דעם קאסיר יאָסעלע באָבציס, זאָגט אָפּ ארבעטער. דער טויבער אליינ, וואָס באקומט אינ ווערק דעם כאראקטער אויכ פונ א יוי־רעד אונ דערמאָנט אָנ רובינשטיינענ אונ פיגי ליסאקנ פונ „ארום וואָקזאל״, איז דאָכ פיל טעטיקער פונ זיי: מיר זעענ אימ טכילעס בא דער ארבעט אינ מיל; שפעטער, נאָכ עסטערס טויט, מאכט ער פארשיידענע פרווונ אפּ צו נעמענ נעקאָמע אָנ די ביקעס. מיט איינ וואָרט, אלע פערסאָנאזשנ, וואָס ווערנ דאָ ארויסגעפירט, זײַנענ לעבעדיקע מענטשנ, וואָס שטייענ פעסט פארקניפּט מיטנ לעבעדיקנ לעבנ אונ קעמפנ פארנ לעבנ יעדער אפ זײַנ שטייגער אונ לויט זײַנע מעגלעכקײַטנ, אונ דאָס באלעבט די האנדלונג אינעמ ווערק אונ גיט צו דעם גאנצנ ווערק מער פארביקײַט אונ באוועגונג.

דאָס זעלביקע האָבנ מיר אינ „דער פארגרעבטער שטאָט״ אונ אויכ אינ „פארטונקלטע צײַטנ״. אינ אָט דעמ לעצטנ ווערק ווארפט זיכ באזונדערס אינ די אויגנ די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ בערגעלסאָנס געזעל־שאפטלעכער אָריענטאציע אונ אויכ אינ דעמ מעטאָד פונ זײַנ שאפנ.

ווי אינ „נאָכ אלעמענ״, האָבנ מיר אויכ דאָ צווייערליי גווירים: די אונ־טערגייענדיקע לעווינס, מוזריינעס אונ די אופגעקומענע שורס. בערגעלסאָנס אָריענטאציע איז שוינ דאָ אָבער אפּ דער זײַט פונ די אופגעקומענע גווירים, פונ די שורס. (דער נײַער נאָמענ פונ „אינ פארטונקלטע צײַטנ״ אינ דער בער־לינער אויסגאבע איז טאקע „יויסעפ שור״). אונ דידאָזיקע ענדערונג האָט גע־פירט אויכ צו דער ענדערונג פונעמ סטיל. אינ „די פארטונקלטע צײַטנ״, ווי אויכ אינעמ „טויבנ״ אונ אינ דער „פארגרעבטער שטאָט״, איז שוינ נישטאָ די צענטראלע יאָרדישע פיגור, וואָס הערשט איבערנ גאנצנ ווערק. ניטאָ שוינ דאָ אויכ די פערזאָניפיקאציע פונעמ פייזאזש אונ פונעמ כייפעצ. די נאטור אונ דער „נאטור־מאָרט״ פארנעמענ שוינ אינ דידאָזיקע ווערק ביכלאל זייער א קליינעמ פלאצ, אינ דער צײַט ווענ אינ דער ערשטער גרופּע ווערק האָבנ זיי פארפילט צענדליקער זײַטלעכ. עס פארשווינדט דאָ דער לירישער עלעגיש־ראָמאנטישער טאָנ. אָנשטאָט דעם באקומענ מיר דאָ א רויִקע רעאליסטישע שילדערונג.

מירנ ברענגענ איינ בײַשפּיל, ווידעראמאָל פונעמ „טויבנ״, קעדיי צו איליוס־טרירנ אָט דעמדאָזיקנ געדאנק.

מענדל ביק באַרימט זיכ פאר שולצנ, דעם יונגנ מילנער, מיט זײַנע נײַע גלאנציקע שטיוול, וואָס ער, מענדל, האָט זיכ אינ שטאָט אײַנגעקויפט.

„— ווי געפעלנ זיי דיר, מײַנע שטיוול?

און שולצנ... איז נישט נימעס געוואָרנ אלע מאָל קוירימ פאלנ און די נײַע שטיוול אפ מענדלס פיס גלעטנ... ער האָט זיכ אפילע ניט גע־פוילט אָט דאָ אפנ אָרט בא מענדלענ א שטיוול אראָפּשלעפנ און אימ אפ זײַנעמ א פוס אָנמעסטנ. דאָס אלעס האָט דער טויבער געזענ דורכנ פענצטער פונעמ העכסטנ מיל־שטאָק, ווו ער האָט דעמלסט בא דער הייב־מאשינ געארבעט" („יידישער אלמאנאכ", 1910, ז. 15־16.)

ס'איז קלאָר, אז אינעמ פריערדיקנ „ארומ וואָקזאל" אָדער אינעמ שפּע־טערדיקנ „נאָכ אלעמענ" וואָלט אָט די שטעל געהאט אנ אנדער אויסזענ. עס וואָלט אויסגעזענ אנערעכ אזוי:

„דער טויבער איז באמ מיל־פענצטער געשטאנענ... געטראכט וועגנ...

און געזענ:

— מענדל ביק... א. א. וו."

אינ דער ערשטער גרופּע ווערק ווערנ אלע געשעענישנ געשילדערט אינ דער שטימונג פונ צענטראלנ פערסאָנאזש. אינ דער צווייטער גרופּע ווערק ווערנ שוינ די געשעענישנ צומייגסטנ געשילדערט דורכנ קינסטלער אָביעק־טיוו און אלזײַטיק.

אויכ אינ דער צווייטער גרופּע טרעפנ מיר, עמעס, אייניקע שטריכנ, וואָס זײַנע כאראקטעריסטיש ביכלאל פאר בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערנ שאפנ. סײַ אינ דעמ „טויבנ", סײַ אינ דער „פארגרעבטער שטאָט" און סײַ אינ „יויסעפ שור" פילנ מיר גאנצ שטארק — שטארקער אינעמ ערשטנ, אינ שוואכער אינעמ לעצטנ ווערק — בערגעלסאָנס פאטאלישקײַט, זײַנ ניט גלייבנ אינ דעמ קויעכ פונעמ מענטשנ עפּעס וואָס צו ענדערנ אינ דער ארומיקער ווירקלעכקײַט. אינ יעדנ פונ די אָנגערופענע ווערק האָבנ מיר דאָ א „נאָכ־אלעמענישע" פיגור: אינ דעמ „טויבנ" — דער טויבער, אינ דער „פארגרעבטער שטאָט" — בורמאנ, אינ „יויסעפ שור" — די געהויקערטע נעסיע. דערפאר פילנ מיר אויכ אינ דידאָ־זיקע ווערק בערגעלסאָנס א געוויסע מאָרעשכוירע. אויכ דאָ האָבנ סײַ דער טויבער און סײַ אפילע דער מיליאָנער אבראמ ראפּאָפּאָרט פארקרימטע פענעמער. אָבער אינ דידאָזיקע דרײַ ווערק זײַנענ די פארשוינענ מיט די פארקרימטע פענעמער דאָכ פעסט אײַנגעוועבט אינ דער ארומיקער סוויווע. זיי זײַנענ דורכויס טעטיק יעדערער אפ זײַנ אויפנ, און דאָס שטעלט זיי אוועק מיטנ פּאָ־נעמ — כאָטש מיט א פארקרימטנ פּאָנעמ — צו דער ארומיקער ווירקלעכקײַט, אינ דער צײַט ווענ אינ דער ערשטער גרופּע ווערק זײַנענ די פערסאָנאזשנ געווענדט מיטנ רוקנ צו דערדאָזיקער ווירקלעכקײַט.

מיר וועלנ זיכ איצט אָפּשטעלנ גענויער אפנ אנאליז פונ דער צווייטנר גרופּע — אפנ „טויבנ", „אינ א פארגרעבטער שטאָט" און „אינ פארטונקלטע צײַטנ".

2

דעמ „טויבנ" האָט בערגעלסאָנ אָנגעשריבנ, ווי מיר ווייסנ שוינ, אינ 1907 יאָר. באמ סאמע אָנהייב שאפנ האָט בערגעלסאָנ גענומענ שילדערנ,

געוויס אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אין 1905 יאָר, די ליידן פון אַן עקספּלואַטירטער אַרבעטער-פאַמיליע. מיט זייער אַ וואַרעמען געפיל מאָלט בערגעלסאָן די געשטאַלט פון אַן אַרבעטער, וואָס ווערט ביסלעכווייַז אונטערגעבראָכן אונטערן שווערן יאָך פון עקספּלואַטאַציע, ביז ער פאַרלירט זייַן געזונט און זייַן מענטשלעכן אָנבליק. מיט אַ געפיל פון הייסער סימפּאַטיע מאָלט אונדז בערגעלסאָן די טראַגעדיע פונעם טויבנס טאָכטער, פון עסטערן, וואָס ווערט פאַרפירט דורך ביקס זינדל און ווערט דערפירט צום שטריק. מיט אַ געפיל פון טיפער סינע און האַס שילדערט בערגעלסאָן די מישפּאָכע פון די עקספּלואַטאַטערס, די ביקעס.

די נעגאַציע פון דער בורזשואַזיע איז אויסגעדריקט אינעם דאָזיקן ווערק זייער שטאַרק, פיל שאַרפער איידער אין וואָסער ניט איז אַנדער בייזרעוואָליוציאָנערן ווערק בערגעלסאָנס. די ביקעס ווערן געשילדערט אינעם „טויבן" ניט בלויז אין זייער מעגושעמדיקייט און ברוטאַלקייט, נאָר אויך אין זייער סאָציאַלער שעדלעכקייט און פאַרברעכערישקייט. מיר האָבן דאָ אינעם „טויבן" אַזויאַרום אַ ווערק פון אַ שאַרפן סאָציאַלן פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַזיע.

פון דער צווייטער זייַט אָבער האָט זיך בערגעלסאָנען ניט אייַנגעגעבן אָנצומאָלן אין דער פיגור פונעם „טויבן" אַ פּראָטעסטירנדיקע געשטאַלט פון אַן אַרבעטער. דער טויבער מיט זייַן טאָכטער זייַנען בלויז שטומע קאָרבאָנעס פונעם אויפשטייַגנדיקן קאַפּיטאַליזם. דער פּראָטעסט קעגן קאַפּיטאַליזם איז דאָ אַ ריין־עטישער, פּונקט ווי אינעם פריִער פאַרעפנטלעכטן „אַרום וואָקזאַל" און אין די שפּעטערדיקע „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג". עס פעלט דער סאָציאַלער מעהוס פונעם קאַפּיטאַליזם, די ווידערשפּרוכן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם גופא און רייַסן זי אונטער מיטן וואָרצל. אינעם „טויבן" איז פאַרגעשטעלט דער אַרבעטער דער קאָרבן, עס פעלט אָבער דער אַרבעטער דער קאַברען פונעם קאַפּיטאַליזם, באַ אַלע סימפּאַטיעס פונעם שרייַבער צום טויבן האָבן מיר דאָ ניט דאָס וויכטיקסטע: דאָס גלייבן אין דער קראַפט און ווירקעוודיקייט פונעם טויבנס פּראָטעסט קעגן די ביקעס.

אינעם „טויבן" האָבן מיר אַ בוילעטן אויסדרוק פונעם אָנהייב רעאַקציע־פּעריאָד: דאָס ניט גלייבן אין דער עפעקטיווקייט פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. אָט דערפאַר איז אויך דאָסדאָזיקע ווערק בערגעלסאָנס איבערגעפּולט אין אַ היפּשער מאָס מיט פּעסימיזם און פאַטאַליזם, מיט די זעלביקע שטריכן, וואָס מיר האָבן זיי אויבן פאַרצייכנט אינעם „אַרום וואָקזאַל".

די געוויסע ענלעכקייט אין דער פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער אייַנשטעלונג פונעם „טויבן" און פון „אַרום וואָקזאַל" האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אַף דער ענלעכקייט פונעם סטיל אין אָט דיביידע ערשטע ווערק בערגעלסאָנס. דאָ, אינעם „טויבן" טרעפן מיר אַ גאַנצע בינטל אייגנשאַפטן פון בערגעלסאָנס ערשטן געדרוקטן ווערק, פונעם „אַרום וואָקזאַל". אויך דאָ האָבן מיר אַ

צענטראַלע פיגור, וואָס אַרום איר זײַנען קאָנצענטרירט די געשעענישן. דאָ איז נאָך אויך צו טרעפן אין אַ היפשער מאָס איינע פון די גרונט-אייגנשאַפטן פון „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג": דאָס באַאַרבן אַלץ אַרום אין דעם קאָליר, אין וועלכן עס זעט די אַרומיקע וועלט דער צענטראַלער פּערסאָנאַזש. מיר טרעפן דאָ מאָרעשכוירעדיקע הימלען, וואָס באַוויינען די נאַסע שוואַרצע ערד, ווי מע באַקלאָגט אַ גויסעס.

„— ווײַ איז אונדז, וואָס פון דיר איז געוואָרן" (דאָרטן, ז. 18).

מיר טרעפן דאָ די שטאַרקע פּערזאָניפיצירונג פון דעם כייפעצ: דעם איינזאַמען טאָל מיט דער פירשטאָקיקער מיל, „מיט אירע עלעקטרישע לאַמטערנס, וואָס קוקן מיט זייערע געלע אויסגעמאַטערטע אויגן". מיר האָבן דאָ דעם רעגן, וואָס גיסט טאָג און נאַכט אַ פּאַראַקשנטער, „גלײַך ווי עמעצער האָט אים געבעטן, ער זאָל אופהערן, און ער וואָלט נישט פאָלגן און אַפּצעלאָכעס זיך כאַזערן:

„— ווײַל איך אַזוי... ווײַל איך אַזוי..." (דאָרטן 20).

מיר האָבן דאָ דעם נעוויִעסדיקן כאָלעם פונעם טויבן, וואָס זעט באַנאַכט, אַז מענדל יאָגט זיך נאָך זײַן טאָכטער, אין דער זעלביקער נאַכט, ווען עסטער הענגט זיך אויף. דאָס רעאַגירן אַפ עסטערס טויט איז אויך געגעבן אין אַ פאַטאַליסטישן גײַסט.

„אין איין רעגע דערקענט ער דעם מעס.

— יאָ, ס'איז עסטער, געוויס עסטער. ער הייבט זיך אָפּילע נישט אָן צו וווּנדערן. אַדראַבע, ס'דוכט זיך אים: ער איז שוין דאָ אַמאָל באַ אָט דעם טאָפּטשאַן מיט דעם זעלבן טויטן געשטאַנען" (דאָרטן, 25).

גופע די פיגור פונעם טויבן איז געשילדערט ווי אַ „נאָכאַלעמענישע" פיגור. דער טויבער איז אַ שווײַגער. ער איז אַ לײַדנדיקע פיגור, אַ סימוואָליש-לײַדנדיקע פיגור. אין איין אָרט טרעט ער אַרויס שיר ניט ווי אַ הייליקער, וואָס לײַדט פאַר די זינד פון גאָר דער וועלט.

„אַ הויכער, ברייט-ביינערדיקער און גלײַכגילטיקער האָט ער אין שטוב אַרומגעבלאָנדזשעט און געשוויגן צוזאַמען מיט די שטילע פינצטערע נעכט. אַזוי לאַנג און פינצטער זײַנען די נעכט געווען, און אײַנגעהילט האָבן זיי אין זייערע טונקלע טיפקײַטן די גאַנצע פאַרכאָלעמטע וועלט, און פאַרשלעפּערט האָבן זיי אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, כוץ אים, דעם איינציקן וועלט-דריפּעק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוען, נישט געטאָרט אַפּילע טראַכטן וועגן דו. הין און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומגעשפּאַנט, געקלאַפּט, ווי אַן אומרו, און געטראָגן אַפ זיך די יעסורים מיט דער מאָרע-שכוירע פון די שלאָפנדיקע" (דאָרטן, 34).

אינעם טויבן האָבן מיר אַזויאַרום ווי אַ וואַריאַנט פונעם שטיינערנעם היטער פון דער געגנט, פונעם הויכן וואָקזאַל. אָבער דאָס מאָל איז שוין דער היטער אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס איז פייִק צו ווערן זיך און צו

פראָטעסטירן. און דער טויבער פראָטעסטירט מיט מײַסים: ער האקט אָפ דעם עק בא ביקס בעהיימע, ער רײַסט זיך ארײַן אין מיל און צעמיימעסט דעם סטרוזש, ער רײַסט זיך ארײַן צו ביקן אין שטוב, מיטן צוועק נעקאָמע פון אים צו נעמען, און באַרויִקט זיך ניט ביזן טויט.

נאָר אויב אין דער פיגור פונעם טויבן זײַנען נאָך אײַנגעהיט אין א היפשער מאָס די ארומוואָקזאלישע עלעמענטן, ווערן שוין די איבעריקע פיגורן געשילדערט דורכויס רעאליסטיש־קאָנקרעט. ארום דעם טויבן שוויבלט און ווימלט מיט לעבעדיקע רעאלע מײַסים. מענטשן קומען אין אומופהערלעכע צוזאמענשטויסן אײנער מיטן צווייטן. מע רעדט מיט א פאָשעטער, נאטירלעכער שפראך, מע זעט פאר זיך א לעבעדיקע וועלט און מע קעמפט פאר רעאלע מאמאָשעסדיקע אינטערעסן. די נאטור און די כפייצים פארנעמען דאָ לעפּיִרעך א קנאפ אָרט און ווערן געשילדערט אָביעקטיוו און רעאל. (בײַשפילן זע אפ די זײַטלעך 29, 31, 32, 35, 36 א. א.). און אָט די שטארקע און הילכיקע שטימ פונעם ארומיקן טאָגטעגלעכן לעבן שטויסט אויך דעם טויבן צו אקטיווע מײַסים.

„דער טויבער", ווי דערמאנט שוין, האָט זיך בערגעלסאָנען ניט גאָר אײַנגעגעבן. קיין בוילעט־אויסגעדריקטן אָפקלאנג פון סאָציאלן פראָטעסט פילן מיר דאָ ניט. דעם טויבנס אומגליק רופט ניט ארויס בא די מיל־ארבעטער קיין שום באוועגונג, קיין שום פראָטעסט. מיר זעען דאָ ביכלאל ניט די מיל־ארבעטער אויסערן טויבן. מיר קאָנען אויך בעשומויפן ניט זען אינעם טויבן גופע א פאָרשטייער פונעם ארבעטער־קלאס. און וואָלטן מיר דעם טויבן אָנגענומען פאר א פאָרשטייער פונעם פראָלעטאריאט, דאן וואָלטן מיר באדארפט קומען צום אויספיר, אפן סמאך פון בערגעלסאָנס דערציילונג, אז דער קאמף פונעם פראָלעטאריאט איז א נוצלאָזיקער. דער ארבעטער איז דאָ ניט פייִק אפילע אפ א נעקאָמע־טאט. אלע באמיִונגען פונעם טויבן נעקאָמע צו נעמען אָן די ביקעס בלײַבן פרוכטלאָז. אפילע דער לעצטער טאט זײַנער, פאר וועלכן דער טויבער באצאָלט מיטן לעבן, גיט זיך אים ניט אײַן: אָנשטאָט ביקס בעהיימע דערהארגעט דער טויבער די בעהיימע פון פעסיע דער מילכיקערן. דעם טויבנס פרווו צו נעמען נעקאָמע האָט אזויארום געבראכט בלויז צו א נײַעם אומגעלומפערטן אומגליק. בערגעלסאָן וויל אונדז דאָ וואָרענען, אז די מעלוכע פון די ביקעס איז אפ אייביק. פארפאלן, אלץ פארפאלן.

אָבער דאָך איז דער „טויבער" א וויכטיקער שריט אין בערגעלסאָנס שאפן. „דער טויבער" איז געווען דער ערשטער פרווו בערגעלסאָנס צו שילדערן די אכזאָריעסדיקע עקספלואטאציע פונעם ארבעטער. דאָ טרעט בערגעלסאָן ארויס קעגן דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע מיט א געפיל פון שארפער סינע און אופרעגונג, און דידאָזיקע קינסטלערישע דערפארונג וועט אים שפעטער פארגרינגערן דעם וועג צו זײַן סאָוועטישן רעוואָליוציאָנערן שאפן.

3

מיר גייענ אריבער צו דער „פארגרעבטער שטאָט“. דאָ האָבנ מיר א ווייַטערדיקע פארברייטערונג פונ בערגעלסאָנס סאָציאַלנ דיאפאזאָנ. אינ דעמ „טויבנ“ האָבנ מיר געהאט בלויז די פאָליוסנ פונ דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג, דעמ „אויבנ“ אונ „אונטנ“ פונעמ שטעטל. אינ „נאָכ אלעמענ“ איז די גאנצע אויפמערקזאמקייַט געווענ אָפגעגעבנ דעמ „אויבנ“, די הורוויצעס מיט די בורנעסעס, גלייַכ ווי אינ שטעטל וואָלטנ געווױנט לויטער גווירימ. אינ דער „פארגרעבטער שטאָט“ האָבנ מיר שוינ צו טונ מיט דאָס סאמע געדיכטע פונעמ שטעטלדיקנ לעבנ. די שטאָט טרעט דאָ ארויס, אויב ניט דורכ אלע אירע פאָרשטייער, — די באַלמעלאָכעס פיגורירנ דאָ קימאט ניט, — איז דאָכ אָבער ווי א גאנצער קיבעצ, ווי די צענטראלע פיגור אינ ווערק. אינ „דער פארגרעבטער שטאָט“ האָבנ מיר א שארפנ קער פונ בערגעלסאָנס שאפנ צו דער רעאלער ווירקלעכקייַט. דאָ פעלנ שוינ אינגאנצנ די יאָרדישע שיכטנ. דעמ שרייַבערס אויפמערקזאמקייַט איז שוינ אינעמ דאָזיקנ ווערק קאָנצענטרירט גראָד אפ יענע שיכטנ, וואָס קלעטערנ באַרג־ארופ. פונ די צוויי פערסאָנאזשנ, וואָס ציִענ מער צו דעמ קינסטלערס אויפמערקזאמקייַט אינ „דער פארגרעבטער שטאָט“ — די פיגור פונעמ דראָבערער דעמ באַלטאקסע אונ די פיגור פונעמ אָפגעלאָזטנ פארשלאָפענעמ סטודענט בורמאנ — שענקט בערגעלסאָנ מער אויפמערקזאמקייַט גראָד דער ערשטער פערזאָנ, עלישענ.

באזונדער כאראקטעריסטיש פאר דער ניַיער ווענדונג אינ בערגעלסאָנס שאפנ איז די צענטראלע פרויענ־פיגור אינ „דער פארגרעבטער שטאָט“, עלישע באַלטאקסעס פרוי, פראדאָטשקע. אָט די פראדאָטשקע, וואָס האָט פריִער געלעבט אינ מעזשיבעזש מיט אנ אָפיצער אונ איצט האָט זי כאסענע געהאט מיט עלישע דעמ באַלטאקסע, אונ קומענדיק קיינ דובראָוויטש צו איר מאנ, פארפירט זי גלייַכ א נייַעמ ראָמאנ מיט בורמאנענ. — דידאָזיקע פראדאָטשקע ווערט אינ דער „פארגרעבטער שטאָט“ געשילדערט דורכ בערגעלסאָנענ ווייַט ניט אָפשטויסנדיק, מיט היפש נייַגער. אָט ווי בערגעלסאָנ באשרייַבט איר באוויַזנ זיכ צומ ערשטנ מאָל אינ דובראָוויטש:

„...זי איז געווענ מיט א גאנצנ קאָפ העכער פונ עלישענ... אז זי האָט אינ שווארצנ קליידל אָנגעשטעלט א פוס אפ א שפאנ צו טונ, האָבנ זיכ צו איר ניט ווילנדיק אראָפגעלאָזנ אלע ארומיקע מאנסבלשע אויגנ: גלייַכ אינ אָט דעמ היפשנ אונ שלאנקנ פוס ליגט עפעס א גאנצער מעזשיבעזשער קונצ... איר פאָנעמ איז געווענ א מאט-טונקלס, א לענגלעכס... מיט שווארצע גרויסע אויגנ אונ מיט נאָכ מער שווארצע געקירצטע אונ געקרייַזלטע האָר... זי איז... געשטאנענ אינ זייַנ לינקער זייַט מיט איר גאנצער היפשער אונ גלייַכער וווּקס אונ האָט באטראכט מיט די אויגנ „דעמ גאנצנ ארומ“. ער איז באשטאנענ פונ אראָפגע־

לאָזטע צו דער שטאָט גריבלדיקע בערג און פון גערונצלטע שנורג וואלד, וואָס גרענעצן אין דער הייך מיט בלויער לופט און מיט ווײַטן הימל.

„יאָ, — האָט זי קוקנדיק אהין, שטיל און זיכער איבערגעכאזוערט: — מע קען זיך דאָ „אוסטרויען״ (דאָרטן, 13).

דעם מעכאבערס קוים באמערקבארער איראָנישער שמייכל לאָזט זיך הערן בלויז אין אָט די לעצטע ווערטער: „מע קען זיך דאָ אוסטרויען״... ווי ווײַט איז דידאָזיקע פראדאָטשקע אפילע פון כאווע פויזנער, פון מירלען איז שוין אָפגערעדט.

מיט דערדאָזיקער פיגור טרעט בערגעלסאָן ארײַן אין די אלגעמיינע טראַדיציעס, וואָס האָבן געהערשט אין דער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער ליטעראטור, וואָס נאָכן 1905 יאָר. אין אָט דער ליטעראטור פונעם רעאקציע־פעריִאָד איז די „פרײַע ליבע״ געווען קימאט שטענדיק די צענטראלע פּראָבלעם פון ווערק.

נאָר אויב די פראדיטשקע־פיגור איז געשילדערט אין די געוויינלעכע טענער פונעם רעאקציע־פעריִאָד, זײַנען אָבער די מענער־פיגורן אין ווערק געשילדערט שוין אבסאָליוט ניט לויט די דעמלט־יקע געשמאקן אין דער ייִדישער ליטעראטור. עלישע דער באלטאקסע און פרויקע טשערקיס, די געוועזענע עקסטערניקעס, וואָס האָבן אמאָל געלעבט אין די גרויסע שטעט, און אויך דער סטודענט בורמאן — אָט די גאנצע שטעטלדיקע אינטעליגענץ ווערט דאָ געשילדערט איבערהויפּט אין נעגאטיווע פארבן. אין דער ייִדישער ליטעראטור אָבער האָט מען זיך דאן ארומגעטראָגן מיט פערעצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און מיט אשס „שלוימע נאָגיד״, און „דעם וועג צו זיך״ האָט מען געזוכט אין דער טראדיציִאָנעלער „ייִדישקײַט״, וואָס בערגעלסאָן איגנאָרירט זי אויך אינעם דאָזיקן ווערק זײַנעם מיט אקשאָנעסדיקער קאטעגאָרישקײַט. ניט אומזיסט האָט אָט דאָס ווערק בערגעלסאָנס געהאט „ניט קיין באשטימטן קאבאָלעס־פּאָנעם באם לייענער״, לויט נאכמען מײַזלס איידעס־זאָגן. בערגעלסאָן, וואָס איז געקומען פון אן אנדער שיכט, האָט ארײַנגעקוקט אין דער געדיכטעניש פונעם „ליבן שטעטל״ ניט מיט קיין פארכאָלעמטע אויגן פון א ראָמאנטיִקער, נאָר מיט א קאלטן און ניכטערן בליק. און ער האָט גלײַך דערפילט די פארגרעבטקײַט פון דובראָווניטש, מעזשיבעזש, פונעם שטעטל ביכלאָל. די ארבעטנדיקע שיכטן פונעם שטעטל, צווישן וועלכע ס׳האָבן שוין ווידער גענומען אופלאקערן רעוואָליוציִאָנערע שטימונגען, אָט די שיכטן זײַנען נאָך לעסאטע פרעמד בערגעלסאָנען. און דאָס איבעריקע אין שטעטל שטויסט דעם שרײַבער אָפּ פון זיך.

דעם רעאלן אָרט שילדערן אין „דער פארגרעבטער שטאָט״ האָבן מיר שוין אויבן געזען אין דער געבראכטער ציטאטע. די פיגורן, וואָס ווערן דאָ ארויסגעפירט, זײַנען געשילדערט געלאסן, רויִק און רעאליסטיש. אייניקע לירישע

שטעלן, ווו עס באווײַזט זיך דעם שרײַבערס א געוויסער מיטגעפיל צו זײַנע פּערסאָנאַזשן, טרעפן מיר אין אָט דעם ווערק בלויז דעמלט, ווען בערגעלסאָן באשרײַבט בורמאנען און אויך עלישען אין די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן. אָבער אויך בורמאנען, וואָס צו אים ווײַזט בערגעלסאָן אָפּטער ארויס א שטיקל סימפּאטיע־געפיל, פאַרורטיילט בערגעלסאָן און לאָזט אים פארזינקען ווערן אין דובראָוויטשער בלאָטע. בערגעלסאָן האָט אין דער „פארגרעבטער שטאָט" ניט געפונען קיין איין פּאָזיטיווע געשטאלט. ער האָט דאָ ניט געפּונען יענע וואקסנדיקע קראפט, אַף וועלכער ער זאָל קאָנען אָריענטירן זײַן ווײַטערדיקן וועג, און ער בלײַבט לעסאטע דעזאָריענטירט.

אינגיכן אָבער געפינט זיך בערגעלסאָן. ער ווענדט ווידער זײַנע בליקן צו די העכערע קלאסן פון דער ייִדישער געזעלשאפט, דאָס מאָל דעריקער צו די אופגעקומענע שיכטן פון דער ייִדישער בורזשואזיע, וואָס בערגעלסאָן הייבט אָן נעמען צו זיי א פּאָזיטיווע שטעלונג. בערגעלסאָן הייבט אָן שרײַבן „אין פארטונקלטע צײַטן", א גרויסער ראָמאן לויט דער ערשטער קאוואָנע *), אין דער צײַט ווען די „פארגרעבטע שטאָט" האָט געגעבן בערגעלסאָנען שטאָף בלויז פאר קליינע דערציילונגען.

4

„אין פארטונקלטע צײַטן" שטעלט מיט זיך פאָר גאָר א באזונדער אינטערעס אין זינען פון בערגעלסאָנס איבעראָריענטירן זיך. באזונדערס אינטערעסאנט איז אָט דאָס ווערק דערמיט, וואָס דאָ האָבן מיר פאר זיך, ווי דערמאָנט שוין, קימאט די זעלביקע פּערסאָנאַזשן, וואָס אין „נאָך אלעמען". דערפאר איז טאקע בולעטער דאָ צו דערקענען, ווי ס'ענדערט זיך בערגעלסאָנס באציִונג צו די פּערסאָנאַזשן פונעם דאָזיקן ווערק. דער גווירישער שאדכן יאנקעוו־נאָסן ווידערפּאָליער—איינע פון די גלענצנדיקסטע דערגרייכונגען פון בערגעלסאָנס קונסט—זאָגט אין א געשפּרעך מיט מאָכאָר־טווון:

„— קאפּצאָנים!.. כע, כע, כע,—יאנקעוו־נאָסן שעמט זיך ניט אויסצוזאָגן, אז ער האָט פײַנט דאָס וואָרט „קאפּצן". מאָכאָר־טווו געפינט ניט, אז אָט דאָס וואָרט איז צוזאמענגעשטעלט פון די דרײַ „מיִעסטע" אויסיעס, וואָס קאָן נאָר געבן? ער, יאנקעוו־נאָסן, רעדט מיקויעך גווירים: ווער זײַנען עס די גווירים אין בראשעק?" („אייגנס", ערשטער זאמלבוך, ז. 9).

דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויך „פײַנט" קאפּצאָנים אינעם דאָזיקן ווערק. אין „יוסעף שור" האָבן מיר צו טון אויסשליסלעך מיט גווירים. אינעם דאָזיקן

*) אינעם ערשטן זאמלבוך „אייגנס", 1918, צום סאָף פונעם ווערק, וואָס פארנעמט 58 זײַטן, ווערט אָנגעוויזן „ענדע ערשטע טייל". בערגעלסאָן, הייסט עס, האָט פּלאנירט דעמדאָזיקן ראָמאן אין עטלעכע טיילן. אָבער פונקט ווי „אָפּגאנג", איז אויך „אין פארטונקלטע צײַטן" געבליבן ניט פארענדיקט.

ווערק שוויבלט און ווימלט מאמעש מיט גווירים. מיר האָבן דאָ א מינ „סייפער האייכעסנ" שיר ניט פונ דער גאנצער יידישער בורזשואזיע, פונ אלע אירע פארשיידנסטע אָפּשיכטונגענ און אָפּצווייגונגענ אינ מעשעכ פונ די לעצטע דריי־פיר דוירעס. איר האָט דאָ די לעווינס מיט זייערע פארצוויגענע נעמענ— מוישעלע, כאנעלע, סאָרעלע—אפּנ גוט־יידישנ שטייגער. מוישעלע לעווינ, יעשיע־העשל ראפּאָפּאָרטס איידעמ, איז פונ די אויסלענדישע יידישע גווירימ, וואָס צאנקענ שוינ און גייענ אינגיכנ אראָפּ פונ דער סצענע. מוישעלע לע־ווינ „האָט געגלייבט אפּ א מאָדנע פריינ אויפנ אינ „האשגאָכע פּראָטיס" (אינ גאָטס אופזיכט איבער יעדנ איינציקנ מענטשנ—מ.), און האָט געקאָנט אויסנ־וויניק אסאכ פונ די דייטשישע פּאָעטנ" (דאָרטנ, 4). דאָ האָבנ מיר פאר זיכ א טיפּ פונ א גווירישנ מאסקיל, אנ אופגעקלערטנ גדאליע הורוויצ.

דערדאָזיקער מוישעלע לעווינ צעטרענצלט גאָר גיכ זיינ פארמעגנ און שטארבט אוועק. דאָס ווייב זיינס, כאנעלע לעווינ, האָט גלייכ כאסענע פאר אירנ אנ אלטנ פריינט, און לעווינס איינציקע טאָכטער, סאָרעלע לעווינ, בלייבט אָנ א שטוב און אָנ קיינע מיטלענ צומ לעבנ. אייגנטלעכ, האָבנ מיר דאָ דעמ אונטערגאנג פונ דער מישפּאָכע לעווינ, פונ אנ „אלטער גערמאני־שער מישפּאָכע", אזא מישפּאָכע, ווי די הורוויצעס. נאָר דאָ ווערט דערדאָזיקער איניעג געשילדערט היגטנ־ארומ, אָנ קיינ שומ טראגישנ שלייער. עס ווערט פּאָשעט איבערגעגעבנ דער פאקט—און גאָר.

די צווייטע גווירישע מישפּאָכע, וואָס ווערט דאָ געשילדערט, די ראפּאָ־פּאָרטס, איז שוינ פונ א קלענערנ ייכעס, אָבער אויכ זי ציילט שוינ עטלעכע דוירעס גווירימ. יעשיע־העשל ראפּאָפּאָרט, וואָס האָט פארפירט גרויסע צוקער־פאבריקנ אינ געגנט, „רימט זיכ מיט די איידעמס, וואָס ער האָט אראָפּגע־בראכט פונ אויסלאנד, מיט די גרויסע צדאָקעס און מיט די דייטשקעס, וואָס ער האָט געהאלטנ צו די איינילעכ" (דאָרטנ, 10). יעשיע־העשלס זונ, אבראמ סאולאָוויטש, איינע פונ די צענטראלע פיגורנ אינעמ ווערק, איז שוינ א גרוי־סער מיליאָנער. זיינ ווייב עטל שטאמט אויכ פונ אויסלאנד און פונ גאָר א גרויסנ ייכעס. זי האָט נאָכ „אדאיעמ ליב אויסצורעכענענ דעמ געקניפּטנ שטאמ פונ אלע גרעסטע יידישע פאמיליעס ביז די פראנקפורטער רויטשילדנ און ביז די צוויי יידישע באראָנענ" (דאָרטנ, 20).

אבראמ ראפּאָפּאָרטס מישפּאָכע, אינ פלוג א פעסטע און איינגעפונדעוועטע מישפּאָכע פונ דער צייט וואָס פאר מילכאָמע און רעוואָליוציע, טראָגט אינ זיכ שוינ אויכ בוילעטע סימאָנימ פונ דעגענעראציע. אבראמ ראפּאָפּאָרט איז אנ איינגעהויקערטער, מיט א פארקרימטע פּאָנעמ און אינ באנק גייט ער דורכ אויכ „אביסל איינגעהויקערט און דערשראָקנ מיד, ווי איינער וואָס גאנוועט זיכ און האָט מוירע, אז מע וועט אימ באמערקנ" (דאָרטנ, 16). די איינ און איינציקע טאָכטער זייערע, נעסיע, איז א האָרבאטע. נעסיע איז ביכלאל א „נאָכ־אלעמענישע פיגור". און וועגנ איר דערציילט זיכ דאָ אינעמ זעלביקנ טאָג,

וואָס וועגן מירל הורוויץ, און מיט די זעלביקע כאַראַקטעריסטישע זאַצן פון „נאָכן אַלעמען".

„ס'געדענקט זיך:

אָקאָרשט געכטן באַנאַכט האָט זי זיך, ווי אַ פרעמדע, אַהער אַהיים אומגעקערט... און איצט זעט זי שוין אויס אַזוי אומגליקלעך דאָ, באַם פאָטער אין הויז, און שווער איז צו וויסן, וועגן וואָס טראַכט זי: עפּשער געדענקט זי נאָך אַלץ דעם יונגן מאָלער ווײַנטרויבן... און עפּשער געדענקט זי שוין ניט מער ווי איינע אַ טרויעריקע מײַסע וועגן זיך, דער געהויקערטער סקולפּטאָרן אַליין, — אַ מײַסע מיט אַן אומגליק, וואָס איז זיך שטיל פאַרלאָפן:

— באַ אַ גוואַלדיק רײַכן אַדיר אַ טאַטן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד — אַ פּאָשעט ייִדיש קאַפּצאָניש קינד"... (דאָרטן, 56 — 57).

דאָ ווערט אויך עטלעכע מאָל דערציילט וועגן דעם, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט, זײַענדיק אין אויסלאַנד האָט זיך צופיל אַקציעס אָנגעקויפט, אַזוי, אַז מיר האָבן דאָ שוין עפּעס אַ רעמעז אויף אַ נאָענטן קראַך.

מיר טרעפן אין „יויסעף שור" איינע אַ פאַמיליע שוין דורכויס אַ יאָרדישע — דאָס איז די פאַמיליע מורייניס.

אָבער ניט מורייניס, ניט ראַפּאָפּאָרט און ניט לעווינס ווערן ניט געשילדערט מיט יענעם עלעגישן טאָן, מיט יענער לירישער ווייכקײַט און מיט יענער אינטימער וואַרעמקײַט, וואָס די מישפּאָכע הורוויץ אין „נאָכן אַלעמען". די לעווינס און ראַפּאָפּאָרטס ווערן דאָ ביכלאַל געשילדערט ווי בלויז דערעכאַגעוו. זיי דינען דאָ בלויז ווי אַ פאָן. אין צענטער פון ווערק שטייט יויסעף שור, דער ייִנגסטער און גרעאָטנסטער פון די שורס. אָט אויף דעם שורן ווענדט דאָ דער קינסטלער זײַן הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט. אָנשטאָט צו שילדערן די טראַגעדיע פון די אומקומענדיקע ווערט דאָ געמאָלט די דראַמע פונעם אויפגייענדיקן שור, וועמען עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דער שידעך מיט סאָרעלע לעווין. דאָ ווערן געשילדערט דעריקער יויסעף שורס ערשטע קלעפּ, וואָס ער באַקומט אויף זײַן וועג צום באַרג־אַרויף, צו וועלכן ער וועט סאָפּקאָלסאָף דערגרייכן — דאָס איז צו זען פונעם אַלגעמיינעם גײַסט פון ווערק. אין איין אָרט דערציילט דאָ בערגעלסאָן, וויאַזוי יויסעף שור קוקט אויף די פיר בלינדע פערד, וואָס דער מאָלער ווײַנטרויב האָט אויפן בילד אָנגעוואָרפן, און פאַרשטייט דאָ גאָרניט. ער האָט

„נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן בילד... און פונסנײַ באַ זיך אַראָפּגעפאַלן.

— ער האָט געמוזט מודיע זײַן זיך אַליין:

— אין אַזעלכע זאַכן איז ער שוין לאַכלוטן ניט קיין באָקי. וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי מע רעדט דאָ, באַ אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז, האָט מען שוין קיינמאָל ניט גערעדט ניט באַ זײַן פאָטער און ניט באַ זײַנע ביידע רײַכע מומעס. קעדיי צו דערגיין, אין וואָס באַשטייט דער ווי־

קועכ, האָט ער זיכ איבערגעזעצט אפּ א נאָענטנ בענקל אונ האָט כסי־דיש צוגעבויגנ דעמ אויער. ער האָט געהערט מיט קאָפּ" (דאָרטנ, 53).
יויסעפ שור וועט עס זיכער בײַקומענ, ער וועט זיכ דערלאָזבערנ אויכ קול־טור, ווי ער דעראָבערט זיכ געיארשנטע אונ אייגענע הײַזער אונ אונטערנע־מונגענ. דערופּ זאָגט איידעס דער סאָפּ פונ דער דערציילונג.

„פלוצימ האָט זיכ אינ אימ פארשטארקט דער גײַוועדיקער בעניאָ־כיד... וואָס איז אויסגעוואָקסנ אינ גרויס־סעטערניצ: דאָרט האָט ער נאָר פארמאָגט צוויי אייגענע געיארשנטע הײַזער אונ די גרויסע גע־יארשנטע מיל זײַנע... אונטער זײַנע פלייצעס האָט נאָכ געלאכט דער יונגער מאָלער ווײַנטרויב. ער האָט עפּעס דערציילט דעמ שיינעמ מיידל, וועלכע ער באגלייט אהיימ, אונ האָט געלאכט מיט גרויס האנאָע. נאָר יויסעפ שורנ איז ער שוינ אזוי ווינציק אָנגעגאנגענ. ער איז געגאנגענ מיט גיכע טריט אונ האָט געדענקט די אייגענע הײַזער, וואָס ער האָט אינ גרויס־סעטערניצ, מיט דער געיארשנטער מיל:
— אכ, יאָ, די גרויסע אייגענע מיל — זי איז נאָכ אויכ עפּעס ווערט".

די גרויסע אייגענע מיל איז געוויס עפּעס ווערט. זי וועט סאָפּקאָלסאָפּ פארוואנדלענ יויסעפ שורנ אינ א קומענדיקנ אבראמ ראפּאָפּאָרט, וואָס בער־געלסאָנ שילדערט אימ אויב ניט מיט סימפּאטיע, איז אָלנפאלס מיט א געוויסנ רעספּעקט...
איז אָט, אינ „יויסעפ שור" באקומט שוינ בערגעלסאָנ אָפּשײַ פאר די אופקומענדיקע גווירימ. ער שטעלט פאר זיכ אפילע א ספּעציִעלנ צוועק צו שילדערנ זייער דראמאטישנ אופקומ, זייערע געבורט־ווייענ, וואָס זײַנענ אומ־פארמײַדלעכ פאר יעדנ אופקומענדיקנ שיכט. אינ „נאָכ אלעמענ", פּונקט בא אנ ענלעכער סיטואציע, ווענ די זײַדענאָוועסקיס האָבנ זיכ געצויגנ צו די הורווי־צעס, איז בערגעלסאָנ געווענ איינגאנצנ אפּ מירלס צאד. דאָ אינ „יויסעפ שור" שטעלט זיכ בערגעלסאָנ, פּארקערט, אפּנ צאד פונ די שורס. ער פילט מיט דעמ יונגנ שורנ אינ זײַנ צײַטווײַליקער מאפּאָלע אונ גיט אָנצוהערעניש, אז שור וועט זיכ זײַנס דערשלאָגנ אונ וועט דערגרייכנ צו דער מאדרייגע פונ די ראפּאָפּאָרטס.
אויכ די אינטעליגענצ, וואָס ווערט ארויסגעפירט אינ „יויסעפ שור", איז גאָר אנ אנדערע, איידער די „אָפּגאנג"־אינטעליגענצ. אינ „אָפּגאנג" זײַנענ אינ צענטער געשטאנענ די שטרענגע אונ באשיידענע געשטאלטנ פונ מיילעכ אונ כאיִמ־מוישע. דאָ פרעוואלירנ שוינ די געשטאלטנ פונ דער באָהעמע־אינ־טעליגענצ: דער סקולפּטער יויעל ווײַנטרויב, סאָרעלע לעווינ אונ מינע מו־רייניס, וואָס פירט זיכ פרײַ אינ אויסלאנד. ניטאָ שוינ דאָ כאיִמ־מוישעס פּע־סימיזמ אונ ייִעש, אָנשטאָט דעמ. טרעפנ מיר דאָ א שטרעבונג צו שפּרײַזנ בארג־ארופ אונ צו פּארפּעסטיקנ זיכ אינ לעבנ ארומ אונ דורכ די ראפּאָפּאָרטס אונ

שורס, ארום די איצטיקע און קומענדיקע מעצענאטן און געברויכער פון דער בורזשואזער קונסט.

מיטן דאָזיקן ווערק שליסט זיך אָפּ דער קרײַז פון בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן. אין „יוסעף שור" פּאַרפּעסטיקט זיך בערגעלסאָן אָפּ די פּאָזיציעס פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. אָנגעהויבן מיט דער שילדערונג פונעם אָפּגאַנג פון די אונטערגייענדיקע שיכטן בורזשואזיע און מיט דער שאַרפסטער קריטיק פון אירע אופגעקומענע שיכטן, פאַרגעזעצט מיט די פּילצאָליקע און ניט־איבעריק געלונגענע פּרוּוון (אין פאַרגלײַך מיט „נאָך אַלעמען") אָפּצושפּיגלען קינסטלעריש די פאַרשיידנסטע נידעריקערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג ביז דעם ארבעטער אײַנגעשלאָסן, האָט דאָוויד בערגעלסאָן אין „יוסעף שור" סאָפּקאָלסאָפּ אופגענומען די בורזשואזיע. ער האָט צולעצט שאָלעמ געמאַכט, כאָטש נאָך אַלץ מיט אַן עטוואָס פאַרקרימטער מינע, מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און האָט גענומען שילדערן מיט רעספּעקט די אַקטיווע פאָרשטייער און טרעגער פון דערדאָזיקער אָרדענונג.

אָבער דאַן קומט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און מאַכט מיטאַמאָל אַ סאָף צו דער הערשאַפט פון אַלע הורוויצעס, ראַפּאָפּאָרטס און שורס צוזאַמען. די הערשאַפט פון דער בורזשואזיע ווערט איבערגעריסן אָפּ שטענדיק שוין. ד. בערגעלסאָן לאָזט איבער „די פאַרטונקלטע צײַטן" ניט פאַרענדיקטערהייט. ער פאַלט ווידער אַרײַן אין אַ פּעריאָד פון טיפן פּעסימיזם און אויסזיכטלאָזיקײַט און קערט זיך ווידער אום צו זײַן אַלטער ביז־רעוואָליוציאָנערער אָפּגאַנג־טעמאַטיק.

דערדאָזיקער פּעריאָד דויערט אַ היפּשע צײַט, ביזוואַנען בערגעלסאָן קומט, נאָך פּילע וואַקלונגען און שטרויכלונגען, צו זײַן סאָוועטישן שאַפונגספּעריאָד.

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל

אכטער קאפּיטל.

ד. בערגעלסאָנס סאָציִאַלע אָריענטאַציע ערעוו און אָנהייב דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ד. בערגעלסאָנס ווערק אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

דער נאָך־אָקטיאַבערישער פעריִאָד פון בערגעלסאָנס שאַפן לאָזט זיך נאָך ניט אַזוי גענוי באַהאַנדלען, ווי בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציִאָנערער פעריִאָד. ערשטנס, פעלט אונדז נאָך גופע דער מאַטעריאַל. אַף וויפל בערגעלסאָן האָט געוווינט און געשאַפן אַריבער אַ צענדליק יאָר אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר דאָ ניט אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן פאַר אָט דער גאַנצער צײַט, זינט ער האָט פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן דאָ בלויז זײַנע גרונט־ווערק פאַר דערדאָזיקער צײַט. צוליב אַ גע־נויערער פאָרשונג איז אָבער אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן פאַר זיך דעם גאַנצן קינסטלערישן און אויך פובליציסטישן מאַטעריאַל, וואָס בערגעלסאָן האָט פאַר דערדאָזיקער צײַט פאַרעפנטלעכט. און דאָס פעלט נאָך לעסאַטע.

צווייטנס, אַף וויפל מע קאָן מישפּטן לויט די גרונט־ווערק פון בערגעל־סאָנס נאָך־אָקטיאַבערישן שאַפן, זעען מיר, אַז דערדאָזיקער פעריִאָד איז נאָך ווײַט ניט קיין פאַרענדיקטער. פאַרקערט, דער ערשטער טייל פון „באַם דניע־פּער“ ווײַזט אונדז, אַז בערגעלסאָן האַלט פונקט איצט אין רעכטן ברען פון זײַן שאַפן. בערגעלסאָנס אידעאָלאָגישע איבערבויונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אין 1923 — 1922, ווירקט, כאָטש לאַנגזאַם, אָבער אומופהערלעך, אויך אַף זײַן קינסטלערישער איבערבויונג און איבערבאַוואָפע־נונג. דידאָזיקע איבערבויונג ברענגט צו דעם, אַז בערגעלסאָנס קינסטלערישער האָריזאָנט פאַרטיפערט און פאַרברייטערט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מערער, און דער וווּקס פון בערגעלסאָנס קונסט מערקט זיך אָן וואָס ווײַטער אַלץ בוילע־טער און שאַרפער. פילע נײַע שטריכן אין בערגעלסאָנס שאַפן האַלטן ערשט אין פראָצעס פון ווערן און פאָרמירן זיך. אָט דעריבער קאָן נאָך איצט קיין שום רייד ניט זײַן וועגן אונטערפירן סאַכאַקלען פון בערגעלסאָנס סאָוועטישן שאַפונג־פעריִאָד. עס קאָן זײַן בלויז אַ רייד וועגן אָנצייכענען ,ענע נײַע־אַלגעמיינע שטריכן, וואָס טרעטן שוין בולעט אַרויס אין די ווערק, מיט וועלכע בערגעלסאָן האָט באַרײַכערט די סאָוועטישע יידישע ליטע־ראַטור. אָט דאָס וועלן מיר טון אין אונדזער ווײַטערדיקער אָפּהאַנדלונג.

1

מיר האבנ איג אנהייב פונ אונדזער ארבעט אנגעוויזנ, אז בערגעלסאנ איז איג דעמ ערשטנ פעריאד פונ זייג שאפנ געשטאנענ אנ א זייט פונ דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאפטלעכקייט. ד. בערגעלסאנ אינטערעסירט זיכ דאנ ווייניק מיט די פארשיידענע פאליטיש־געזעלשאפטלעכע באוועגונגענ צווישנ דער יידישער סוויווע, אונ דידאזיקע באוועגונגענ געפינענ קימאט ניט קיינ אפשפיגלונג איג זיינע ווערק.

גאר אנדערש איז אבער די זאכ איצט, איג דער רעוואליוציע־צייט. איג דער צייט פונ דער פעווראלער רעוואליוציע אונ אויכ אנהייב אקטיאבער־רעוואליוציע ווייזט בערגעלסאנ, פארקערט, ארויס א גרויסנ אינטערעס צומ ארומיקנ פאלי־טיש־געזעלשאפטלעכנ לעבנ, איג וועלכנ ער נעמט אליינ אנ אקטיוונ אנטייל.

די מילכאמע־יארנ האבנ אריינגעטראגנ גרויסע ענדערונגענ אינעמ לעבנ פונ בערגעלסאנס הויפט־פערסאנאזשנ, אונ דאס האט געווירקט אויכ אפ דעמ שרייבערס באציונג צומ ארומיקנ לעבנ. איג דער צייט פונ דער אימפעריא־ליסטישער מילכאמע זיינענ שטארק געביטנ געווארנ די לעבנס־באדינגונגענ פונ יענע שיכטנ, וואס זיינענ געשטאנענ איג צענטער פונ בערגעלסאנס שאפנ. די פארמינערונג פונ דער קאנקורענצ, אדאנק דעמ אפפלוס פונ א גרויסער צאל יוגנט אפנ פראנט, פונ איינ זייט, אונ די גרויסע באדערפענישנ אפ צו באזארגנ די פילמיליאניקע ארמיי, פונ דער צווייטער זייט, האבנ מיטגעווירקט דערצו, אז א טייל פונ דער סאכרישער באפעלקערונג פונעמ שטעטל האט עקאנאמיש אופגעלעבט אונ גענומענ קלעטערנ בארג־ארופ. איג דער צייט פונ מילכאמע־אזשיאטאזש האבנ אפילע אזוינע, ווי דער לאמדאנישער כאקרענ ביי־נעש רובינשטיינ אונ דער געוועזענער עקסטערניק פישל ריכטער („אפגאנג"), גע־קאנט זיכ גרינג דערשלאגנ צו א פעסטנ צושטאנד. פונ די בורזשעס אונ די זיידע־נאווסקיס איז שוינ אפגערעדט. יענע האבנ זיכ פארנומענ מיט פארשיידענע גרוי־סע פאדריאדנ פאר דער ארמיי אונ זיינענ גיכ פארוואנדלט געווארנ איג מיליא־נערנ. פרויקע טשערקיס („איג א פארגרעבטער שטאט") האט אריבערגעטראגנ זייג טיפאגראפיע איג דער גובערניע־שטאט אונ האט אנגעהויבנ ארויסצולאזנ צו־זאמענ מיט נאסנ העלער („נאכ אלעמענ") א קאפעקע־צייטונג, אונ דידאזיקע צייטונג פארשפרייט זיכ איצטער זייער גוט. דער געוועזענער ראבינער בור־מאנ, וואס פלעגט זיכ באדנ אינייינעמ מיט דער נאטשאלסטווע נאכ פאר דער מילכאמע אונ האט געהאט אנ אלטע דערפארונג איג מאכנ פאלשע פריזיווס, נוצט איצטער אויס דידאזיקע דערפארונג אונ באקאנטשאפט אפ א באזונדערס בריייטנ אויפנ אונ באפרייט פונ מיליטער־דינסט אלע בורזשעס, זיידענאווסקיס אונ טשערקיסעס פונ דער גאנצער געגנט. אפילע מירל אונ כאימ־מוישע, וואס זייער עקל צומ ארומיקנ לעבנ האט איג פלוג געזאלט שטייגנ, זיינענ דאכ געווארנ טעטיקער אונ האבנ געפונענ פאר זיכ אנ ארבעט: זיי זיינענ

איצט פארנומענע מיט אָרגאַניזירן מאַטעריעלע און קולטורעלע הילף פאַר די פּיליצאַליקע היימלאָזע יידישע מישפּאָכעס פון די גרענעץ־ערטער.

די הויפּט־פּראָבלעמעס, וואָס האָבן באַאומרויִקט בערגעלסאָנען אין זײַן פאַרמילכאָמעדיקן שאַפן, באַקומען איצט אַזוי־אַרום גאָר אַן אַנדער אויסזען. די פּראָבלעם וועגן אונטערגאַנג פון די הורוויצעס ווערט לעסאַטע אַראָפּגענומען: די יידישע בורזשואַזיע איז איצט אויפגעריכט געוואָרן און די גרענעץ צווישן אירע פאַרשיידענע שיכטן ווערט אין א היפשער מאָס אָפּגעווישט. דאַגעגן וואַקסט איצט באַזונדערס אויס דער טהאָם צווישן דער גאַנצער יידישער בורזשואַזיע, פון איין זײַט, און דער יידישער אָרעמשאַפט, וואָס האָט אַמערסטן געליטן פון די מילכאָמע־געשעענישן, פון דער צווייטער זײַט.

אויך די צווייטע צענטראַלע פּראָבלעם אין בערגעלסאָנס פריערדיקן שאַפן — די פּראָבלעם וועגן דער באַדנלאָזיקער אינטעליגענץ, — ווערט איצט געלינדערט און אָפּגעשוואַכט. די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, וואָס האָט געווייט נאַציאָ־נאַלן האַס און שאָוויניזם, האָט פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אויך צווישן דער אינטעליגענץ. דידאָזיקע שטימונגען האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט צווישן דער יידישער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, אַדאַנק דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען, פון וועלכע עס האָט געליטן די יידישע באַפעלקערונג אין די גרענעץ־ערטער אין די לעצטע מילכאָמע־יאָרן, אין דער צײַט פון די מאַפּאָלעס פון דער צאַרישער אַרמיי.

די פעוראַלער רעוואָליוציע האָט צוגעזאָגט נאָך מער צו פאַרפּעסטיקן די לאַגע פון דער יידישער בורזשואַזיע, זי האָט אויך ענגער פאַרבונדן דידאָזיקע בורזשואַזיע מיטן קליינבירגערטום און מיט דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, צווישן וועלכער עס פאַרשטאַרקן זיך די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. נאָך דער פעוראַלער רעוואָליוציע לעבן אויף מיט א באַזונדער קראַפט יענע נאַציאָנאַליסטישע אידייען וועגן א „קולטור־רענעסאַנס” און וועגן „נאַציאָנאַלע באַסטיאָנען”, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן מיט 10 יאָר צוריק. עס ווערט איצט געשאַפן א גרויסע און ברייט־פאַרצווײַגטע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט זיך צו פאַרווירקלעכן די אידייען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, — דאָס איז די „קולטור־ליגע”. דער אָנפירנדיקער צענטער פון דער „קולטור־ליגע” געפינט זיך אין קיִעוו, דעמלט די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע. קיִעוו ווערט דער צענטער פון דער אוקראַינישער שאָוויניסטישער באַוועגונג. ער ווערט אויך דער זאַמל־פּונקט פון אַלע פירער פון די יידישע קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען מיט זייערע פּרעסע־אָרגאַנען („פאָלקסצײַטונג”, „די נײַע צײַט” א. אז. וו.).

די „קולטור־ליגע” גרופּירט אַרום זיך פאַרשיידענע שיכטן פונעם יידישן קליינבירגערטום און אַפילע פון דער בורזשואַזיע, — יענע שיכטן, וואָס האָבן

געדינט פאַר דער באַזע פון אָט די קלײנבירגערלעכ־נאַציאָנאַליסטישע פאַרטײען. דידאָזיקע קריגעריש־ייִדישיסטישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע באַמיט זיכ צו קאָנצענטרירנ אינ אירע הענט די גאַנצע קולטורעלע אַרבעט אינ דער ייִדישער סוויווע, אָנגעהויבנ פונ דער שול אונ פאַרענדיקט מיט די פאַרשײדנסטע געביטנ פונ ליטעראַטור אונ קונסט.

אַ באַזונדערס גרויסע אַקטיווקײַט ווײַזט אַרויס די „קולטור־ליגע“ אינעמ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ פונ קיִעוו גופע. דאָ קומענ אויפ פאַרשײדענע ליטעראַרישע אונ קינסטלערישע אינסטיטוציעס (טעאַטראַלע סטודיעס, מוזיק־שולנ, מוזיקאַלישע כאָרנ, קונסט־אויסשטעלונגענ), אונ דאָס אַלצ טראָגט אַפּ זיכ דעמ שטעמפּל פונ בוילעט־אויסגעשפּראָכענעמ נאַציאָנאַליזמ.

ד. בערגעלסאָנ, וואָס ווױנט דאַנ אינ קיִעוו, איז אַנ אַקטיווער מיטגליד פונ דער „קולטור־ליגע“ אונ שטײט אינ שפּיצ פונ איר ליטעראַריש־פאַרלעגערישער אַרבעט. ער אָרגאַניזירט אַרומ זיכ די יונגע אונטערוואַקסנדיקע קויכעס פונ דער ייִדישער ליטעראַטור (אָשער שוואַרצמאַנ, ד. האָפשטײנ, ל. קוויטקאָ, פּ. מאַרקיש, ל. רעזניק א. אַנד.) אונ הײבט אָנ אַרויסלאָזנ די „אײגנס“־זאַמלונגענ, אינ וועלכע ער נעמט אַלײנ דעמ אַקטיווסטנ אָנטײל. צו דער באַהאַנדלונג פונ דידאָזיקע ווערק גײענ מיר איצט איבער.

2

וועגנ דעמ כאַראַקטער פונ בערגעלסאָנס „אינ פאַרטונקלטע צײַטנ“, וואָס איז געדרוקט געוועג צומ ערשטנ מאָל אינ דער ערשטער „אײגנס“־זאַמלונג, האָבנ מיר שוינ אויבנ גערעדט גענוי. מיר האָבנ געזענ, וויִאַזוי בערגעלסאָנ גיט זיכ אַ קער אינעמ דאָזיקנ ווערק מיטנ פּאָנעמ צו דער ייִדישער בורזשואַזיע, מיטנ פּאָנעמ צו די שורס. אינעמ דאָזיקנ ווערק פעלט שוינ אַבסאָליוט די קריטיק פונ דער ייִדישער אופגעקומענער בורזשואַזיע,—אַ מאָמענט, וואָס מיר האָבנ אימ געטראָפנ קימאַט אינ אַלע ביז־איצטיקע ווערק בערגעלסאָנס.

זײער כאַראַקטעריסטיש פאַרנ דאָזיקנ ווערק איז אויכ דאָס גרויסע אָרט, וואָס בערגעלסאָנ גיט דאָ אָפּ דער קונסט. בא אַבראַמ ראַפּאָפּאָרטנ אינ שטוב ווערט געשטיצט דער יונגער מאָלער ווײַנטרויב. דאָ באַטראַכט מענ אונ מע שאַצט אָפּ דאָס נײַע בילד פונעמ מאָלער. בערגעלסאָנ שטרײַכט דאָ אונטער, אַז דער אופקומ פונ יונגע קינסטלער איז פאַרבונדנ מיט דער בורזשואַזיע. קונסט, די קולטור ביכלאַל—איז די באַרעכטיקונג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אָט דערפאַר ווערנ שוינ דאָ די נעגאַטיווע זײַטנ פונ דער בורזשואַזיע ניט פאַרצײכנט אַפילע מיט קײנ אײנ שטריכ ניט. אַבראַמ ראַפּאָפּאָרטס ציִעניזמ מיט זײַנ לײגנ טאַלעס אונ טפילנ אַלע טאָג אונ מיטנ ציִעניסטישנ בוכהאַלטער, וואָס רעדט אַפּ העברעיִש, ווערט אופגענומענ, אויב ניט מיט פולער באַוויליקונג, איז דאָכ מיט פאַרגעבונג.

מיט איין וואָרט, אין „די פאַרטונקלטע צײַטן" האָבן מיר די פולקומע באַשטעטיקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. צו דערדאָזיקער צײַט האָט ד. בערגעלסאָן איינגאַנצן שאָלעם געמאַכט מיט דער בורזשואַזיע, וואָס ביז איצט האָט ער געפירט מיט איר אַ געוויסן באַרויגעז. ס'האָט זיך געקאָנט באַקומען, ווי דער רויגעז און קריג וואָלט געווען אַ היימישער, אַ קריג צווישן אייגענע, וואָס איז סאָפּקאָלסאָפּ אויסגעלעבט און אופגעלייזט געוואָרן. די נאַציאָנאַליסטישע כוואַליעס, וואָס האָבן דאַן געבושעוועט אין אוקראַינע, האָבן צולעצט פאַרכאַפּט און איינגעשלונגען אויך ד. בערגעלסאָנען, וואָס האָט זיך פריִער פאַר דער מילכאָמע געהאַלטן אין אַ היפּשער מאָס אָן אַ זײַט פון דעם.

די ערשטע „אייגנס"-זאַמלונג איז דערשינען אין 1918 יאָר. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1919 יאָר, פאַרעפנטלעכט בערגעלסאָן זײַן באַוווּסטן אַרטיקל „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקײַט", וואָס איז געשריבן מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן די „אייגנס"-זאַמלונג, די „אייגנס"-אידעאָלאָגיע. אינעם דאָזיקן אַרטיקל (געדרוקט אין קיִעווער „ביכער-וועלט" נומ. 4—5) זאָגט בערגעלסאָן אַרויס אין אַ פּובליציסטישער פאָרם די זעלביקע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אין אַ קינסטלערישער פאָרם פאַרקערפּערט אין „די פאַרטונקלטע צײַטן".

„דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקײַט"—דאָס איז אַ קינסטלערישע דעקלאַראַציע, אַ קינסטלערישע פּראָגראַם, וואָס האָט אָנגעמערקט אַף אַ געוויסן פּעריאָד ניט בלויז דעם שאַפונג-מעטאָד פון בערגעלסאָנען גופא, נאָר אין אַ וואָסער ניט איז מאָס אויך דעם שאַפונג-מעטאָד פון אַ היפּשער גרופּע יידישע קלײנבירגערלעכע שרײַבער אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. דער גרונט-געדאַנק פונעם דאָזיקן אַרטיקל איז, אַז „עכטע" קונסט קאָן קיין שום „זײַטיקע" קאַוואָנעס ניט האָבן אויסער די „ריינע" קאַוואָנעס פון דער קונסט גופא. מיט דער רעוואָליוציע קאָן דערום די קונסט קיין שום שײַכעס ניט האָבן. צווישן „דיכטונג" און „געזעלשאַפטלעכקײַט" (געמיינט דאָ די ר ע ־ וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע געזעלשאַפטלעכקײַט, וואָס קעמפט פאַרן סאָציאַליזם—מ.)— דענקט בערגעלסאָן—איז קיין שום געמיינזאַמעס ניט פאַראַן. די דיכטונג איז איין זאַך, און די רעוואָליוציאָנערע געזעלשאַפטלעכקײַט איז אַ צווייטע זאַך. אַז די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג טויג נישט—דאָס ווערט אינעם אַרטיקל אַנערקענט. צו דער דיכטונג אָבער האָט דער קאַמף פאַר אַ נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג קיין שום שײַכעס ניט.

„די געזעלשאַפטלעכקײַט,—שרײַבט דאָ ד. בערגעלסאָן,—איז דאָך סאָפּקאָלסאָפּ געקומען צו דער אינערלעכער איבערצײַגונג, אַז זי לעבט אין אַ סאַך אַ ווינציקער פולקאָמער אָרדענונג, איידער איינציקע בײַעס און אפילע איינציקע אינסעקטן, איז, איבערגייענדיק צו דער נײַער אָרדענונג, מוז זי מעוואַטער זײַן אַף אַלטע פאָרמען. די דיכטונג איז בעעצעם מיט איר מאַסקים, אָבער צופיל הענגט זי אָפּ פון פאָרם, אַז זי זאָל אַף אַלטער פאָרם קאָנען מעוואַטער זײַן... די געזעלשאַפטלעכקײַט און די דיכ־

טונג מוזנ זיכ, אזוי ארום, פאנאנדערגײַנ אינ אָט דער צײַט פונ שטורעמ אונ דראנג".

דאָ האָבנ מיר אינ פלוג די אנערקענונג פונ דער גערעכטיקײַט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ („די דיכטונג איז בעעצעם מיט איר מאסקימ"). עס קומט אויס, אז דער שטרײַט צווישנ דער „דיכטונג" מיט דער „געזעלשאפטלעכקײַט" איז, אזוי צו זאָגנ, בלויז א פאָרמעלער, א שטרײַט וועגנ די אלטע קונסט־פאָרמענ. ווײַטער ווערט אָבער קלאָר, אז דאָ גייט אינ עטוואָס מער וועזנטלעכס, ווי אלטע קונסט־פאָרמענ בלויז. עס ווײַזט זיכ ארויס, אז די געזעלשאפטלעכקײַט איז ווײַט ניט איינהײַטלעכ, אז ניט די גאנצע געזעלשאפטלעכקײַט איז מעוואטער אפ אלטער פאָרמ. פאראנ א געוויסער טייל געזעלשאפטלעכקײַט, וואָס וויל בעשומיפנ אפ קיינע אלטע פאָרמענ ניט מעוואטער זײַנ.

„אינעמ מיטלשטאנד פונ יעדנ פאָלק,—שרײַבט ווײַטער ד. בערגעלסאָנ,—געפינענ זיכ איניקע עפּאָס־עלעמענטנ, וואָס נעמענ ניט קיינ דירעקטנ אָנטייל אינעמ איבערבויונג־פּראָצעס פונ דער געזעלשאפט, אונ דער כאאָטישער וועלט־צושטאנד האָט זיי ניט אינגאנצנ פארכאפט... אינ דער זעלביקער צײַט שטעלנ זיי מיט זיכ פאָר די מער שטאנדהאפטיקע רויִקע פאָרמענ, אפ וועלכע די דיכטונג באזירט אירע פרוונ".

אָט אפנ דאָזיקנ מיטלשטאנד, אפ די עפּאָס־עלעמענטנ, קלאָרער גערעדט — אפ יענע שיכטנ, וואָס נעמענ ניט קיינ אָנטייל אינ דער רעוואָליוציע, וואָס זעענ אינ דער רעוואָליוציע בלויז כאאָס, וואָלט זיכ דער שרײַבער וועלנ באזירנ. איז עס אָבער אינ דער יידישער געזעלשאפטלעכקײַט, לויט בערגעלסאָנענ, ניט מעגלעכ. דער יידישער קינסטלער, מיינט בערגעלסאָנ, איז אויסערסט איינזאמ. ווײַל אינ דער יידישער געזעלשאפטלעכקײַט „איז דער מיטלשטאנד לאכלוטנ ניט פארינטערעסירט מיט דער יידישער שאפונג. פאר דער יידישער דיכטונג בלײַבט אזוי ארומ דער ניט־אנטוויקלטער פאָלקסמענטש, וועלכער איז צו דער טראדיציע פונ בילדערלעכקײַט ניט דערוואקסנ, אונ פונ דער אנדערער זײַט—דער אינטעליגענטישער לעזער... וועלכער איז אופגעצויגנ אפ פרעמדער דיכטונג אונ קומט צו אונדז פונ פרעמדע טישנ..."

ס'איז איבעריק צו רעדנ וועגנ דעמ, אז בערגעלסאָנס געדאנק וועגנ קלויִמערשט עפּעס א ספּעציעלער איינזאמקײַט פונ דער יידישער דיכטונג אינ יענער צײַט איז אבסאָליוט ניט ריכטיק. די זאכ איז באשטאנענ פונקט פארקערט: דער גרעסטער טייל עלטערע יידישע שרײַבער האָט זיכ דאנ אָפּגעווענדט פונ דער רעוואָליוציאָנערער געזעלשאפטלעכקײַט, האָט זיכ א קער געטאָנ צו אנ אנדער טייל געזעלשאפט, צו דער בורזשואזער געזעלשאפטלעכקײַט, וואָס פּרייִדיקט נאציאָנאלע איינהײַט אונ נאציאָנאלע קונסט. אזוי איז עס געווענ אויכ אינ פעריאָד פונ רעאקציע, נאָכ 1905 יאָר. ד. בערגעלסאָנ כאזורט איבער אינ טאָכ יענע לאָזונגענ, וואָס די „ליטערארישע מאָנאטשריפטנ" האָבנ פּראָקלא־

מירט אין 1908 יאָר. ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָבן אויך די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" גערופן זיך אָריענטירן אַף דער אינטעליגענץ איבערהויפט און האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קונסט. אויך איצט דריקן זיך אויס די רעאַקציע־שטימונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין די זעלביקע לאָזונגען פון „ריינער" און „אייגענער" קונסט, אַזאַ קונסט, וואָס איז קלוי־מערשט נייטראַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם, — „יידיש" אייגנס", ווי בערגעלסאָן באַצייכנט עס אין עם ציטירטן אַרטיקל.

פאַר דידאַקטיש שטימונגען איז, כוץ די „אייגנס"־זאַמלונגען, אויך זייער כאַראַקטעריסטיש די זאַמלונג „אופגאַנג", וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן בא בערגעלסאָנס אומיטלבאַרן אָנטייל. דידאַקטיקע זאַמלונג האָט אַף זיך א דאַטע — 1919. אַפן שאַר־בלעטל איז אָנגעוויזן „ערשטער זאַמלבוך". מאַשמאָעס, אַז אונ־טער דעמדאָזיקן נאָמען האָט מען פּלאַנירט אַרויסצוגעבן א גאַנצע ריי זאַמ־לונגען. אָבער א מערקווירדיקע זאַך: א זאַמלונג אין 1919 יאָר מיט אַזא קלינ־גענדיקן נאָמען, ווי „אופגאַנג", פאַרמאָגט ניט אין איר בעלעטריסטישן אָפּ־טייל אַזוינע ווערק, וואָס זאָלן באַרעכטיקן אָט דעמדאָזיקן נאָמען. די גרעסטע מערהייט ווערק האָט דאָ ביכלאַל ניט צו טון ניט מיט די ברויזנדיקע רעוואָ־ליוציאָנערע געשעענישן פון יענער צייט און ניט מיט אַזוינע אָדער ענלעכע געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָלן באַרעכטיקן אָט דעם קלינ־גענדיקן נאָמען, וואָס אַפן שאַר־בלעטל.

די זאַמלונג עפנט זיך מיט בערגעלסאָנס א זייער נאָגנדיקער דערציילונג „אין איינעם א זומער", וואָס איז געשריבן אין די טענער פון „אַרום וואָק־זאַל". ווייטער קומט אָשער שוואַרצמאַנס ליד „אומעט", ביינעש שטיינמאַנס מאָ־רעשכוירעדיק־סימוואָליסטישע דראַמע „באַם טויער" א. אַז. וו. א. ד. גל. ווו זשע איז דאָ דער „אופגאַנג"? ערשט, ווען מע קומט צום סאָף זאַמלונג, צו די אַרטיקלען, ווערט קלאָר, אַז „אופגאַנג" באַטייט דאָ — אופגאַנג פון דער קונסט, ד. ה. ווידעראַמאָל דער באַרימטער „רענעסאַנס" פון די צייטן פון רעאַקציע.

דער אַרטיקל „די וועגן פון דער יידישער מאָלעריי" (פון י. ריבאַק און ב. אַראָנסאָן) האָט אַף זיך א מאָטאָ:

„לעבן זאָל די אַבסטראַקטע פאָרם, וואָס אַנטפּלעקט דעם ספּעציפישן מאַטעריאַל — זי איז נאַציאָנאַל".

און ענדיקט ענדיקט זיך דער אַרטיקל מיט פאָלגנדיקן אָפּזאַץ:

„דער מידער מיזרעך... רופט די פרישע מאָלער, די יידישע קינסט־לער, וועלכע זיינען אַזיאַטיש פאַרשיקערט פון פאָרם. די יידישע פאָרם איז דאָ, זי ערוואַכט, זי לעבט אוף!"

איז אָט ווו דער אופגאַנג איז — אין דער יידישער פאָרם, וואָס ערוואַכט און דאַרף אויסלייזן די גאַנצע וועלט... אָט אַזוינע אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע אָנ־שווונגען האָבן דעמלט געפּריידיקט אולטראַ־„לינקע" קינסטלער...

ענלעכע פֿאָרמאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קונסט־לאָזונגען טרעפֿן מיר אויך אינעם שפּעטערדיקן „שטראָם“. דידאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע קונסט-אָנשויונגען זײַנען געווען דער בולטסטער אויסדרוק פֿון די רעאַקציע־שטימונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די שטימונגען פֿון יענע שרײַבער און קינסטלער, וואָס האָבן זיך דאַן גענומען אָריענטירן אויפֿן „מיטלשטאַנד פֿון פֿאָלק“—אויף דער בורזשואַזיע.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו בערגעלסאָנס קינסטלערישע ווערק פֿון יענער צײַט.

3

אין 1919 יאָר האָט בערגעלסאָן קיין גרעסערע ווערק ניט געשאַפֿן. כוץ דער אויבנדערמאָנטער דערציילונג „אין איינעם אַ זומער“ זײַנען מיט דער דאַטע 1919 באַצייכנט בערגעלסאָנס פֿאָלגנדיקע ווערק: די זאַמלונג „דרויב“ און „פֿײַוולס מײַסעס“. מירן זיך אָפּשטעלן אײַנקורצן אויף אָט דידאָזיקע ווערק.

אין דער דערציילונג „אין איינעם אַ זומער“ קערט זיך בערגעלסאָן אום צו דער רעאַקציע־עפּאָכע, וואָס נאָכן 1905 יאָר.

דער הויפּט־פּערסאָנאַזש פֿון דער דערציילונג, דער סטודענט אײַזיק, וואָס קומט אין דאָרף צו פֿאַרברענגען דאָ די זומער־וואַקאַציעס, איז עפּעס פֿאַרבונדן מיט רעוואָליוציאָנערן. ער איז אַפֿילו געזעסן פֿיר כאַדאָשים און טורמע מיט פּאַרטיי-כאַווײרים. מיט די דאָקטוירים און אײַנזשענערן פֿון דער רײַכער ראַפֿינאַד־פֿאַבריק, וואָס אײַזיק טרעפֿט זיך מיט זיי דאָ, רעדט ער זייער זעלטן. „ער קוקט אויף זיי, ווי פֿון דער זײַט, מיטן פֿאַרבאַהאַלטענעם שמייכעלע אויף די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען, גלײַך נאָר אים אַליין איז באַוווּסט דער סאָד פֿונעם ווירקלעכן לעבן — אים מיט זײַנע כאַווײרים פֿון דער גרויסער שטאָט“. אין דער צוקער־פֿאַבריק איז ניט רויִק, עס וואַקסט דאָרט אַ שטומע אומצופֿרידנקײַט. דאָס אַלץ ווערט איבערגעגעבן אין די ערשטע זײַטן פֿון דער דערציילונג. און דער לייענער דערוואַרט אויף אַ שטרײַק און אויף אײַזיקס אַקטיווען אָנטייל אינעם שטרײַק. עס הייבט זיך אָבער אַפֿילו ניט אָן! אײַזיק איז דאָ אַ זײַטיקער פֿאַרשויִן. אָט דער, וואָס „אים אַליין איז באַוווּסט דער סאָד פֿונעם ווירקלעכן לעבן“, פֿאַרבלײַבט דאָ אין דאָרף אַ גלײַכגילטיקער, זײַטיקער און פֿרעמדער צו דעם אַלעם, וואָס ס׳קומט פֿאָר אַרום אים.

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דערדאָזיקער דערציילונג איז די אַבסאָליוטע סאָציאַלע דעזאָריענטירטקײַט פֿונעם שרײַבער. אויב אין „אַרום וואָקזאַל“ און אינעם „טויבן“, וואָס האָבן צו טון מיטן זעלביקן פּעריאָד, האָבן מיר געהאַט פֿאַראַכטונג און האַס צו דער בורזשואַזיע, צו די קױפֿמאַנס מיט די ביקעס, פֿעלט עס שוין דאָ אַבסאָליוט. אין דער דערציילונג „אין איינעם אַ זומער“ האָבן מיר פֿאַר זיך קימאַט אַלע קלאַסן פֿון דער געזעלשאַפֿט: אי די גרויסבורזשואַזיע, אי די דאָרפֿישע מיטעלע שיכטן, אי די אַרבעטער, אי די אײַנזשענערן, אי דעם טעכניק מיט די בלויע ברילן, וואָס אָרגאַניזירט אַ שטרײַק, אי דעם

באַהעמע־מענטש — דעם אַרטיסט מוראַנאָוו. און דער שרײַבער שטייט דאָ אָן אַ זײַט און שילדערט אַלץ און אַלעמען גלײַכגילטיק און אייינטאָניק — סײַ דעם שטרײַק, סײַ דעם פעטער ייִדלס ניט־וואָזשנע מיסכאָרים, סײַ דעם ניט אײַנגע־געבענעם פאַמיליע־לעבן פון דעם פעטער ייִדלס טעכטער און סײַ אַפילו אײַ־זיקס — די פירנדיקע פיגור אין דער דערציילונג — שטיקל געפיל צו דעם רײַכן מיידל, וואָס גייט כאַסענע האָבן מיטן אינזשעניער. ער, אײַזיק, „איז דאָ געווען אַ זײַטיקער, אַ פרעמדער", — אַזוי מעלדעט דער שרײַבער אין אָנהייב דערציי־לונג. און צום סאָף דערציילונג: „מאָרגן וועט ער, אײַזיק, שוין דאָ ניט זײַן". און אָט מיטן דאָזיקן בליק פון אַ פרעמדן און זײַטיקן, וואָס וועט שוין דאָ מאָרגן ניט זײַן, ווערט דאָ געזען און געשילדערט אַלץ אַרום.

אין דער זאַמלונג „דרויב", וואָס איז אויך דערשינען אין 1919, האָבן מיר שוין אַ בוילעטע אָריענטאַציע אויף דער בורזשואַזיע. אייניקע „דרויב"־דער־ציילונגען זײַנען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל פריִער („צווי וועגן", אַשטייגער, טרעפן מיר שוין אין דעם „ייִדישן אַלמאַנאַך" פאַר 1910, אינעם זעלביקן בוך, וווּ ס'איז געדרוקט געווען צום ערשטן מאָל „דער טויבער"). די מערהײַט דערציילונגען אָבער זײַנען סײַ לויט זייער טעמאַטיק, סײַ לויט זייער זשאַנער כאַראַקטעריסטיש מער פאַר בערגעלסאָנס שאַפן פון 1919.

מיר האָבן שוין אויבן עטלעכע מאָל פאַרצייכנט, אַז בערגעלסאָנס ווערק פון זײַן ערשטן פעריאָד זײַנען אופגענומען געוואָרן, ווי אַ נײַ וואָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָ אין „דרויב" טרעפן מיר, פאַרקערט, זייער פיל אַזוי־נע טעמעס און מאָטיוון, וואָס ווערן באַהאַנדלט אויך פון אַנדערע ייִדישע שרײַ־בער, כאָטש דאָס ספּעציפיש בערגעלסאָניש טרעט אויך דאָ שאַרף אַרויס. אין דידאָזיקע דערציילונגען האָט בערגעלסאָן צו טון מיט די פאַרשיידנסטע קליינ־בירגערלעכע שיכטן פונעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל. האַלטנדיק די אָריענטאַציע אויף די ראַפּאָפּאָרטס מיט די שורס, וואָס צו זיי האָט זיך בער־געלסאָן אָקאָרשט שאַרף אַ קער געטאָן, ווענדט ער זיך איצט צו די קליינ־בירגערלעכע שיכטן, צו די זעלביקע שיכטן, וואָס אין זייער נאָמען זײַנען אין דער ליטעראַטור אַרויסגעטראָטן שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ א. אַנד., און מיר שטויסן זיך טאַקע גלײַך אָן אין דידאָזיקע דערציילונגען אויף אַזוינע טענדענצן, וואָס זײַנען שוין אונדז באַקאַנט פון די דערמאָנטע שרײַבער.

אין די ערשטע צוויי דערציילונגען, — „דרויב" און „דער לעצטער ראָשע־שאָנע", — דערהערן מיר שאָלעם־אַלייכעמס שטים. דאָ האָבן מיר בערגעלסאָנס ערשטע פּרוּוון אינעם געביט פון הומאָר, — אַ זשאַנער, וואָס איז אים ביז אַהער געווען אַבסאָליוט פרעמד.

בערגעלסאָנס הומאָר טראָגט דאָ אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער: דעם שרײַ־בערס שמייכל איז אַ פאַרקרימטער, אין אים איז באַהאַלטן פיל איראָניע און פאַרניכטנדיקער ביטל. דער פּלאַץ און די קלאַסנבאַזע פון בערגעלסאָנס הומאָר זײַנען דערווײַל באַגרענעצט: הומאָריסטיש ווערן אונטערגעטראָגן בלויז

ביילע־העניע (די דערציילונג „דרויב“) און הינדע די אלמאָנע („דער לעצטער ראָשעשאָנע“), אין דער צײַט ווען דאָס גאנצע ארומיקע לעבן ווערט געשילדערט אין דידאָזיקע דערציילונגען, ווי אין דער גאנצער זאמלונג ביכלאל, אין יאָרדישע און נאָגנדיקע טענער. דאָך האָבן מיר שוין אין דער ווענדונג צו שאָלעם־אלייכעמס זשאנער א געוויסן דורכבראָך אין בערגעלסאָנס פריערדיקן סטיל.

כוץ שאָלעם־אלייכעמען, רופט זיך דאָ בערגעלסאָן איבער אויך מיט פּערעצן און מיט אשן.

אין דער דערציילונג „מעשומעדעס“ האָבן מיר די זעלביקע טעמע, וואָס אויך פּערעץ האָט באהאנדלט אין א דערציילונג אונטער דעם זעלביקן נאָמען. פּערעצעס שטים קלינגט אויך ערטערווײַז אין דעם „לעצטן ראָשעשאָנע“. דאָ ווערט געשילדערט א שטעטעלע מיסטיפּקע מיט איר אפּיקאָרסישן בוכהאלטער, וואָס איז איבערגעבליבן צו ראָשעשאָנע איינער אליין אינעם פּוסטן שטעטעלע און ער שטעלט זיך פאָר דאָס „ווײַטלעכע שטעטל מיט אן איבערפולט באלויכטענעמ' בעסמעדרעש, ווו ס'האָבן פרום געדאווענט און טשוווע געטאָן ראָשעשאָנעדיק שעמערירנדיקע יידן“ („דרויב“, 32). און אין דער לעצטער דערציילונג פון דער זאמלונג — „באנאכט“ — שילדערט בערגעלסאָן, וויאזוי א ייד א לאמדן לערנט מיט א מאָרעשכוירעדיקן יונגערמאן אן אמאָרעץ טוירע, און דער יונגערמאן זאָגט נאָך פּאָסעק נאָך פּאָסעק. דאָ דערהערן מיר בוילעט די שטים פון שאָלעם אש...

די זעלביקע טענדענצן טרעפן מיר אויסגעדריקט אויך אין „פײַוולס מײַסעס“.

אין „פײַוולס מײַסעס“ ווענדט זיך בערגעלסאָן צו דעם קינדהײַט־פּעריאָד, צו די פאנטאסטישע מײַסעס וועגן שיידים און שעדעכעס, רוכעס און לייצים. די ווענדונג צו דער אלטער, דערצו נאָך רעליגיעז־באפארבטער פאנטאסטיק שטרײַכט באזונדערס אונטער בערגעלסאָנס דעמאלטיקן אָפּקער פון דער ארומיקער רעוואָליוציאָנערערווירקלעכקײַט. ד. בערגעלסאָן גלידערט זיך דאן אײַן אין דעם אלגעמיינעם כאָר פון דער יידישער נאציאָנאליסטישער ליטעראטור.

איינצײַטיק טרעפן מיר אינעם דאָזיקן מײַסע־ביכל די זוימען פון אייניקע הינטערגעסלעך־געשטאלטן, וואָס בערגעלסאָן וועט זיי שפּעטער פאנאנדערוויקלען אין „באם דניעפּער“ (בונציע די דינסט אין „פײַוולס מײַסעס“ און בוניע די קעכן אין „באם דניעפּער“; דאָס זעלביקע: יאָסל דער שטארקער — ראכמיעל דער שוסטער; פײַוול — און באָרעך־נאכמען דעם פארבערס).

אין 1920 יאָר פארעפנטלעכט בערגעלסאָן דעם ראָמאן „אָפּגאנג“, וואָס ער האָט אים אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין 1913. אויך די טעמאטיק אינעם דאָזיקן ווערק האָט א שײַכעס צו דעם רעאקציע־פּעריאָד, וואָס נאָכן 1905 יאָר.

דעם אנאליז פון „אָפּגאנג“ האָבן מיר אויבן געגעבן. פארענדיקנדיק אין „נאָך אלעמען“ מיט די הורוויצעס, איבערײַסנדיק אין „די פארטונקלטע צײַטן“ די געשיכטע וועגן יויסעפּ שורס אופקום אינמיטן, זעצט בערגעלסאָן איצט פאָר די שילדערונג פונעם „אָפּגאנג“ פונעם יידישן קליינבירגערטום, דעם

אָפּגאנג פונעם ייִדישן שטעטל אינגאנצן געגומען, וואָס דער שרייַבער זעט איצט פאר דעם קיין שום אויסוועג ניט. „אָפּגאנג" האָט, אזויארום, אָפּגעשפּיגלט סיי בערגעלסאָנס שטימונגען אין פּעריאָד פון „נאָך אלעמען", סיי דעם ייִעש און פּעסימיזם, וואָס האָבן ארומגעכאפּט דעם שרייַבער איצט, נאָך דער אָק־טיאבער־רעוואָלוציע.

אין 1921 פארלאָזט בערגעלסאָן דעם ראטנפארבאנד און באזעצט זיך אין בערלין. דאָ פארבינדט ער זיך מיט די ייִדישע נאציאָנאליסטישע ליטעראַרישע קרייַזן און נעמט אן אָנטייל אין זייערע אויסגאבעס.

4

פון 1922 הייבט זיך אָן בא בערגעלסאָנען א פּעריאָד פון לאנגדויערנדיקע שטרויכלונגען און וואקלונגען, וואָס ווארפן אים פון איין פּאָליוס צום צווייטן, פון אָנטיילנעמען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור (אין דעם „שטראָם") ביז באטייליקן זיך אין דעם געלבן אמעריקאנער „פאָרווערטס".

קעדיי צו כאראקטעריזירן בערגעלסאָנס שטימונגען פאר יענער צייַט, וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אפ זייַנע צוויי קליינע ווערק, וואָס ער האָט פארעפנט־לעכט אינעם בערלינער „מילגרוים" אין 1922 יאָר.

„מילגרוים", אָדער פינקטלעכער „רימוין—מילגרוים", איז געווען אן אויס־גאבע פאר ייִדישער ליטעראַטור און קונסט, דעריקער פאר עלטערע קונסט־שאפונגען פון דער ווייַטער פארגאנגענהייַט. דידאָזיקע אויסגאבע האָט גע־טראָגן אן אויסגעשפּראָכן־נאציאָנאליסטישן כאראקטער. דאָ האָט מען פארעפנט־לעכט ווערק סיי אין העברעייש, סיי אין ייִדיש. דער „מילגרוים" האָט גע־שטרעבט צו פארייניקן ארום זיך אלע ייִדישע שרייַבער און קינסטלער, אומ־אָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען, קעדיי אזויארום צו דעמאָנסטרירן די „איינהייַטלעכקייַט" פון דער ייִדישער נאציע.

ד. בערגעלסאָן האָט אינעם ערשטן נומער „מילגרוים" פארעפנטלעכט צוויי קליינע זאכן: „אָנהייב קיסלעוו תרע"ט" און „דער געשעענער אופבראָך". די ערשטע זאך—א בעלעטריסטישע. אָנהייב קיסלעוו תרע"ט" — דאָס איז א קליין בילדל וועגן דעם אָנהייב פּאָגראָמען אפ אוקראַינע אין 1919 יאָר. געשריבן איז דאָסדאָזיקע בילדל אנערעך אין די טענער פון ביאליקס באוווסט נאציאָ־נאליסטיש ליד וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם—„מאסאָ נעמיראָוו", נאָר מיט היפּש ווייניקער פּאטעטיק און מיט א גרעסער געפיל פון ייִעש און אָנמאכט. אינעם דאָזיקן בילדל איז ניטאָ אפילע קיין רעמעז אפ וועלט־איבערקערעניש, אפ רעוואָלוציע און ק אָ נ ט ר ע וו אָ ל י וצ י ע, וואָס זי—און בלויז זי—איז שולדיק אין די פּאָגראָמען. מיר הערן דאָ בלויז איין אייכאָ־קלאָג, בלויז די אָנגעבראָכענע שטים פון „נאציע־שמערצן". דער שרייַבער זעט פאר זיך „ברודיק געפּרוירענע לופט", „שטיקער פארכוישעכטן הימל", וואָס „וואלגערן זיך דורכויס

אפ דער ערד", כאָרעוודיקע היימענ" אונ „העפקער־וועלט". אָט אזוי ייִעשדיק איז בערגעלסאָנ געשטימט דאָ. אגעוו, דאָסדאָזיקע בילד האָט ניט קיינ גרויסנ קינסטלערישנ ווערט.

די צווייטע זאכ, וואָס בערגעלסאָנ האָט פארעפנטלעכט אינעם זעלביקנ נומער „מילגרוימ", איז א פובליציסטישער ארטיקל „דער געשעענער אופבראָכ". דערדאָזיקער ארטיקל שטעלט מיט זיכ פאָר א פלאמיקנ לויב־געזאנג דער ייִדיש־סאָוועטישער דיכטונג, וואָס ערשט מיט א פאָר יאָר צוריק האָט בערגעלסאָנ גע־לייקנט (אינ „דיכטונג אונ געזעלשאפטלעכקייט") די עצעמ מעגלעכקייט פונ איר עקזיסטענצ...

„דער געשעענער אופבראָכ" גופע איז פול דורכויס מיט ווידערשפרוכנ. ד. בערגעלסאָנ שאפט דאָ אפילע א ספעציִעלע טעאָריע, וואָס דארפ בארעכטיקנ אָט די גוואלדיקע ווידערשפרוכנ אינ זיינ דעמלטיקער וועלט־אָנשויונג.

„זוכט ניט בא זיי,—שרייבט דאָ בערגעלסאָנ וועגנ די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער,—קיינ גאנצקייט, ס'שטעקט אינ זיי עפעס מער ווי גאנצקייט, ווי אינ דער צייט (!?)... קיינ מינדסטער כיישעק אויסגעהאלטנ צו זיינ מיט אייכ, מיט זיכ, מיט קיינעמ. גאנצ זיינ? ווער האָט אויסגעטראכט דעמ ליגנ?.. א כאאָטיש לעבנ ליגט אינ מיר, אינ דיר, אינ אלע. נישטאָ קיינ איינהייט. לעכער זיינענ אינ מיינ לעבנ, ווי אינ דיינעמ, ווי אינ אלע, וואָס טאנצנ אפנ גרויסנ גרענעצ אינ קאראהאָד... דורכ לעכער, ריסנ מוז ארויסקוקנ דעמ נאָוויס לייב. ווי קאָנ א נאָווי אינזינעו האָבנ זיכ לאטעו ?"

אונ דערדאָזיקער גאנצער ארטיקל איז איבערגעפולט מיט לעכער אונ גוואלדריסנ.

אינ פלוג קומט דער ארטיקל צו לויבנ די ייִדיש־ס אָ וו ע ט י ש ע דיכטונג, דאָס הייסט דאָס ספעציפיש רעוואָליוציאָנערע, וואָס דידאָזיקע דיכטונג ברענגט מיט זיכ. אינ דער זעלביקער צייט ווערט דאָ אָט די דיכטונג גענומענ ניט די־פערענצירט. אינ איינ אָטעמ ציטירט בערגעלסאָנ קושניראָווס ר ע וו אָ ל י ו ־צ יִ אָ נ ע ר ע לידער מיט האָפשטיינס „ליד פונ מיינ גלייכגילט".

ווייטער, די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג ווערט דאָ קעגנגעשטעלט דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק, אינ דער צייט ווענ די ייִדישע סאָוועטישע קרי־טיק איז דעמלט געווענ פונקט אזוי ניט איינהייטלעכ, ווי די ייִדישע סאָווע־טישע דיכטונג.

אינ אָנהייב ארטיקל טרעט בערגעלסאָנ שארפ ארויס קעגנ די קריטיקער (פאקטיש קעגנ דער מארקסיסטישער קריטיק), וואָס ווילנ זיכ ניט באנוגענעו מיט סטאמ שיינקייט. בערגעלסאָנ פריידיקט דאָ די „קונסט צוליב קונסט"־טעאָריע, אָבער גלייכ ווידערשפרעכט ער זיכ אליינ:

„איך ברענג דאָ, — שרײַבט װײַטער בערגעלסאָן, — ...ס׳ראָװ מעלי־צעדיקע פראזן, ריטאָריק, יונגע ברױזנדיקע שורעס, און דאָך איז אין זיי פאראן עפּעס מער װי דיכטונג".

איז שוין, הייסט עס, בערגעלסאָן מוידע, אז אין דיכטונג קאָן אמאָל זײַן „עפּעס מער װי דיכטונג", און דאָס זאָל זײַן גראָד א מײַלע.

אין װאָס באשטײט אָט דאָס „מער װי דיכטונג" בא די יונגע יידישע סאָ־װעטישע דיכטער? עס באשטײט אין דעם, װאָס דאָ רעדט „נישט קיין פאר־װעלקטער איינצלנער מיט זײַן יעכידישער װײטעק־שטימע. עס רעדט א ראַ־בים, א שאַליעך־ציבור".

„א גאנצער דאָר האָט א קוש געטאָן די כװאַליעס פון גרױסן אומ־פארמײַדלעכן כורבן, איידער ער האָט זיך אװעקגעלאָזן אף זיי אומקו־מען און שװימען... דאָס נײַע ליד האָט געעפנט בא זיך אַלע אָדערן און נערװן, אַלע קעמערלעך, װאָס זויפן אײַן און ברעכן אויס... לאַכט דעם דיכטערס שטורעם און טרײַבט ארױס פון זיך דעם דיבעק, טרײַבט פון זיך דאָס אַלטע מעסושעלעך-מענטשל מיטן זיקאָרן פון א גאָט צי פון א קנעכט".

איז אָט, בערגעלסאָנען פארכאַפּט די יונגע יידישע דיכטונג פון סאָװעטנ־פארבאנד אין פלוג דערמיט, װאָס זי רײַסט מיט דער אַלטער פארגאנגענהײַט, מיטן אַלטן מעסושעלעך־מענטשן. צו דער זעלביקער צײַט אָבער איז נאָך בער־געלסאָנען זייער װײַט פון באנעמען דעם װירקלעכן זינען פון דער אָקטיאַ־בער־רעװאָליוציע. דאָס געפיל פון „אומפארמײַדלעכן כורבן" פּרעװאַלירט נאָך באם דיכטער איבער אַלעס, און די „אויסגעװאשענע" און „נײַע װעלט", װאָס װעגן איר רעדט דאָ בערגעלסאָן, איז נאָך עפּעס נישט מער, װי א װײַטער לעגענדארישער טרוים, און ניט א קאָנקרעטע אופגאבע, װאָס צוליב איר פארװירקלעכונג און אין ענגער פארבינדונג מיט דערדאָזיקער פארװירקלעכונג קומט דער „כורבן".

זײַן אייגן כאַאָס־געפיל, װאָס האָס ארומגעכאפּט דעם שרײַבער אונטער דער װירקונג פון די פּאָגראָמען, שרײַבט בערגעלסאָן צו דער ארומיקער רע־װאָליוציאָנערער װירקלעכקײַט. דערדאָזיקער כאַאָס־געפיל, װאָס האָט צעשפּלי־טערט דעם שרײַבערס געמיט, האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע שפּעטער־דיקע קינסטלערישע װערק, װי מירן עס באלד זען.

נײַנטער קאפּיטל.

בערגעלסאָנס ערשטע סאָװעטישע װערק.

1

זייער א כאראקטעריסטישער שטריך פון בערגעלסאָנס צעשפּליטערטקײַט אין יענער צײַט איז דאָס, װאָס בערגעלסאָן שרײַבט דעמלט ניט קיין גרעסערע װערק. אין מעשעך פון א גאנצער ריי יאָרן דאָמינירט אין

בערגעלסאָנס שאפן די קלענערע דערציילונג. „שטורעם־טעג", „וועלט אויס — וועלט איין", „צוג־ווינטן" (די לעצטע צוויי ביכער זיינען דערשינען אין אויסלאנד), — גאנצע דריי ביכער, וואָס באשטייען פון קלענערע דערציילונגען, און בלויז איין גרעסערע ליוונט — „מידאט־האדינג".

דאָס ערשטע סאָוועטישע ווערק בערגעלסאָנס — דאָס איז די דערציילונג „באַטשקאָ", וואָס איז געדרוקט אין דריטן נומער „שטראָם" פאר 1922 *) און וואָס איז שפעטער מיט געוויסע ענדערונגען אריין אינעם בוך „שטורעם־טעג" אונטערן נאָמען „בירגער־קריג". אפ דערדאָזיקער גרעסערער דערציילונג וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

די צענטראלע פיגור פון דער דערציילונג איז וולאדימיר באַטשקאָ. אין דערדאָזיקער פיגור האָט דער שרייבער געשטרעבט ניט בלויז צו פארקערפערן אן אקטיווע געשטאלט פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, — אן אָנפירער פון א פארטיזאנישן אָטריאד, — ער האָט דורך דערדאָזיקער געשטאלט געוואָלט אָנמאָלן אן אלגעמיינע בילד פון אָנהייב אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

וואָס־זשע שטעלט מיט זיך פאָר אָט די „באַטשקאָ"־געשטאלט?

וולאדימיר באַטשקאָ איז א ווייניק באוווסטזיניקער און אָפּגעשטאנענער פויער, וואָס די רעוואָליוציע הייבט אָן אופוועקן זיינע פּאָליטישע באוווסטזיין, און ער ווערט אקטיוו אין די ארומיקע געשעענישן. ווער איז, אייגנטלעך, באַטשקאָ — בלייבט ניט אינגאנצן קלאָר ביזן סאָף. דער שרייבער שטרייכט אונטער דעריקער באַטשקאָס פערזענלעכע, אינדיווידועלע שטריכן, אין דער צייט ווען די סאָציאַלע וואָרצלען פון זיין נאטור בלייבן אין שאָטן, בלייבן פארטושירט. באַטשקאָ איז סטאם א בונטאר. זיין געליבטער, פראָסיען, דערקלערט ער אָט וואָס:

„דעריקער, זאָגט ער, — וואָס קוילען דארף מען... אלע האָבן זיך אָנגעזויגן... — אוןביידן ווערט דערפון געלענדערדיק און פריילעך.

— וועט מען קוילען?

באַטשקאָ שמייכלט אין נאָז אריין:

— „נאָך א מין!.." („שטורעם־טעג", ז. 18).

איז אָט, דאָס איינציקע, וואָס באַטשקאָ ווייסט אפ קלאָר, איז — אז „קוילען דארף מען". באַטשקאָ ווערט געשילדערט איבערהויפּט, ווי א סאָלדאט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. דער פארצויגענער בלוטיקער קריג צעשטערט אין אים און מעקט בא אים אָפּ קימאט זיינע גאנצע ביז־איצטיקע סאָציאַלע ביאָגראפיע, און ער לעבט דעריקער מיט זיינע ביאָלאָגישע אימפּולסן, וואָס שפּארן באזונדערס שארף ארויס. סטיכייישע בונטארישקייט, העפקערדי־

---

*) אין „שטראָם" הייבט זיך אָן די דערציילונג „באַטשקאָ" פון קאפּיטל 6. דער פראגמענט „צוג־ווינטן", וואָס איז אָפּגעדרוקט אין בערגעלסאָנס אויבן־דערמאָנטן בוך אונטערן זעלביקן נאָמען, שטעלט מיט זיך פאָר, אפּאָנעם, די ערשטע 5 קאפּיטלעך פונעם ערשטן „באַטשקאָ"־וואריאַנט.

קײַט, א שטרעבונג אָפּצורעכענען זיך מיט די שולדיקע פון דער װעלט־מיל־כאָמע — און דערבײַ עפּעס א נעפּלדיקע זוכעניש פונעם „ריינעם עמעס“, װאָס ברענגט לעצטנס באָטשקאָן צו די באָלשעװיקעס. װי׳אַזוי־ארום האָט באָטשקאָ אויסגעלעבט זײַן אנארכיסטישע בונטארישקײַט און האָט אָנגעהויבן ריכטיק צו באנעמען די צילן פון דער פּראָלעטארישער רעװאָליוציע — דאָס בלײַבט נ״ט קלאָר אינעם װערק.

אין דערדאָזיקער פיגור האָט זיך אויסגעדריקט גופא בערגעלסאָנס דעמאָלטיקע װאקלדיקע פּאָזיציע בענוגע צו דער אָקטיאבער־רעװאָליוציע. דער שרײַבער האָט דעמאָלט באנומען די רעװאָליוציע דעריקער װי א סטיכיע, װי א קאטאקליזם. ער האָט געזען אין איר דעריקער כּורבן און פּאנאנדערפאַל, ער האָט נאָך דעמאָלט ניט באנומען דעם אָרגאניזירנדיקן קויעך פונעם פּראָלעטאריאט, װאָס האָט אָנגעפירט מיט דער רעװאָליוציע און װאָס האָט געקערעװעט דעם רודער פון די געשעענישן צו א פאָרויס־באשטימטן ברעג.

אָט איז א בילד פון ערעװ אָקטיאבער־רעװאָליוציע אין „באָטשקאָ“, װאָס װעט באשטעטיקן אונדזער געדאנק.

אן אופגעשטאנענער פּאָלק האָט אװעקגעלייגט בא זיך די אָפיצערן, האָט זיך אָפּגעזאָגט מילכאָמע צו האלטן און האָט זיך אויסגעקליבן פאר אן עלצטן דעם געװעזענעם דעזערטיר װלאדימיר באָטשקאָ.

„— באָטשקאָ! — האָט מען צו אים פון אלע זײַטן געשריגן, — װאָס שטייסטו? האָסט דײַן אייגנס א פערד, טאָ פאָר ארויס פון פּאָלק אפרי־ער! זײַ א קאָמאנדיר!“

אָט דידאָזיקע פראזע, װאָס דערמאנט אינעם ביבלישן אויסדרוק „האָסט א קלייד — טאָ זײַ א האר איבער אונדז“ און װאָס אסאָציירט זיך מיט די ביבלישע צײַטן פון יענער עפּאָכע, װען ס׳איז ניט געװען „ניט קיין האר, ניט קיין ריכטער“, גיט דאָ איבער דעם גאנצן געפיל פון כאָאָס און העפקער, װאָס האָט דאן באהערשט דעם שרײַבער. און װײַטער לייענען מיר:

„ער (באָטשקאָ, הייסט עס) הייבט נאָר אוף פאר א צייכן די האנט, און דער גאנצער פּאָלק לאָזט מיטאמאָל ארויס א פריילעכן „װעמענ־הער־איך“־געזאנג — א פרײַעם, א ברייטן װי די װעלקנדע פעלדער ארום, װי דאָס לעבן, װאָס האָט שוין ניט אפּ זיך גאנצע זיבן כאדאָשים ניט קיין צאר, ניט קיין פּאָרעצ.

— אר־ליא, אר־ליא!
אר־ליא־ליא! —

זינגט דער גאנצער פּאָלק, און באלעבטע און טעמפּע פּנעמער גיסן זיך אָן מיט רויטע קויעך און בליצן מיט היספּײַלעס אין דער ארויסגע־רוקטער קאָזאקן־פייע, מיט בוהײַ־קראפט אין באפרײַטן רירעװודיקן אקסל... יידן אפּ די װאָגנס טוליען זיך איינער צום אנדערן, קוקן מיט גרויל אפּ די סאָלדאטנס לאכנדיקע ציין, שרעקן זיך פארן אָפענעם װאָרט

„זשיד" און זיינען זיך עפּעס ווי טויע, קענען עפּעס אַלץ ניט פאַר־שטיין" („שטורעם־טעג", 17־16).

אין אָט דעמדאָזיקן בילד איז בולעט אויסגעדריקט סיי דעם שרייבערס מיטגעפיל צו א פאָלק — צו א גאנצן פאָלק, אייגנטלעך, — וואָס האָט זיך באפרייט פונעם יאָך פון צאר־און פּאָרעץ, און סיי זיין שרעק פאַר אָט דער באפרייונג, די שרעק פאַר „טעמפּע פּענעמער" און „בוהיי־קראַפט".

דאָסדאָזיקע בילד האָט, עמעס, א שייכעס צו דעם „ערעוו" פון דער אָק־טיאבער־רעוואָליוציע, ווען באָטשקאָ טרעט צום ערשטן מאָל ארויס אפ דער ארענע. אָבער אויך די ווייטערדיקע געשעענישן אין דער דערציילונג, וועלכע קומען פאָר, ווען באָטשקאָ איז שוין א באָלשעוויק, וואָס באהאלט זיך אויס פון די דייטשן, ווערן דורכויס געשילדערט אונטער אָט דעם סטיכיישן בליק אפ דער רעוואָליוציע. דורכויס טרעפן מיר דאָ בילדער פון העפקער, פון כורבן, דורכויס פילן מיר דאָ דעם רייעך פון זנוס, — א זאך, וואָס אין בערגעלסאָנס פריערדיקע ווערק האָבן מיר עס ניט געזען.

שוין גלייך אפן ערשטן זייטל, ווו עס טרעטן ארויס די צענטראַלע פּער־סאָנאזשן פונעם ווערק — באָטשקאָ און זיק, — טרעפן מיר אן עראָטיש בילד.

„זיי האָבן ניט אופגעהערט צו ווארפן יעיצער־האָרע־אייגעלעך צום רויטן קורצן קליידל און צו די פארביקע רויטע פיס, וואָס זיינען נאַ־קעט איבער די קניען. זיקס אומרויקע שווארצאפל האָבן זיך געקוויקט:

— א פּאָר יאָדערדיקע פּיסלעך... פון גאָט, אז?" („שטורעם־טעג", 14־13).

באָטשקאָס געליבטע, פראָסיע, ווערט אזוי געשילדערט:

„... דאָס איבערשטע ליפּל איז בא דעם געווען א פולבלעכס, א פאַרקאשערטס, אזוי, אז טונקעלע ליידנשאפטלעכע ציינדלעך האָבן פון אונטער דעם ארויסגעקוקט פריילעך, מיט א בייסיק־צאפּלענדיקן באגער און מיט כיישעק אונטערצווינקען:

— שעם זיך ניט, נארעלע... נו... גיכער... גיכער..." („שטורעם־טעג", 155).

דורך דידאָזיקע ספּעציעל־אונטערגעשטראָכענע עראָטישע מאָמענטן וויל דער שרייבער דעמאָנסטרירן דאָס געפיל פון כאָאָס און העפקער, וואָס האָט בא־הערשט זיינע פערסאָנאזשן.

איינצלנע עראָטישע בילדער און אויסדרוקן טרעפן מיר אויך אפ די זייט־לעך 17, 18, 19, 35, 36, 38, 48.

אויך בילדער פון וועלט־העפקער און וועלט־כורבן טרעפן מיר דורכויס אינעם ווערק.

„בלינדע פינטלדיקע ווייסלעכער (פון די בעטלערס — מ.) האָבן, ווי טאָמיד, געשראָקן מיט מערידעוודיקן יאָם־האדין, מיט אוילעם־האבעדיקן צאר און צאָרן, מיט בלוט, וואָס וועט פארשווענקען א זינדיק־ווערעמ־דיקע וועלט" („שטורעם־טעג", ז. 20).

אָדער אזא בילד:

„בא די שייד־וועגן אפ די ווײַטע סלופעס זײַנען געווען אָפּגעמעקט די שילדן, און אז מע האָט געוווט אונטער זיי און אז מע האָט פארן ווײַטערדיקן גיין א קוק געטאָן אפ זיי, האָט זיך געדאכט — זיי זאָגן: — גיי וווהין דו ווילסט און ווער דו ווילסט. דערפער האָבן מער קיין נעמען ניט, און מענטשן — אויך. שפאן איבער דער לענג און איבער דער ברייט" (דאָרטן, 39). און ווײַטער:

„ס'האָט א בלאָז געטאָן א ווינטל צווישן די ביימער, ס'האָט געגו־מען טריפן א קלעפיק רעגנדל... האָבן זיי פארן שמאָלן וועג דאָרט בא־קומען פורכט און ניט געוווסט, וווהין ער פירט: אין אן אויסבאהאלטנ־זינדיק ערטל, צי עפשער צו א צאדיק ניסטער, וואָס וועט זיך אָט־אָט ארויסרוקן און וועט מאצל זײַן די וועלט" (דאָרטן, 41).

אָט די אלע כורבן־בילדער מיט זייער ביבליש־רעליגיעזער סימוואָליק דער־נעענטערן בערגעלסאָנען אין א וואָסער ניט איז מאָס צו אזוינע רוסישע בורזשואזע שרײַבער, ווי אלעקסאנדער בלאָק, באָריס פילניאק א. אנד, וואָס האָבן אופגענומען די אָקטיאבער־רעוואָליוציע ווי א סטיכיע, ווי א „שטורעם־ווינט", ווי א „יאָם־האדינ", וועג ס'ווערט געמישפעט און כאָרעוו געמאכט די וועלט, קעדיי דורכ דעם זי ריינ מאכן פון אירע זינד און זי אויסלייזן און אופריכטן. דערדאָזיקער „אפאָקאליפטישער" צוגאנג צו דער רעוואָליוציע איז א באווײַז, אז בערגעלסאָן האָט זיך נאָך דאן געפונען אין א היפשער מאָס אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע, אונטער דער ווירקונג פון די פאָגראָמען אפ אוקראינע, און אָט דאָס האָט געשטערט דעם שרײַבער ריכטיק אופצונעמען די העלדן און געשעענישן פון דער רעוואָליוציע.

2

דידאָזיקע וואקלדיקע באציִונג צו דער רעוואָליוציע דויערט בא בערגעל־סאָנען ביז 1926 יאָר. אין 1926 יאָר קומט פאָר אן איבערבראָך אין בערגעל־סאָנס וועלט־אָנשויונג. דער שרײַבער צערײַסט ענדגילטיק מיט דעם יידישן נא־ציאָנאליסטישן זומפ אין אויסלאנד און הייבט אָן שארפ צו פארקערעווען אין לאגער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אין דעמדאָזיקן יאָר גיט בער־געלסאָן ארויס אין בערלין דעם „סמענאָוועכישן" זשורנאל „אין שפאן", ווו ער דרוקט דעם אָנהייב פון „מידאס־האדינ" און אויך א ריי פובליציסטישע ארטיקלען. אין א גרויסן פובליציסטישן ארטיקל „דרײַ צענטרען" דערווײַזט בערגעלסאָן, אז ניט אין פוילן, ניט אין אמעריקע, נאָר אינעם ראטנפארבאנד איז מעגלעך דער וווקס און פאנאנדערבליִונג פון דער יידישער ליטעראטור און קונסט. בערגעלסאָן הייבט דאָ אָן צו רעווידירן זײַן אייגן ביזרעוואָליר־ציאָנער שאפן גופע, וואָס באפרידיקט שוין איצט, אפאָנעם, ניט דעם שרײַבער.

„דאָס איינטאָניקע יידישע לעבן, — שרײַבט דאָ בערגעלסאָן, — האָט ביכלאל אונטערגערוקט דער נײַער יידישער ליטעראטור אן איינטאָניקן

גראָבן מאַטעריאַל, וואָס שליסט אויס די פאַרביקייט פון קלאַסן, פאַרשמע־
לערט דעריבער ביז דערוואָרגן צו ווערן דעם יידישן פּראָזע־שרײַבערס
דיאַפּאַזאָן און באַגרענעצט ביז גאָר זײַן אינטויטיוון אויסוואַל פון טיפּן".
און ווײַטער זעצט בערגעלסאָן פאָר:
„גאָר אַנדערע פּערספּעקטיוון האָט אָבער איצט די יידישע ליטעראַטור
אין סאָוועטן־רוסלאַנד. די איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקע־
רונג, דער אומפאַרמײַדלעכער דראַנג צו פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס ווערט
איר דיקטירט מיצאַד די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד,
פאַרניכטעט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער די גרויע יידישע איינטאָניקייט
און פילט אָן דאָס יידישע לעבן מיט אַלץ מער און מער פאַרבן..." „גע־
זאַנג פון אַרבעט און פון קידעש־האַשעם פאַר וועלט־באַפרײַונג, — שרײַבט
דאָ ווײַטער ד. בערגעלסאָן, — דאָס וועט זײַן דער אינהאַלט פון דער
נײַער יידישער קונסט אין סאָוועטן־רוסלאַנד... נו, און חורבן?... חורבן
פון יידישע מאַסן, וואָס פילן אָן די אונטערגייענדיקע יידישע שטעט־
לעך און זײַנען דורך דעם נײַעם לעבן אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָ־
נאָמישע פּאָזיציעס?... געוויס, אויך חורבן וועט אַרום זיך דער נײַער
יידישער קינסטלער זען, אומפאַרמײַדלעכן הימל־שרײַענדיקן חורבן —
מידאַס־האַדין, רויט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָרעמקייט און נויט,
שרעקלעכער וויי געשריי פון אומקום — דאָס אַלץ, נאָר מיט אַ פּער־
ספּעקטיוו פון אַ נײַעם יונגן אויפבליִען, מיט אַ געזיכערטער האָפענונג אַף
רעגלמעסיקן פאַמעלעכן, עפשער זייער פאַמעלעכן אויפלעבן".
דאָ טרעט בערגעלסאָן אַרויס ווי אַ מיטלויפער, וואָס די אָקטיאַבער-רע־
וואָליוציע אינטערעסירט אים הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס זי האָט ענטגילטיק
געלייזט די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פון די יידישע מאַסן בכּ־
לאַל און די פּראָבלעם פון יידישער קולטור און ליטעראַטור בפּראַט. דער
נאַציאָנאַלער מאָמענט דאָמינירט דאָ צופיל בײַ בערגעלסאָנען און פאַרשטעלט
פאַרן שרײַבער די פיל ברייטערע צוועקן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.
ד. בערגעלסאָן האָט אָבער דאָ באַוויזן, אַז ער שטעלט זיך פעסט אַף די פּאָ־
זיציעס פון דער ראַטנמאַכט און אָקטיאַבער. מיר זעען דאָ קלאָר, וויאַזוי
בערגעלסאָן הייבט אָן אויסצולעבן די גוואַלדיקע אידעאָלאָגישע צעצווייטקייט
און צעשפּליטערטקייט, וואָס האָבן געדריקט אַפן שרײַבער אין די ערשטע רע־
וואָליוציע־יאָרן. די דערפאָלגן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, די פּראָדוק־
טיוויזיר־פּראָצעסן אין דער יידישער סוויווע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן
אַנטוויקלען פון 1924־טן יאָר אָן מיט אַ באַזונדער אינטענסיווקייט, האָבן
אויסגעלערנט בערגעלסאָנען צו באַנעמען די איינהייטלעכקייט פונעם
„חורבן" און אויפבליִונג. ער הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז דער „חורבן" איז
בלויז אַ צײַטווײַליקע און אומפאַרמײַדלעכע דערשײַנונג אַפן וועג פון אויפבלי,
וואָס קומט פאָר אינעם ראַטנפאַרבאַנד אומופהערלעך, און אָט דידאָזיקע אויפ־

בלי־פּראָצעסן האָבן געווירקט אפן שרײַבער, אז ער זאָל זיך איינגאַנצן אויס־קערעווען מיטן פּאָנעם צו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

צוזאַמען מיטן באַנעמען דעם נײַעם אינהאַלט פון דער ליטעראַטור האָט זיך געמוזט ענדערן אויך בּערגעלסאָנס קוק אפן דער ראָליע פון דער ליטעראַטור. די ליטעראַטור, פאַרשטייט איצט בערגעלסאָן, איז ניט בלויז א פּאַסיווע אָפּשפּיגלונג פון געוויסע לעבנס־דערשײַנונגען, נאָר אויך א מיטל פון אידעאָלאָגישער אָפּווירקונג, א מיטל פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף. אינעם 2־טן נומער „אין שפּאַן", אינעם אָפּטייל „ביבליאָגראַפיע", קריטיקירט בערגעלסאָן די אַמעריקאַנער אינזיכיסטן, וואָס פרײדיקן די טעאָריע פון „קונסט לעשעם קונסט".

„ווערטער זײַנען געגעבן געוואָרן, — שרײַבט דאָ ווײַטער בערגעל־סאָן, — אפּ צו צעקריגן זיך, אפּ שאָלעם צו ווערן, אפּ אונטערצוהעלפן אָדער אפּ שטערן איינער דעם אַנדערן, אָבּער ניט אפּ צו שפּילן זיך מיט זיי".

אָט דערדאָזיקער נײַער אַקטועל־רעוואָליוציאָנערער צוגאַנג צום קינסטלע־רישן וואָרט האָט געצווונגען בערגעלסאָנען אַקטיווער אײַנצושליסן זיך אין דער נײַער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, און דער שרײַבער הייבט אָן צו קומען פאַר דער עפנטלעכקייט מיט א ריי נײַע ביכער.

מירן זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אפּ די ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אינעם ראַטנפאַרבאַנד — אפּ „שטורעם־טעג" און „מידאַס־האַדינג".

3

„שטורעם־טעג" איז א זאַמלונג דערציילונגען. די גרעסערע דערציילונג פונעם בוך איז „בירגער־קריג", וואָס עפנט די זאַמלונג.

די דערציילונג „בירגער־קריג" מיט אן אונטערקעפּל „קאַפּיטלעך", שטעלט מיט זיך פאָר א וואַריאַנט פון „באָטשקאָ", וואָס מיר האָבן דאָ פריער גענוי פאַנאַנדערגעקליבן.

אין פאַרגלײַך מיטן ערשטן וואַריאַנט איז די דערציילונג באַדײַטנדיק פאַר־גרעסערט געוואָרן. עס איז דאָ צוגעקומען גאַנצע 2 קאַפּיטלעך — דאָס ערשטע קאַפּיטל („אין פאַר־פייסעכדיקן אָקער שטייען מידלעך צו די פערד") און דאָס לעצטע קאַפּיטל („אַלעקסאַנדראָווקע"). דאָס צווייטע קאַפּיטל איז דערגאַנצט געוואָרן צום סאָף מיט א זײַטל, וואָס פאַרענדיקט זיך מיטן זאַץ „ער האָט גע־בענקט קיין דאָרעם — געגאַנגען איז ער אפּ צאָפן". דאָס קעפּל פונעם צווייטן קאַפּיטל קלינגט אויך אזוי — „מע בענקט קיין דאָרעם, און מע גייט קיין צאָפן" (אין „באָטשקאָ", אגעוו, האָבן די קעפּלעך ביכלאַל געפעלט). אָבער אויך אינעם וואַריאַנט פון „שטורעם־טעג" איז דידאָזיקע דערציילונג פאַרבליבן בלויז אין קאַפּיטלעך, פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט.

בא די אַלע פעלערן, וואָס מיר האָבן אויבן פאַרצייכנט אין „באָטשקאָ", טרעפן מיר דאָך שוין דאָ שאַרפע רעמאָזים אפּ בערגעלסאָנס איבערבויונג און

דערנעענטערונג צו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ד. בערגעלסאָנ הייבט זיכ אָנ ביסלעכווייז באפרייענ פונעמ פאָגראָמענ־קאָשמאַר, וואָס האָט פריער אפ אימ געדריקט. אינ דער דערציילונג „בירגער־קריג“ הייבט אָנ בערגעלסאָנ צו באַנעמענ דעמ סאָציאַלנ זינענ פונ די פאָגראָמענ. די פאָגראָמענ ווערנ דאָ געשילדערט היגטנ־ארומ, דערביי ניט ווי א נאַציאָנאַלע טראַגעדיע, נאָר ווי איינער פונ די מאָמענטנ פונעמ בירגער־קריג. שילדערנדיק פראָסיעס גיפטיקנ האס צו די ייִדנ, דעקט בערגעלסאָנ איינציַיטיק אופ, וויאַזוי פראָסיע ווערט עקספּלואַטירט דורכ א פאָרשטייער פונ דער ייִדישער בורזשואַזיע. ביכלאַל איז די קאַוואָנע פונעמ שרײַבער אינ „בירגער־קריג“ געווענ — צו באַוויַיזנ די ווערעמדיקײַט פונ דער אַלטער וועלט אונ די באַרעכטיקונג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ, די הערצאָיק פונעמ בירגער־קריג. באַזונדערס איז עס צו זענ אינ די צוויינײַע קאַפּיטלעכ פונ דער דערציילונג, וואָס זײַנענ צוגעקומענ צומ ערשטנ „באָטשקאָ“־וואַריאַנט (ערשטער אונ פערטער קאַפּיטל). אינעמ 1־טנ קאַפּיטל זעענ מיר בערגעלסאָנס אָפּשטויס־געפיל צומ ייִדישנ באַלעגופ, צומ באַלעבאָס פונ קרעטשמע, צומ „פליסיק־פארבלאָזנ קנויל“, וואָס פרייט זיכ מיטנ אָנקומ פונ די דײַטשנ. אינעמ לעצטנ קאַפּיטל האָבנ מיר א פרווו — עמעס, ניט איבעריקס קיינ געלונגענעמ — צו שילדערנ א שטעטלשנ באָלשעוויק, לייזערקע דעמ רויפעס.

די הערצאָיק פונעמ בירגער־קריג שילדערט בערגעלסאָנ אויכ אינ „איינעמס א וועג“, „אפ הונדערט איינטער וויאָרסט“ א. אנד. „איינעמס א וועג“ שטעלט מיט זיכ פאָר ווי א פאָרזעצונג פוג „בירגער־קריג“ סײַ לויט דער אידיי, סײַ לויטנ סיוזשעט. אויכ אבע בענקט קיינ דאָרעמ — צו דער קאַלע, אונ גייט קיינ צאָפנ — צו די באָלשעוויקעס. די גאנצע געשיכטע מיט אבענ, אונ באַזונדערס דער סאָפ, ווענ ער טרעפט זיכ מיט די פאָרשטייער פונעמ באָלשעוויסטישנ שטאַב, קאָנ אופגענומענ ווערנ ווי אנ עפּיזאָד פונ דער „בירגער־קריג“־דערציילונג.

אינ א ריי אנדערע דערציילונגענ — „צווישנ עמיגראַנטנ“, „א זעלטענער סאָפ“ אונ אנדערע — שילדערט בערגעלסאָנ דעמ אונטערגאַנג אונ צעלייגונג פונ דער ייִדישער בורזשואַזיע נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אזויארומ האָט בערגעלסאָנ אינ „שטורעמ־טעג“ אָנגעמערקט יענע צוויי גרונט־פראָבלעמעס — די הערצאָיק פונעמ בירגער־קריג אונ די דעמאַסקירונג פונ דער ייִדישער בורזשואַזיע, — וואָס ער האָט זיי שפעטער אפ א פאַנאַנדערגעוויקלטנ אויפנ געשטעלט אינ זײַנע וויַיטערדיקע ווערק.

„שטורעמ־טעג“ איז געווענ בערגעלסאָנס ערשטער קינסטלערישער שריט אפנ וועג צו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. א פיל וויכטיקערנ שריט אפנ דאָזיקנ וועג שטעלט מיט זיכ פאָר „מידאַס־האַדינ“.

צענטער קאפיטל

מידאס־האדינ.

1

„מידאס־האדינ״ שטעלט מיט זיכ פאָר א ביז גאָר וויכטיקנ שריט אפנ וועג פונ בערגעלסאָנס דערנעענטערנ זיכ צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אינעמ דאָזיקנ ווערק האָבנ מיר א ברייט פאנאנדערגעוויקלט בילד פונעמ גרויסנ קלאסנ־געראנגל, וואָס איז אָנגעגאנגענ אינעמ ראטנפארבאנד אינ דער צײַט פונעמ בירגער־קריג. אינ „מידאס־האדינ״ ווערנ ארויסגעפירט די פאָרשטייער פונ קימאט אלע געזעלשאפטלעכע קלאסנ אונ גרופעס, וואָס זײַנענ דעמלט געווענ באטייליקט אינ די קלאסנ־שלאכטנ אפ דער אָדער יענער זײַט באריקאדע. ד. בערגעלסאָנענ האָט זיכ דאָ אזויארומ צולעצט אײַנגעגעבנ צו שאפנ א ברייטנ אונ פארגאנצטנ לײַוונט וועגנ דעמ העראָישנ קאמפ פארנ אָקטיאבער, — א זאכ, וואָס אפ דעמ האָט זיכ דער קינסטלער פארמאָסטנ נאָכ אינ 1922־טנ יאָר — אינ דער דערציילונג „באָטשקאָ״, — אונ זייער לאנג ניט געקאָנט עס פארווירקלעכנ, דערפירנ ביזנ סאָפ.

דער אונטערשייד אָבער צווישנ „באָטשקאָ״ — „בירגער קריג״ אונ „מידאס־האדינ״ איז ניט בלויז קיינ קאמעסדיקער. דאָ, אינ „מידאס־האדינ״, האָט זיכ געביטנ אינ גרונט בערגעלסאָנס באציִונג צו דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. אינ פעריִאָד פונ דער „באָטשקאָ״־דערציילונג, אינ די יאָרנ 1922—23, איז סײַ בערגעלסאָנס צוגאנג צו דער רעוואָליוציע, סײַ דער קינסטלערישער מעטאָד זײַנער געווענ נאָכ אינ טאָכ א בורזשואזער. ד. בערגעלסאָנ האָט דאנ באנומענ די רעוואָליוציע ווי א סטיכיִע, אונ געשילדערט האָט ער זי אינ זײַטיקע אונ אָביעקטיוויסטישע טענער. בא דער גאנצער בעפיירעש פּאָזיטיווער שטעלונג צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס מיר טרעפנ אינ דער דערציילונג „בירגער־קריג״, בא די אלע פרווונ צו דעמאסקירנ די פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע אינ דערדאָזיקער דערציילונג, פעלט אָבער דאָס וויכטיקסטע. עס פעלט דער באוווסטזײַנ פונ דער אָרגאניזירנדיקער אונ שעפערישער ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. עס פעלט דאָס גלייבנ אינ די קויכעס פונעמ ארבעטער־קלאס, דאָס גלייבנ אינ דעמ, אז דער פראָלעטאריאט איז פייִק ניט בלויז אופצורײַסנ די אלטע קאפיטאליסטישע אָרדענונג, וואָס צו איר האָט זיכ ד. בערגעלסאָנ באצויגנ מיט א היפשער מאָס קריטיק נאָכ אינ זײַנע ביזרעוואָליוציִאָנערע ווערק, — נאָר אויכ אופצושטעלנ אפ אירע כורוועס א נײַע אונ בעסערע אָרדענונג.

אָט דערפונ שטאמט בערגעלסאָנס אָביעקטיוויזמ אינ דער דערציילונג „בירגער־קריג״. דערדאָזיקער אָביעקטיוויזמ טרעט דאָ ארויס סײַ אינ דעמ אלגעמיינעמ טאָנ פונ דער דערציילונג, סײַ אינ דער שילדערונג פונעמ צענטראלנ פערסאָנאזש, פונ וולאדימיר באָטשקאָ, א שרײַבער א ליריקער, — מײַדט דאָ בערגעלסאָנ גראָד אויס צו אנטפלעקנ זײַנ אינערלעכע באציִונג צו די

געשילדערטע געשעענישן. א מײַסטער א פּסיכאָלאָג,— מײַדט דאָבערגעלס אָן גראָד אויס צו שילדערן די אינערלעכע איבערלעבונגען פונעם הויפּט־פּערסאָנאַזש. וולאַדימיר באַטשקאָ טרעט ארויס פאר אונדז דעריקער אין טאַט, דערבײַ ווערן זײַנע מײַסים זייער קנאַפּ מאָטיווירט. עס ווערט ניט אופגעדעקט מיט דער גע־העריקער קלאָרקייט באַטשקאָס שטעלונג צו די ארומיקע געשעענישן. אָט דערפאר איז ערטערווײַז שווער צו באשטימען, ווער איז, אייגנטלעך, באַטשקאָ— א באנדיט אָדער א באָלשעוויק.

— „דעריקער איז, וואָס קוילען דאַרף מען...“

דער אָביעקטיוויזם איז געווען דאָ בא בערגעלסאָנען, ווי א מין ברייטער מאַנטל, וואָס אונטער אים האָט דער שרײַבער געפּרווט צו באהאַלטן זײַנע דעמלטיקע ספּייקעס און וואקלעניש, די גוואַלד־ריסן און לאַטעס פון זײַן דעמלטיקער אידעאָלאָגיע.

אזוי האָבן אויך דעם אָביעקטיוויסטישן מעטאָד באנוצט און געפּריידיקט א גרופּע בורזשואַזע רוסישע שרײַבער, די אזויגערופענע „סעראַפּיאָנאָווער ברי־דער“, אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (נ. ניקיטין, מ. סלאָנימסקי, מ. זאָשטשענקאָ פון זייער ערשטן שאַפונג־פּעריאָד און דער טעאָרעטיקער פון דערדאָזיקער גרופּע ליעוו לונץ).

דער גרויסער ווערט פון „מידאַס־האַדינ“ באשטייט דערום אין דעם, וואָס דאָ וואַרפט זיך בערגעלסאָן אראָפּ דעם מאַנטל פון אָביעקטיוויזם, און פאר אונדז טרעט ארויס ווידער — בערגעלסאָן דער ליריקער, בערגעלסאָן דער אוו־טער פון „ארום וואָקזאַל“, „נאָך אלעמען“ און „אָפּגאַנג“. אָבער וואָס פאר א גוואַלדיקער מעהאַלעך טיילט אָפּ בערגעלסאָנען פון „מידאַס־האַדינ“ פון דעם ביזרעוואָליוציאָנערן בערגעלסאָנען.

בערגעלסאָנס לירישער מיטגעפיל איז שוין איצט ניט אפּ דער זײַט פון דער „אָפּגאַנג“־וועלט, נאָר אפּ דער זײַט פון דער נ ײַ ע ר וו ע ל ט, וואָס קומט אופּ מיט דער רעוואָליוציע. די ליריק פון „מידאַס־האַדינ“ איז ר ע וו אָ ל י ו־צ י אָ נ ע ר ע ליריק. מיט אינטימקײַט און עמאָציאָנעלער אָנגעשטרענגטקײַט שיל־דערט איצט בערגעלסאָן ניט די כאַים־מוישעס מיט די מיילעכס, נאָר די פאָר־שטייערס פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, די טרעגער פונעם „מידאַס־האַדינ“, וואָס פירן צום אומקום די אלטע וועלט.

די „אָפּגאַנג“־טעמע, וואָס ארום איר איז דער קינסטלער ארומגעגאַנגען אין מעשעך פון קימאַט זײַן גאַנצן ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן און האָט זי בע־שומויפן ניט געקאָנט ברענגען צו אן ענדגילטיקער דערלייזונג, אָט די טעמע האָט איצט באקומען א „זעלטענעם סאָף“. ווי אין בערגעלסאָנס דערציילונג אונטערן זעלביקן נאָמען (אינעם בוך „שטורעם־טעג“), טראָגט דאָ, אין „מידאַס־האַדינ“, דער שרײַבער ארויס זײַן אורטייל איבער דער אלטער וועלט. דער „אָפּ־גאַנג“ באקומט דאָ א נײַעם פּאָן, א נײַעם אינהאַלט און א נײַע באַרעכטיקונג און באַזיניקונג, — דאָס איז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די אלטע, פאַרברודיקטע,

„פּאַרטונקלטע" וועלט גייט ניט אָפּ, נאָר מע גייט זי אָפּ, מע ברענגט זי אום. עס ברענגט זי אום די רעוואָליוציע, דער „מידאַס־האַדינג", דער טשעקיסט פּיליפּאָוו. עס קומען אום דערביַי ניט די מיילעכס מיט די כאַים־מוישעס, נאָר די לעמבערגערס מיט די בערעזאָווסקיס. די אינטעליגענץ (יוזי ספּיוואַק) האָט שוין אַן אַנדער אויסוועג, איידער מיילעכס סאַם־פּודעלע. יוזי ספּיוואַק באַהעפט זיך צו דער אַקטיאַבער־רעוואָליוציע און ווערט איבערגעבוירן.

אָט אַזוי האָט בערגעלסאָן אָפּ אַן אייגנאַרטיקן, אָבער פֿאַר אים זייער אַ נאַטירלעכן אופן געמאַכט אין „מידאַס־האַדינג" זיַין לעצטן שריט צו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

מירן איצט איבערגיין צום אַנאַליז פֿון „מידאַס־האַדינג" גופֿע.

2

וועגן דער ניט־געלונגענקיַיט פֿון דער צענטראַלער פֿיגור אין „מידאַס־האַדינג" איז שוין פֿיל גערעדט געוואָרן אין אונדזער מאַרקסיסטישער קריטיק. פּיליפּאָוו אין בערגעלסאָנס שילדערונג איז מער ענלעך אויף אַן אינדיווידואַליסטיש־אידעאַליסטישן מאַרטירער, וואָס איז זיך „מאַקריוו לעטויוועס האַקלאַל", איידער אויף אַן אַרבעטער אַ קאָמוניסט, וואָס אָרגאַניזירט די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף קעגן דער קאָנטער־רעוואָליוציע.

די פֿאָרשטעלונג וועגן פּיליפּאָוון, ווי וועגן אַ מאַרטירער, ווערט געשאַפֿן אָט וויאַזוי. אין פּיליפּאָווס געשטאַלט טרעטן באַזונדערס אַרויס דריַי שטריכן.

דער ערשטער שטריך — דאָס איז פּיליפּאָווס אַסקעטיזם, זיַין אַבסאָליוטע אויסגעטאָנענקיַיט פֿון יעטווידע מענטשלעכע פֿאַרלאַנגען. פּיליפּאָוו דאַרף גאָרניט ניט — ניט קיין גוט עסן, ניט קיין שיינעם פֿערד, ניט קיין געזונט אַפֿילע. מיט דער גרעסטער נאַכלעסיקיַיט באַציט זיך פּיליפּאָוו צו זיַינע געשווירן, וואָס פֿאַרשאַפֿן אים גרויסע ווייטיקן און שלאָפֿלאָזיקע נעכט, און ער טראָגט אַרום זיַין פֿאַרבאַנדאַזשירטן האַלדז, ווי אַ שווערן יעסורים־קרייץ. טאָמער ברענגט מען אים שוין יאָ אַ דאָקטער, באַשטייט פּיליפּאָוו אויף דעם, אַז מע זאָל דעם דאָקטער פֿירן אויך צו די אַרעסטירטע, ניט אַנדערש, כאָטש די כאַווערטע סאַשע דערקלערט, אַז צווישן די אַרעסטירטע איז קיינער ניט קראַנק. פּיליפּאָוו דערווידערט איר:

> „אַלציינס... כ'האָב געזאָגט: מע דאַרף ניט קיין דאָקטער. האָסטו אים אַהער אַראָפּגעבראַכט, טאָ פֿיר אים, זיַי מויכל, אויך אַהין... אין די קאַמערס" („מידאַס־האַדינג", 87).

אַזאַ מין אַסקעטיזם און הומאַניזם איז אָנגעמאָסטן פֿאַר אַ טאָלסטאָוועץ אָדער פֿאַר אַ לאַמעדוואָווניק, אָבער בעשומויפֿן ניט פֿאַר אַ באָלשעוויק.

דער צווייטער שטריך, וואָס טרעט אַרויס אין פּיליפּאָווס געשטאַלט, דאָס איז זיַין אַבסאָליוטע איינזאַמקיַיט און אָפּגעזונדערטקיַיט פֿון אַלעמען. פּיליפּאָוו איז אין בערגעלסאָנס שילדערונג אַבסאָליוט אָפּגעריסן פֿון די אַרו־

מיקע ארבעטער אונ פויערים. נאָכ מער: אימ גיט זיכ אפילע ניט איינ איינ־צושטעלנ א נאָענטנ קאָנטאקט מיט דער גרופע מיטארבעטער, וואָס רינגלט אימ פערזענלעכ ארומ. שוינ גלייכ פונ די ערשטע זייטנ פונ „מידאס־האדינג״ ווערט אָנגעמערקט דער קידער־ווידער אונ די אָפּגעפרעמדטקייט, וואָס סע הערשט צווישנ פיליפּאָוונ מיט זיינע אונטערגעאָרדנטע. וואָס פאר א מיטלענ נעמט אָנ פיליפּאָוו, קעדיי צו באזייטיקנ די אָנגעצויגנקייט אונ די רייבונגענ אינ זיינע באציִונגענ מיט זיינע מיטארבעטער? קיינע מיטלענ. נישט ער פּרוּווט זיכ ווירקנ אפ זיי מיט רייד, נישט ער פּרוּווט זיי באזייטיקנ אונ פאר־בייטנ מיט אנדערע, מער פּאסיקע. ער באמיט זיכ בלויז אינ געוויסע פאלנ צו טונ אלצ אליינ. איינער אליינ פאָרט ארויס פיליפּאָוו באנאכט צו היטנ די וועגנ, איינער אליינ פאָרט ער ארומ איבער די דערפער צו אגיטירנ קעגנ די עסערנ, איינער אליינ לאָזט ער זיכ אוועק אויכ אינ זיינ לעצטנ וועג אפ אויסצושפּירנ אושאקס באנדע — אונ קומט דאָרט אומ.

ס'איז קלאָר, אז אזא ארט האנדלענ האָט קיינ שומ שייכעס ניט מיט דער האנדלונג פונ א באָלשעוויק, וואָס אָרגאניזירנ די ארומיקע ארבעטער אונ פויערימ, וועלכע רינגלענ אימ אומיטלבאר ארומ, צומ קאמפ פארנ קאָמוניזמ — מוז שטענדיק זיינ זיינ צענטראלע אופגאבע.

דער דריטער שטריכ פיליפּאָווס, וואָס איז ענג פארבונדנ מיטנ צווייטנ שטריכ, דאָס איז זיינ אייגנארטיקער אריסטאָקראטיזמ. בא פיליפּאָווס גאנצער פּראָסטקייט אונ צוטריטלעכקייט שילדערט אימ דאָכ בערגעלסאָנ ער־טערווייז ווי א מענטשנ אנ אויסטערלישנ אונ אויסדערוויילטנ, וואָס פילט זיכ פיל העכער פונ אלע ארומיקע. דידאָזיקע אויסטערלישקייט טרעט ארויס אינ פארשיידענע ערטער פונעמ בוכ — אמאָל דורכ דער אופּפאסונג פונ אנדערע פּערסאָנאזשנ אונ אמאָל אומיטלבאר, אינ דער שילדערונג פונ פיליפּאָוונ גופע.

מארפושע, די ראָמערנ פונ דער קאנצעליאריע אינ קאמינע־באלקע, קוקט ארופ צו דער וואנט, ווו עס געפינט זיכ פיליפּאָוו, „ווי צו א הייליק בילד״ („מידאס־האדינג״, 7). אזוינע שטעלנ טרעפנ מיר נאָכ אינ איינקע ערטער פונ „מידאס־האדינג״.

אָט וויאזוי עס טרעט ארויס פיליפּאָוו פאר יוזי ספּיוואקנ.

„...אקעגנ, ניט ווייט פונעמ דריטנ גאנצ באזונדערנ טיש זיצט צו אלעמענ מיטנ רוקנ פיליפּאָוו; זיינ קאָפּ מיטנ באנדאזשירטנ נאקנ — נאָכגעהאנגענ, ווי אינ שלאָפ. זיינע הענט שפּארנ זיכ פעסט אָנ די קניִענ, אונ אינגאנצנ זעט ער אויס, ווי א זייטיקער, וואָס אימ איז לאנגווייליק אונ וואָס ער איז אנ איבעריקער — אינ ערגעצ, אינ ערגעצ אפ דער וועלט האָט ער איצט ניט וואָס צו טונ" („מידאס־האדינג״, 134, אונטערגעשטראָכנ דורכויס פונ אונדז — מ.).

איז אָט, אנ אָנפירער פונ א טשעקא־אָפּטייל באמ גרענעצ, וואָס דארפ נעמענ אפנ פארהער איינעמ פונ די אקטיווסטע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערנ אינ

דער געגנט, זעט אויס, ווי „א זײַטיקער“, ווי אַן אויסטערלישער מענטש, וואָס לאַנגווײַליקט זיך און וואָס זעט פאַר זיך בכלל קיין פּלאַץ ניט אַף דער „זינדיקער“ ערד.

מיטן רוקן צו אַלעמען און ווי אַ זײַטיקער טרעט אַרויס פיליפּאָוו ניט בלויז אין דער באַציִונג מיט קלאַסנפֿײַנט, נאָר אַפילו אין זײַנע באַציִונגען מיט די מיטאַרבעטער, מיט די אָרעמפּויערים, און בכלל שטענדיק און דורכויס. „—אַז־אָך־און־ווײ, אויב צווישן אײַך אַלע בין איך דאָ דער איינציקער“ („מידאַס־האַדינג“, 237). אָט דערדאָזיקער געפיל פון אַזאַ, וואָס שטייט איבער אַלעמען, דער געפיל פון אַן איינציקן און אויסדערוויילטן שטערט פיליפּאָוון צו שטעלן זיך ווירקלעך אין שפּיץ פון די אָרעמיקע אַרבעטער און פּויערים און מיט זייער הילף בײַקומען דעם קלאַסנסוינע.

די ניט־געלונגענקייט פון דער צענטראַלער פיגור אין „מידאַס־האַדינג“ שטאַמט פון דעם, וואָס אויך אין עם דאָזיקן ווערק האָט נאָך בערגעלסאָן ניט בײַגעקומען ביזן סאָף די פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער רעוואָליוציע, ווי וועגן עפּעס אַ בלינדער סטיכיייִשער זאַך, ווי וועגן עפּעס אַ פאַטאַלישן מידאַס־האַדינג. דער באָלשעוויק פיליפּאָוו קומט דאָ אום בײַ בערגעלסאָנען „אַל קידעש האָרעוואָליוציע“. ער קומט אום אַף אַזאַ מין אופן, ווי, לאָמיר זאָגן, דער פּאַסטער בראַנדט אין איבסענס דראַמע. ער קומט אום ווי אַ העלד, וואָס שטייט העכער און אויסער די מאַסן, וועלכע באַנעמען ניט, אַז דערדאָזיקער העלד איז זיך „מאַקריוו“ פאַר זייערטוועגן און וויל זיי ברענגען „אויסלייזונג“.

אָט דידאָזיקע רעשטן פונעם אַבסטראַקט־אידעאַליסטישן באַנעמען די רעוואָליוציע האָבן געשטערט בערגעלסאָנען צו דערשפּירן און שילדערן די רעוואָליוציאָנערע קראַפט פון די מאַסן, וואָס בלויז מיט זיי און דורך זיי איז די רעוואָליוציע געקומען צום זיג.

3

ניט געקוקט אָבער אַף אָט די גוואַלדיקע פעלערן, שטעלט מיט זיך „מידאַס־האַדינג“ פאָר זייער אַ וויכטיקן שריט אין בערגעלסאָנס דערנענטערן זיך צו דער פּראָלעטאַרישער וועלטאָנשויונג. אין „מידאַס־האַדינג“ האָט בערגעלסאָן אוועקגעשטעלט אין צענטער פונעם ווערק,—אויב מיר וועלן זיך אָפּווענדן פון דער ניט־אײַנגעגעבענער פיליפּאָוו־געשטאַלט,—די זעלביקע סוויווע און די זעלביקע פּערסאָנאַזשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין צענטער פון „נאָך אַלעמען“ און פון „אָפּגאַנג“. אויך דאָ, אין „מידאַס־האַדינג“, פּרעוואַלירן די געשטאַלטן פון דער שטעטלשער אינטעליגענץ—יוזי ספּיוואַק, דאָקטער באַביצקי, די ברידער פּאָקראַס, סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ, דער צײַנדאָקטער גאַלאַגאַנער א. אנד. אָבער גראָד די אינטעליגענץ ווערט דאָ געשילדערט ניט אין אַבסטראַקטע הומאַניסטישע טענער, נאָר, פאַרקערט, עס ווערט דאָ קלאָר אויפגעדעקט איר ענגער צוזאַמענבונד מיט דער אָנגרײַפנדיקער קאָנטער־רעוואָליוציע. אָנשטאָט די פּעסימיסטישע און סאָציאַל־דעזאָריענטירטע געשטאַלטן פון מיילעך און כאַים־

מוישע, וואָס שטייענ אָנ א זײַט פונעמ לעבנ, וואָס זײַנענ ניט צופרידנ מיט דער בורזשואזיע אונ מיטנ לעבנ ביכלאל, זעענ מיר די אינטעליגענצ אינ „מידאס־האדינ“ ווי אזא, וואָס פארנעמט באשטימטע קעמפערישע פּאָזיציעס אפ דער זײַט פונ די קלאסנסאָנימ פונ דער רעוואָליוציע. אפילע דער סאמע „זײַטיקסטער“ צווישנ דידאָזיקע פערסאָנאזשנ,—דער דאָקטער באביצקי,—העלפט פאקטיש מיט די עסערנ. אינ דער שילדערונג פונ דער אינטעליגענצ איז אזויארומ געקומענ קלאָר צומ אויסדרוק בערגעלסאָנס קלאסעווער צוגאנג צו די געשילדערטע געשעענישנ אונ זײַנ קאטעגאָרישע פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער רעוואָליוציע.

די אינטעליגענצ ווערט דאָ ארויסגעבראכט אינ א גאנצער ריי קאָלאָריטע אונ שטרענג־דיפערענצירטע געשטאלטנ, אָנגעהויבנ פונ אזוינע אקטיווע אונ פארביסענע סאָנימ פונ דער רעוואָליוציע, ווי סאָפיא פּאָקראָווסקאיא, די בלאָנדע אונ אנדערע, אונ ענדיקנדיק מיט יוזי ספּיוואק, וואָס גייט אריבער אפ דער זײַט פונ דער רעוואָליוציע. אינ דער געשטאלט פונ יוזי ספּיוואק, וואָס דערמאנט, אגעוו, שטארק אָנ כאיִמ־מוישענ, האָט בערגעלסאָנ באוויזנ, אז די בעסערע פאָרשטייער פונ דער אינטעליגענצ מוזנ זיכ פריִער אָדער שפּעטער אָנקניפּנ אָנ דער ראטנמאכט.

א קארדינאלע ענדערונג האָט בערגעלסאָנ ארײַנגעטראָגנ אויכ אינ זײַנ באציִונג צו די פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע. אינ די פריִערדיקע ווערק האָט בערגעלסאָנ קריטיקירט די בורזשואזיע פונ מאָראלישע, אינ טאָכ גענומענ, פונ בורזשואזע פּאָזיציעס. אינ „מידאס־האדינ“ אָבער ווערט די בורזשואזיע באוויזנ אינ איר סאָציאלער שעדלעכקײַט. מיר האָבנ דאָ א ריי געשטאלטנ פונ דער שטעטלשער בורזשואזיע, ווי ארל לעמבערגער, כײַקל בערעזאָווסקי אונ אנדערע, וואָס ווערנ ארויסגעוויזנ אינ זייער גאנצנ קאָנטר־רעוואָליוציאָנערנ מעהוס. דאָס ביסל דערעכערעצ, וואָס בערגעלסאָנ פארמאָגט נאָכ, אינעמ פעריאָד פונ „מידאס־האדינ“, פאר לעמבערגערס לאָמדעס (אינ „באמ דניעפּער“ וועט שוינ בערגעלסאָנ דעמאסקירנ די צוויִעס, וואָס ליגט אינ דערדאָזיקער לאָמדעס גופע), פארדעקט ער דאָכ ניט לעמבערגערס מעהוס ווי א בורזשוא א ספּעקוליאנט, וואָס זײַנ געלטגיריקײַט ברענגט אימ צו די גרעסטע פארברעכנס קעגנ דער רעוואָליוציע.

דאָס זעלביקע איז אויכ מיט כײַקל בערעזאָווסקי. כײַקל בערעזאָווסקי, ווענ ער דערהערט וועגנ די עסערנ, וואָס גרייטנ אנ אופשטאנד, איז ער גרייט אפילע אקטיוו קומענ זיי צו הילפ, אבי פּאָטער ווערנ פונ די באָלשעוויקעס אונ באקומענ צוריק די זעגמיל. „אז מע וויל זײַנ א שוטעפ, דארפ מענ עפּעס ארײַנלייגנ אינ געשעפט“, אזוי טײַנעט כײַקל צו די איבעריקע שטעטלשע גווירימ („מידאס־האדינ“, ז. 218). ד. בערגעלסאָנ קערט זיכ דאָ אנטשיידנ אָפּ פונ די לעמבערגערס מיט די בערעזאָווסקיס אונ בארעכטיקט דעמ שטרענגנ אורטייל פונ דער רעוואָליוציע איבער זיי.

גאָר א באזונדער נײַס אינ בערגעלסאָנס שאפנ שטעלט מיט זיכ פאָר די

עפּיזאָדישע, אָבער זייער געלונגענ־אָנגעצייכנטע פיגור פונעם ארבעטער־מיידל אינ „מידאס־האדינ". ד. בערגעלסאָנ האָט דאָ צום ערשטנ מאָל אָנגעמאָלט א פיגור פונ א שטעטלדיקנ אקטיווע ארבעטער, וואָס אָרגאניזירט ארום זיכ די הינטערגעסלעכ אינ קאמפ קעגנ דער קאָנטער־רעוואָליוציע. דאָס ארבעטער־מיידל מיטנ רויטנ טשיפּעקל, דער רויטארמייער פינקע און ווייל און יוזי ספּיוואק ווערנ דער אָרגאניזירנדיקער קערנ, וואָס צעמענטירט די שטעטלדיקע האָרע־פּאשניקעס און די אָרעמשאפט ארום דער ראטנמאכט.

4

אינ זינענ פונ סטיל האָבנ מיר נאָכ אינ „מידאס־האדינ" זייער פיל רעשטנ פונעם טיפּיש בערגעלסאָנישנ איספּרעסיאָניזמ, וואָס וועגנ אימ האָבנ מיר אויבנ דעטאל גערעדט. אויכ אינ „מידאס־האדינ" האָבנ מיר דעמ לירישס־סובּ־יעקטיווע טאָנ. אויכ דאָ הערשט דער צענטראלער פּערסאָנאזש — פּיליפּאָוו — איבערנ גאנצנ ווערק. אויכ דאָ ווערט דער פּייזאזש און די זאכנ געשילדערט אינ דער שטימונג פונעם צענטראלנ פּערסאָנאזש. אויכ דאָ טרעפנ מיר גאנצ אָפּט דעמ לאנגאָנעדיק צעצויגענעמ זאצ, וואָס פּארענדיקט זיכ מיט אנ אָפּ־געהאקטער אפאָריסטישער פראזע, ווי מיר האָבנ דאָס געזענ אינ „נאָכ אלעמענ" און אינ „אָפּגאנג". אויכ דאָ ווערנ די געשעענישנ זייער אָפּט אי־בערגעגעבנ אפּ א זייטיקנ אויפנ, אָפּט דורכ קלאנגענ, שמועסנ, ווי אינ בערגעל־סאָנס פריערדיקע ווערק. אָבער אָט די אלע עלעמענטנ פונ בערגעלסאָנס פריערדיקנ סטיל ווערנ אפּ אנ אנטשיידענעמ אויפנ אופגעבראָכנ אינ „מידאס־האדינ", און אפּ די שפּליטערנ פונ די אלטע סטיל־עלעמענטנ זעענ מיר דורכויס יונגע שפּראָצלינגענ פונ גאָר א נייעמ סטיל.

וועגנ דעמ נייעמ כאראקטער פונ בערגעלסאָנס ליריזמ אינ „מידאס־האדינ" האָבנ מיר שוינ אויבנ גערעדט: דאָ האָבנ מיר צו טונ מיט א נייער ליריק, מיט ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע ר ל י ר י ק, וואָס פּארמאָגט אינ זיכ פּאפּאָס פונ קאמפ אָנשטאָט דער אונטערגאנג־ליריק פונ בערגעלסאָנס פריערדיקע ווערק.

ניי זיינענ אויכ בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשנ אינ „מידאס־האדינ". נישט געקוקט אפּ דעמ, וואָס זייער פיל פּערסאָנאזשנ דערמאָנענ לויט זייערע גרונט־שטריכנ די פּערסאָנאזשנ פונ בערגעלסאָנס פריערדיקע ווערק, פּארמאָגנ זיי דאָכ שוינ פיל נייע שטריכנ, וואָס גיט צו זייער כאראקטער גאָר אנ אנדער ווענדונג. קימאט אלע פּערסאָנאזשנ פונ „מידאס־האדינ" ווייזנ ארויס א היפּשע אקטיווקייט און באוועגלעכקייט. אלע האָבנ זיי א קלאָרנ יאָ און ניינ. אלע האָבנ זיי א באשטימטע באציונג צו די ארומיקע רעוואָליוציאָ־נערע געשעענישנ און ווייזנ ארויס דידאָזיקע באציונג אינ די אָדער יענע טאטנ. דאָס וויכטיקסטע נייס אָבער אינ זינענ פונ פּערסאָנאזש אינ „מידאס־הא־דינ" באשטייט אינ די גאָר נייע פיגורנ, וואָס בערגעלסאָנ פירט דאָ ארויס, אינ די פיגורנ פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס פּארנעמענ דא א גאנצ אָנגעזעענ

אָרט (שמועל וואָלצעס, די פיגורן פון די באַלעגאָלעס, די פויערים־געשטאַלטן און, באַזונדערס, די געשטאַלט פונעם רעוואָליוציאָנערן אַרבעטער־מיידל).

קוקן מיר זיך צו צום פּייזאַזש אין „מידאַס־האַדין", זעען מיר, אַז אויך דאָ האָט בערגעלסאָן אַרײַנגעטראָגן אַ נײַעם ניואַנס. כאָטש ס'קאָן אויסזעַען אויפן ערשטן בליק, אַז דער פּייזאַזש און בכלל דער אַלגעמיינער פּאָן אין „מידאַס־האַדין" איז דער זעלביקער, וואָס אין „נאָך אַלעמען" און אין „אָפּגאַנג". מיר וועלן פאַרצייכענען אַזאַ זייער כאַראַקטעריסטישע דעטאַל. אין „נאָך אַלעמען" און אין „אָפּגאַנג" איז דער פּייזאַזש מערסטנטייל אַ האַרבסטיקער, אַ רעגנדיקער. די נאָגנדיקע שטימונג פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזש ווערט דערפירט צו איר העכסטער מאַדרייגע צומיינסטנס דורכן אומופהערדיקן דריבנעם רעגנדל. דאָ אין „מידאַס־האַדין" אָבער הערשט שוין די זאַווערוכע, עס הערשן שוין דאָ שנייען, וואָס באַמיִען זיך צו פאַרשיטן און פאַרניכטן די אָרומיקע קויטיקײַט און ברודיקײַט, אין דער צײַט ווען אין די פריִערדיקע ווערק איז די גרויקײַט און כמורנעקײַט געשילדערט געוואָרן ווי אַן אומפאַרענדערלעכע, אַ שטענדיקע. מירן ברענגען איין בײַשפּיל.

„... איינציקע שנייעלעך האָבן דאַן שוין נאָר געפלאַטערט אין דער לופט, געבלאָנדזשעטע לינקס, געבלאָנדזשעטע רעכטס, ווי אַפּ אופצוהערן, נאָר באַטאָג האָבן זיי פּלוצים ווידער אַ שאָט געגעבן זייער דריבנע און זייער געשווינד. אין קאַמענע־באַלקער כמאַרנעם ווינקל האָט נאָכאַמאָל געשמיסן מיט זאַווערוכע און פון דער זאַווערוכע אַרויס האָט זיך צו גאָליכאָווקע דערנענטערט אַן אָנגעזאָטלטע שקאַפּע" („מידאַס־האַדין", ז. 67־66).

אַזוי שילדערט בערגעלסאָן פּיליפּאָווס אָנקום קיין גאָליכאָווקע. פּיליפּאָוו ברענגט קיין גאָליכאָווקע די זאַווערוכע. אָט דידאָזיקע פאָרשטעלונג וועגן דער רעוואָליוציע, ווי וועגן אַ סטיכיע, האָט געבראַכט בערגעלסאָנען, ווי דער־מאָנט שוין, צו גרויסע שטרויכלונגען אין עם ווערק, אָבער די זאַווערוכע מיט די שנייען פירן דאָך צו דער פאַרניכטונג פון דער אַלטער פאַרברודיקטער און פאַרקויטיקטער וועלט, און דאָס טראָגט אַרײַן אַ נײַעם, אַ מונטערן טאָן אין דער שילדערונג און גיט צו דער קויטיקײַט פונעם פּאָן גאָר אַן אַנדערן, אַ רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער, איידער אין בערגעלסאָנס פריִערדיקע ווערק.

אין „מידאַס־האַדין" טרעפן מיר אויך נײַע עלעמענטן אין דער שפּראַך. די נײַע פּערסאָנאַזשן, וואָס בערגעלסאָן פירט דאָ אַרויס, קומען מיט זייער אייגענער שפּראַך, וואָס מיר האָבן זי ביז אַהער אין בערגעלסאָנס ווערק ניט געהערט. אָט איז אַ בײַשפּיל:

— „נעכע, הער אוף... הער אוף צו קאַוווטשען, זאָגט מען דיר...
נו, גוט, נעכע... מע וועט מיך דאָרט געוויס דערהאַרגענען, מע האָט מיך שוין דערהאַרגעט!.. הער אוף צו קאַוווטשען, דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?.. אָט צסאָטע איך דיר אַרויס די קישקעס, נעכע"...
(„מידאַס־האַדין", ז. 162).

אָט אַפּ אַזאַ „גראָבער" און פּראָסטער שפּראַך רעדט באַ בערגעלסאָנען שמועל וואַלצעס.

אַזוינע בײַשפּילן פון אַ בעקיוונדיקער אַראָפּנידעריקונג פונעם סטיל טרעפן מיר דאָ נאָך אין אַנדערע ערטער.

אָט אַזוי זעען מיר, וויאַזוי בערגעלסאָן רײַסט אויף אין „מידאַס־האַדינ" זײַן פריערדיקן אימפּרעסיאָניסטישן סטיל און הייבט אָן אַרײַנצוטראָגן אין זײַן שאַפן עלעמענטן פון אַ נײַעם מונטערן און רעאַליסטישן סטיל.

אין אַ פיל גרעסערער מאָס איז צו באַמערקן בערגעלסאָנס נײַעם אַרט שאַפן אין „באַם דניעפּער", וואָס צו דעם גייען מיר איצט אַריבער.

עלפטער קאַפּיטל.

„באַם דניעפּער".

דאָס בוך „באַם דניעפּער" („פּענעק") דעמאָנסטרירט דעם ווײַטערדיקן אידעאָלאָגישן און קינסטלערישן וווקס פון בערגעלסאָנס מײַסטערשאַפט. דאָסדאָזיקע בוך, דער ערשטער טייל, קאָנטיק, פון אַ גאַנץ גרויסער עפּאָפּייע, טראָגט אין אַ געוויסער מאָס אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. מיר האָבן דאָ צו טון, וואַרשײַנלעך, מיט קינסטלערישע מעמואַרן, ווו דער שרײַבער האָט, צוליב פאַרשיידענע סיבעס, פאַרקאָנספּירירט דיווירקלעכע נעמען פון זײַנע פּערסאָנאַזשן, וואָס ער האָט זיי גענומען אומיטלבאַר פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקײַט. דערויף זאָגן איידעס פיל אויטאָרישע רעמאַרקעס אין די פאַרשיידנסטע טיילן פונעם בוך. און דאָך האָבן מיר באַקומען אַ געדיכטע ריי פּערסאָנאַזשן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר ניט בלויז געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, „מענטשלעכע דאָקומענטן" פון דער ניט־לאַנגער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר טיף־קינסטלערישע, אַלזײַטיק און איבערצײַגנדיק געשילדערטע געשטאַלטן און פיגורן, וואָס האָבן אַ פיל וויכטיקערן פּאַראַלגעמיינערנדיקן באַטײַט און שטײַגן ווײַט אַריבער זייער עפּאָכע.

און נאָך אַ מאָמענט, וואָס טיילט אויס אָט דאָס בוך פון אַנדערע קינסטלערישע ווערק, וועלכע האָבן צו טון מיט געשיכטלעכן מאַטעריאַל. אינעם דאָזיקן בוך פעלט אַבסאָליוט יענע סענטימענטאַלקײַט, אידילישקײַט און אידעאַליזירונג, וואָס מיר טרעפן צומיינסטנס באַ אַ קינסטלער, ווען ער רירט זיך צו צו דער פאַרגאַנגענהײַט, צו זײַן קינדהײַט־פּעריאָד באַזונדערס. גענוג צו דערמאָנען אַזוינע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי מענדעלעס „שלוימע רעב־כאַיִמס", שאָלעם־אַליינעמס „פונעם יאַריד", פּערעצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", אַשס „קידעש־האַשעם". „באַם דניעפּער" איז, פאַרקערט, געשריבן מיט דער פולסטער ניכטערקײַט און מיט דער שטרענגסטער קריטיק קימאַט צו אַלע פּערסאָנאַזשן, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעפירט.

דערדאָזיקער באזונדערער כאראקטער פונ „פענעק" שטאמט פונ דער באזונדערער טענדענצ פונעמ ווערק אונ פונעמ באזונדערנ פלאצ, וואָס דאָסדאָזיקע ווערק פארנעמט אינ בערגעלסאָנס גאנצנ שאפנ. „פענעק" האָט בערגעלסאָנ געשריבנ ניט *ווי א סאכאקל* פונ זײַנ לעבנסוועג, ווי דאָס איז געווענ, אשטייגער, מיט „שלוימע רעב־כאימס" אונ „פונעמ יאריד" בא מענדעלענ אונ שאָלעמ־אלייכעמענ. „פענעק" איז *א צענטראלער פונקט אינ דער נײַער ווענדונג*, וואָס בערגעלסאָנס שאפנ האָט אָנגענומענ פאר די לעצטע יאָרנ. „פענעק" שטעלט מיט זיכ פאָר א געזעצמעסיקנ אונ ביז גאָר וויכטיקנ רינג אינ יענער ריי ווערק בערגעלסאָנס, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט „שטורעמטעג" אונ ווערט פאָרגעזעצט מיט „מידאס־האדינ" אונ וואָס באטײַט א נײַעמ עטאפ אינ זײַנ שאפנ. בערגעלסאָנס שאפנ הייבט זיכ דאָ אָנ דורכדרינגענ מיט א נײַער געזעלשאפטלעכער אָריענטאציע, אנ אָריענטאציע אפ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אונ אָט די נײַע אָריענטאציע האָט געבראכט, האָט געמוזט ברענגענ בערגעלסאָנענ צו דעמ, אז ער זאָל איבערשאצנ פונ זײַנ נײַעמ שטאנדפונקט אויכ די ניט־לאנגע פארגאנגענהײַט, וואָס ער האָט זי געשילדערט אינ זײַנע פריערדיקע ווערק. אָט דידאָזיקע ספעציעלע אויפגאבע האָט בערגעלסאָנ פארווירקלעכט אינ „באמ דניעפער", אונ דאָס האָט באשטימט דעמ גאנצנ כאראקטער אונ די באזונדערע טענדענצ פונ בערגעלסאָנס נײַ ווערק.

אונ ס׳איז פאלש צו מיינענ, אז וויבאלד דאָס ווערק פארמאָגט א בולטע טענדענצ, קאָנ עס שוינ מעמיילע נישט זײַנ קינסטלעריש. אויכ „מילכאָמע אונ שאָלעמ" פונ ליעוו טאָלסטוי — איינע פונ זײַנע גרעסטע, אויב ניט די סאמע גרעסטע קינסטלערישע דערגרייכונג זײַנע, — האָט א בולטע טענדענצ, וואָס דרינגט דורכ דאָס גאנצע ווערק. אויכ פערעצעס אײַנגעגעבנסטע ווערק — די „פאָלקסטימלעכע געשיכטנ" — זײַנענ געשריבנ מיט א ספעציעלער טענדענצ, ווי מיר האָבנ עס אויבנ געזענ. לויט פערעצעס מעלדונג גופע, זײַנענ די „פאָלקסטימלעכע געשיכטנ" געווענ „א באוווסטזיניקע סאָציאל־יידישע ארבעט, אונטערגענומענ צומ צוועק צו פארייניקנ די פארגאנגענהײַט דורכ דער קעגנווארט מיט דער צוקונפט". די „פאָלקסטימלעכע געשיכטנ" האָבנ געזאָלט קינסטלעריש פארקערפערנ פערעצעס נײַע ווענדונג, זײַנ ווענדונג צו דער בורזשואז־נאציאָנאליסטישער אונ אידעאליסטישער קולטור, וואָס האָט אימ געבראכט אזש צומ בארג סינײַ...

פונקט א פארקערטע טענדענצ האָט פארקערפערט בערגעלסאָנ אינ „פענעק": בערגעלסאָנ שאצט איבער די פארגאנגענהײַט גראָד פונעמ שטאנדפונקט פונ דער פראָלעטאריש־רעוואָליוציאָנערער אידעאָלאָגיע. בערגעלסאָנ צערײַסט דאָ די לעצטע פענטעס, וואָס בינדנ אימ מיט דער בורזשואזיע. ער רײַסט דאָ אראָפ די מאסקעס פונ יענע קלאסנ, וואָס ער האָט זיי רעאביליטירט אונ אידעאליזירט אינ זײַנע ביזרעוואָליוציאָנערנ שאפנ. אונ שוינ דאָ, טאקע אינ „פענעק" גופע, פארקניפט בערגעלסאָנ די נײַע פעדעמ, וואָס דארפנ

פאַרבינדן זײַנע שאַפן אומיטלבאַר מיט די קאַמפן, מאַפּאָלעס און ניצחונעס פונעם פּראָלעטאַריאַט, מיטן לעבן און קאַמף פונעם יונגן און מעכטיקן קלאַס, וואָס באַצווינגט און בויט איבער די וועלט.

בערגעלסאָנס נײַ בוך האָט, אַזױאַרום, אַ צווייענדיקע אױפגאַבע: ערשטנס, עס דאַרף איבערשאַצן די פאַרגאַנגענהײַט פון יענע שיכטן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין צענטער פון זײַן ביזרעוואָליוציאָנערן שאַפן. פאַקטיש באַטײַט עס אַ רעוויזיע, אַ קינסטלערישע רעוויזיע קימאַט פון אַלע ביזרעוואָליוציאָנערע ווערק בערגעלסאָנס. צווייטנס, עס דאַרף אָנמערקן טאַקע אין דער פאַרגאַנגענהײַט שוין — די ערשטע באַפרײַונג־קאַמפן און קריסטאַליזיר־פּראָצעסן פון יענעם קלאַס, פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס אויף אים איז אָריענטירט בערגעלסאָנס שאַפן פון דער לעצטער צײַט.

1

דעם הויפּט־געוויכט אין „פּענעק" האָט בערגעלסאָן געלייגט אויף דער ערשטער אױפגאַבע. אינעם ערשטן בוך פון „באַם דניעפּער" האָבן מיר דעריקער פאַרגעשטעלט די ייִדישע בורזשואַזיע. די צענטראַלע פּערסאָנאַזשן פון בוך געהערן צו דער בורזשואַזיע. בכלל, דאָס גאַנצע ספּעציפישע געוויכט פונעם בוך איז געווענדט אויפן „הויז", אויף דער פאַמיליע פון מיכאָעל לעווינ. און דאָס איז פאַרן נײַעם עטאַפּ פון בערגעלסאָנס שאַפן אַ גאַנץ נאַטירלעכע און אפילו אומפאַרמײַדלעכע דערשײַנונג, ווײַל אין בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע ווערק האָט די ייִדישע בורזשואַזיע, ווי מיר האָבן אויבן געזען, פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט. די וויכטיקסטע ווערק, וואָס בערגעלסאָן האָט געשאַפן פאַר דער רעוואָליוציע — „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אין פאַרטונקלטע צײַטן" און אויך „אָפּגאַנג" אין אַ היפּשער מאָס, האָבן צו טון דעריקער מיט דער ייִדישער אונטערגייענדיקער און אויפגעקומענער בורזשואַזיע. די אונטערגייענדיקע בורזשואַזיע שילדערט בערגעלסאָן דורכויס מיט אַ געפיל פון טיפער סימפּאַטיע. דער אומקום פון דערדאָזיקער בורזשואַזיע מיט איר אַלטער און אָפּגעלעבטער קולטור ווערט אויפגענומען אין בערגעלסאָנס ווערק שיר ניט, ווי דער אומקום און „אָפּגאַנג" פון גאָר דער וועלט... די אויפגעקומענע בורזשואַזיע, פאַרקערט, ווערט געשילדערט אין דער מערהײַט ווערק בערגעלסאָנס נעגאַטיוו. דידאָזיקע בורזשואַזיע שילדערט בערגעלסאָן צומייַנסטנ מיט אַ געפיל פון אַ טיפן עקל. דאָך אָבער טרעפן מיר אין בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָנערע ווערק ניט ווייניק פיגורן אויך פונעם דאָזיקן שיכט, וואָס רופן אַרויס צו זיך אַ געוויסן רעספּעקט און אַמאָל אפילו אַ געפיל פון באַהאַלטענער סימפּאַטיע.

נאָך דער רעוואָליוציע האָט בערגעלסאָן אָנגעהויבן ביסלעכווײַז רעווידירן זײַנע פריִערדיקע שטאַנדפּונקט. די אַקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָס איר זינען און טאָך הייבט בערגעלסאָן אָן צו באַנעמען וואָס ווײַטער אַלץ קלאָרער און טיפער,

צווינגט אים איבערצושאצן זײַן צוגאנג צו די געזעלשאפטלעכע קויכעס, וואָס ווירקן אינעם לעבן בא דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. שוין אין „שטורעם־טעג" און אין „מידאס־האדין" שילדערט אונדז בערגעלסאָן די פּאָרשטייער פון דער בורזשואזיע דורכויס אין נעגאטיווע שטריכן, ווי מיר האָבן עס נאָר וואָס געזען. דער אומקום פון דער בורזשואזיע ווערט געשילדערט, ווי אַ אומבאדינגט נויטווענדיקער עטאפּ אין דער אופשטעלונג פון דער נײַער געזעלשאפט. אין „פּענעק" אָבער ווענדט בערגעלסאָן זײַן בליק אפּ צוריק און קאָנצענטרירט זײַן אופמערקזאמקײַט אפ די שיכטן פון דער יידישער בורזשואזיע אין דער ניט־ווײַטער פארגאנגענהײַט. אינעם דאָזיקן ווערק גיט אונדז בערגעלסאָן אַ ברייט־צעוויקלט בילד פון דער יידישער בורזשואזיע אין די 90־ער יאָרן פונעם פּאָריקן יאָרהונדערט. דאָ אנטקרוינט בערגעלסאָן פולקום די הורוויצעס, שורס און ראפּאָפּאָרטס, וואָס אין זײַנע פריערדיקע ווערק האָט ער זיי אויסגעדריקט מיטגעפיל און סימפּאטיע.

די אנטוויקלונג און אנטבלויזונג פון מיכאָעל לעווינס הויז ווערט דאָ פארקערפּערט אפּ פארשיידענע אויפאנים. ערשטנס, ווערט עס געטאָן דורך דער שילדערונג פון דער צענטראלער פיגור אינעם ווערק, דורך פּענעקן. פּענעק, מיכאָעל לעווינס מעזינעק, האָט ניט באקומען קיין כיין אין די אויגן פון זײַן אייגענער מוטער, איז דאָס אליין גענוג, אז ער זאָל באהאנדלט ווערן, ווי אַ שטיפ־קינד. דערבײַ ווערט פּענעק געשילדערט סײַ פייַקער, סײַ קליגער און פילבארער פון זײַנע אלע אנדערע שוועסטער און ברידער, — און דאָך באגייט מען זיך דאָ מיט אים אפּן סאמע אכזאָריעסדיקן אויפן. פּענעק איז אין שטוב קימאט ניט פארעכנט פאר קיין קינד. אז מע זאָגט „די קינדער", הייסט עס בלויז בלומע און פאָלעק, זײַנע עלטערע ברודער און שוועסטער. דערדאָזיקער פאקט אליין דעקט שוין אופ די גאנצע ווילדקײַט, ווילקירלעכקײַט און אכזאָריעסדיקײַט, וואָס הערשט אינעם „הויז". דער גאנצער סיידער פונעם לעבן אין „הויז", וואָס אין זײַן שפּיץ שטייט אזא איידעלער לאמדאָנישער מעפונעק, ווי מיכאָעל לעווין, דערלויבט דאָך, אז דאָ זאָל דערלאָזט ווערן די גרעסטע אוולע און די אומזיניקסטע און אכזאָריעסדיקסטע באהאנדלונג גראָד מיטן בעסטן מיטגליד פון דער פאמיליע. דורך דער שילדערונג פון די צווישנבאציונגען צווישן פּענעקן מיטן „הויז" סימוואָליזירט אונדז, אפּאָנעם, בערגעלסאָן, אז אין דעם פּעריאָד, ווען די בורזשואזיע הייבט אָן פולן און צעלייגן זיך, קאָן זי שוין בא זיך ניט אײַנהאלטן די בעסערע מיטגלידער פון אירע אייגענע רייען אפילע, און דידאָזיקע בעסערע פּאָרשטייער פון דער בורזשואזיע הייבן אָן ביסלעכווײַז איבערצוּוואנדערן אין דעם לאגער פונעם פּראָלעטאריאט.

די דעמאסקירונג פונעם „הויז" ווערט דאָ, צווייטנס, דורכגעפירט אומיטלבאר דורך דער כאראקטעריסטיק פון דער לעווין־מישפּאָכע גופע. דאָס גאנצע „הויז", אויסער מיכאָעל לעווין, ווערט דאָ געשילדערט אין נעגאטיווע שטריכן. בערגעלסאָן דעקט דאָ אופ די גאנצע נישטיקײַט אין גײַסטיקע אָרעמקײַט פון

לעווינס זין און טעכטער, די גאנצע טעמפּקייט, באגרענעצטקייט און צוויִעס פון מיכאָעל לעווינס פרוי, דעם גאנצן הארטנעקיקן דעספּאָטיזם און עגאָיִזם, די קליינלעכע טיראניע פון לעווינס טאָכטער, פון שיינדלען דער גרויסער. אפילע מיכאָעל לעווינ גופע, וואָס ווערט געשילדערט ערטערווײַז מיט געוויסער סימפּאטיע, ווערט דאָ דורכויס דעמאסקירט אין בוך, ווי א ספּריטנער סויכער, וואָס איז מיט לײַב און לעבן ארײַנגעטאָן בלויז אין איינס — אין דער יאָגעניש נאָך נײַע מיסכאָרים און פארדינסטן.

דער דריטער אויפן פון דעמאסקירן דאָס „הויז" ווערט דאָ פארווירקלעכט דורכ דער שילדערונג פון דער קיכ און פון די הינטערגעסלעכ. בערגעלסאָן באווײַזט אונדז דאָ דאָס „הויז" איינצײַטיק אין זײַנע ביידע „עטאזשן" — די עקספּלואטאטערס צוזאמען מיט די עקספּלואטירטע. זייער אָפּט באלויכט בערגעלסאָן די געשעענישן און פּערסאָנאזשן פונעם „אייבערשטן שטאָק" מיט דער קיכ-שײַן, און דערדאָזיקער שטאָק באווײַזט זיכ דאן פאר אונדז אין זײַן ווירקלעכער, ניט באפּוצטער געשטאלט.

נאָכ א גרעסער פּלאצ פארנעמען דאָ די הינטערגעסלעכ. די שילדערונג פון די הינטערגעסלעכ גייט אינעם ווערק דורכויס פּאראלעל מיט דער שילדערונג פונעם „הויז". דאָס לעבן פון די הינטערגעסלעכ קאָנטראסטירט און מאכט בולעטער די סאָציִאלע פיזיִאָנאָמיע פון דעם „הויז". איינצײַטיק ווערט דאָ באוויזן די אויסבילדונג פון די יונגע ייִדישע פּראָלעטאריער, די אָנטיילנעמער פון די קומענדיקע רעוואָליוציִאָנערע שלאכטן. דאָ, אין די הינטערגעסלעכ, ווערן באוויזן יענע אָנוואקסנדיקע קרעפטן, וואָס קומען יארשענען דאָס „הויז" אפ דער געזעלשאפטלעכער ארענע. דער טויט פון מיכאָעל לעווינען און דאָס באהעפטן זיכ פון פענעקן מיט די הינטערגעסלעכ צום סאָפ ווערק סימוואָליזירט דעם כורבן פונעם „הויז" און דעם אופקום פון די הינטערגעסלעכ, פון דער נײַער פּראָלעטארישער געזעלשאפט.

מיר וועלן איצט באטראכטן גענויער אלע אויבנ־אָנגעמערקטע אויפאנים, וואָס דורכ זיי פארקערפּערט בערגעלסאָן די גרונט־אידיי פונעם ווערק.

2

די צענטראלע און מערקווירדיקסטע פיגור אין בערגעלסאָנס נײַעם בוכ איז פענעק. דידאָזיקע פיגור לאָזט זיכ נאָכ ניט גענוי כאראקטעריזירן, ווײַל אין פענעקן האָבן מיר א ביז גאָר ציקאווע איבערפלעכט פון אווטאָביִאָגראפישע, אָפּט ריין צופעליקע און שארפ אינדיווידואליזירטע עלעמענטן מיט אזוינע עלעמענטן, וואָס שטעלן מיט זיכ פאָר טיפּיזירטע פאראלגעמיינערונגען. אפ וויפל ס'איז פאר אונדז נאָכ ניט קלאָר פענעקס ווײַטערדיקער גורל, איז שווער צו אורטיילן וועגן דער אײַנגעגעבנקײַט און טיפּיזירטקײַט פון די אָדער יענע שטריכן אין פענעקס כאראקטער, וואָס אפן ערשטן בליק שײַנען זיי צו זײַן איבערגעטריבן, אויטרירט. די ספּעציִעלע טענדענצ פונעם בוכ, וואָס

ווענן איר האָבן מיר אויבן גערעדט, האָט אויך געמוזט מיטווירקן, אז אין פענעקס כאַראַקטעריסטיק זאָלן איינציקע מאָמענטן פאַרטושירט ווערן, אַנדערע, פאַרקערט, זאָלן אַרויסטרעטן באַזונדערס בולט אונטערגעשטראָכן. איינציקע אויטאָרישע רעמאַרקעס אינעם בוך זאָגן איידעס אַף דעם, אַז דער קינסטלער האָט ערטערווייז אין דער שילדערונג פון דערדאָזיקער פיגור מיטגעבראַכט אזוינע מאָמענטן, וואָס האָבן געקענט בא פענעקן רייף ווערן פיל שפּעטער. בערגעלסאָן שרייבט אין איין אָרט:

„עס מישן זיך יענע זומערס אין פענעקס זיקאָרן, עס געדענקט זיך ניט קלאָר, וועלכער איז געווען פריִער, וועלכער שפּעטער" („באַם דניעפּער", ז. 309).

און אין א צווייט אָרט:

„גאָר אַנדערש פּלאַטערן שנייעלעך דאָ אין די הינטערגעסלעך, ווו פון טיפוס פאַלן מענטשן, ווי שטרוי. זיי זאָגן אָן אַלדאָס בייז צו יענע, וואָס זיצן בא זיך אין די פיינע הייזער אין דער וואַרעם, — אזוי ווערט זיך דאַכטן פענעקן אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן" (דאָרטן, ז. 385).

דאָס זעלביקע אויך אַף ז. 366, 389, 457, 557 און אַנד. אזוי־אַרום מישן זיך דאָ איבער אינעם בוך פענעקס שפּעטערדיקע איבערלעבונגען, איינדרוקן און באַאָבאַכטונגען מיט די פריִערדיקע. די ענדגילטיקע כאַראַקטעריסטיק פון פענעקן ווערט ביזן סאָף אויסגעקלאָרט און פעסטגעשטעלט ווערן ערשט אין די ווייטערדיקע טיילן פון „באַם דניעפּער", ווען פאַר אונדז וועלן אַרויסטרעטן אין א פאַנאַנדערגעוויקלטער פאָרם פענעקס „שפּעטערדיקע יאָרן". אָבער שוין דאָ, אינעם ערשטן טייל, האָבן מיר אין פענעקן זייער א באַדייטנדיקע און שאַרף רעגנדיקע קינסטלערישע פיגור, וואָס שניידט זיך טיף איין אין זיקאָרן. אין דער שילדערונג פון דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער קינדערגעשטאַלט האָט זיך בערגעלסאָנס מייסטערשאַפט אַנטפּלעקט פון א נייער זייט. אין פיל סצענקעס שילדערט אונדז דאָ בערגעלסאָן די קינדערשע איבערלעבונגען פון פענעקן מיט אזא קראַפט, מיט אזא איבערצייגנדיקער פּאַרטיפּערונג, וואָס שטעלן אוועק דידאָזיקע זייטלעך צווישן די שענסטע און בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור (די סצענקע, אַשטייגער, ווי פענעק שטויסט זיך אָן צום ערשטן מאָל אַף זיין פאָטערס קרענק; פענעקס איבערלעבונגען אין דער נאַכט, ווען זיין שוואָגער כאַיִם שטאַרבט; פענעקס צוזאַמענשטויסן מיטן „הויז" אינעם טאָג פון ערעוו־ראָשעשאָנע; פענעקס געראַנגל מיט זיין מעלאַמעד שלוימע־דאָוויד און נאָך פיל אַנדערע).

דידאָזיקע קינדער־געשטאַלט איז, כוץ דעם, באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַרן נייעם עטאַפּ פון בערגעלסאָנס שאַפן, און דעריבער וועלן מיר זיך אַף אָט דער פיגור אָפּשטעלן פריִער פאַר אַלץ.

ס'איז זייער מערקווירדיק דער פאַקט, וואָס דאָוויד בערגעלסאָן האָט אין צענטער פון זיין נייעם ווערק אוועקגעשטעלט גראָד א קינד. אין בערגעל־

סאָנס פריִערדיקע ווערק האָבן מיר קיין קינדער קימאַט ווי ניט געהאַט *). אויב בערגעלסאָן האָט שוין יאָ פאַרכאַפּט אַ קינד אין זיין קינסטלערישער נעץ, האָט ער עס געשילדערט צומיינסטן אין אָפּשטויסנדיקע פאַרבן. די פּאָזיטיווע העלדן פון בערגעלסאָנס ביזרעוואָלוציאָנערע ווערק זיינען בכלל פּרוכטלאָז. וואָס אַנבאַלאַנגט די נעגאַטיווע העלדן, פאַרשפּרייט בערגעלסאָן זיין גרימצאָרן און אומכיין אויך אויף זייערע קינדער. דערמאַנט זיך, אַשטייגער, ווי אָפּשטויסנדיק ס׳ווערט געשילדערט שמוליק זיידענאָווסקיס קליין ברודערל, אָדער מיריאַם ליובאַשיצעס קינד מיט די גלעזערנע אייגעלעך. אין פּעריאָד פון „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" האָט בערגעלסאָן געזען פאַר זיך בלויז וועלקונג און אונטערגאַנג. ער האָט דערום ניט געקענט האָבן קיינע פּערספּעקטיוון פאַרן אונטערוואַקסנדיקן דאָר. דאָ, אין „בײַם דניעפּער" אָבער, איז בערגעלסאָן אָריענטירט אויף דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, און דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אוועקצושטעלן אין צענטער פונעם ווערק אַ קינד, פּעניקן.

און דאָס וויכטיקסטע: דאָסדאָזיקע קינד ווערט געשילדערט שוין גאָר אויף אַן אַנדער אופן ווי די פריִערדיקע ביזרעוואָלוציאָנערע פּערסאָנאַזשן בערגעלסאָנס. מיר האָבן דאָ צום ערשטן מאָל אין בערגעלסאָנס שאַפן אַ צענטראַלן פּערסאָנאַזש, וואָס איז גענומען פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט און וואָס טראָגט מיט זיך פון אָנהייב אָן די זוימען פון מוטיקן קעמפערישן פּראָטעסט.

פּראָטעסטירנדיקע פיגורן זיינען געווען אויך פריִער בײַ בערגעלסאָנען, אָבער די ביז־איצטיקע פּראָטעסטאַנטן בערגעלסאָנס, וואָס זיינען גענומען פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער טקופע, זיינען געווען פאַרמישפּעט אויף אומקום. דער פּראָטעסט זייערער ווערט געשילדערט ווי אַן אומנוציקער און פּרוכטלאָזער טאַט (דערמאַנט זיך אינעם „טויבן", אַשטייגער). „פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן"—דאָס איז געווען דער גרונט־געפיל פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן. און אויב אייניקע פון זיי האָבן זיך ווי ס׳ניט איז צוגעפּאַסט צום לעבן (ביינעש רובינשטיין, דער טאַלמעטוירע־פאַרוואַלטער פּרעגער, די קורסיסטקעס), אַנדערע לאָזן זיך אַוועק וואַנדערן (מירל הורוויץ, דער שרייבער הערץ) און אייניקע באַגייען זעלבסטמאָרד (מײַלעך),—פילן זיך אַלע אָן אויסנאַם אומבאַהאָלפן צו ענדערן עפּעס וואָס אין דער אַרומיקער סוויווע, וואָס שיינט פאַר בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן צו זיין אומפאַרענדערלעך. אין פּעניקן אָבער פירט אונדז בערגעלסאָן אַרויס אַ פּערסאָנאַזש, וואָס קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ מיט די אַרומיקע מיט דער גרעסטער איינגעשפּאַרטקייט. די גאַנצע קייט באַליידיקונגען, וואָס שיטן זיך אָן אויפהער אויף פּעניקס קאָפּ, צעברעכן

---

*) אויב ניט רעכענען דאָס קליינע, כאָטש זייער אינטערעסאַנטע פּײַסע־ביכל „פּײַוולס מײַסעס" ווי מיר האָבן שוין, אַגעוו, רעמאָזים אויף אייניקע פיגורן פון „בײַם דניעפּער".

אים ניט, נאָר, פארקערט, זיי שמידן אין אים אויס דעם ווילן צו קאמף און ווידערשטאנד.

און נאָך א מאָמענט: פענעק איז אין זײַן קאמף מיט די ארומיקע ניט אליין. בא די ערשטע געשלעגן מיט פאָלעקן און בלומען קומען אים די הינטערגעסלעך צו הילף (באָרעך נאכמען דעם פארבערס). אזוי אויך ווײַטער זוכט ער פאר זיך פארבינדעטע און געפינט זיי אין דער ארומיקער געזעל־שאפט. און אָט דידאָזיקע פארבינדעטע גיבן א מעגלעכקײַט צו טרייסטן זיך מיט דער האָפענונג, אז „עס וועט ניט געשענקט זײַן“. פון „פארפאלן, אלץ פארפאלן“, דער לייט־מאָטיוו פון בערגעלסאָנס פריערדיקע ווערק, צו א נײַעם קעמפערישן לייט־מאָטיוו — „עס וועט ניט געשענקט זײַן“ — אָט דאָס איז דער וועג, וואָס בערגעלסאָן האָט דורכגעמאכט פון זײַן ערשטן עטאפּ ביזן איצ־טיקן אָקטיאבערדיקן עטאפּ פון זײַן שאפן, פון „ארום וואָקזאל“ ביז „באם דניעפער“.

און ס'איז קלאָר, אז בערגעלסאָן האָט געקענט דערגרייכן צו זײַן נײַעם וועלט־באנעם בלויז דורך דעם, וואָס ער האָט קארדינאל געביטן זײַן וועלט־אָנשויונג. בלויז די אָריענטאציע אפן אָקטיאבער, בלויז די בעהאדראָגעדיקע, אָבער קאָנסעקווענטע איבערבויונג און איבערבאוואָפענונג, וואָס בערגעלסאָן האָט ארויסגעוויזן פאר די לעצטע יאָרן, האָבן אים געקענט באוואָפענען מיט יענעם האָפערדיקן אָפּטימיזם, מיט יענעם מוט און קראפט, וואָס זײַנען נײַ־טיק געווען פאר אָט דער גראנדיעזער איבערקערעניש אין זײַן שאפן. בלויז דידאָזיקע קארדינאלע איבעראָריענטירונג האָט מעגלעך געמאכט פאר בערגעל־סאָנען א קוק צו טון אף דער וועלט מיט די שטיפערישע, פריידיקע און האָפענונג־פולע אויגן פון א קינד, פון פענעקן.

דידאָזיקע שטיפערישקײַט און האָפערדיקײַט איז דער צווייטער שטריך, וואָס מיט אים צייכנט זיך אויס פענעק.

דער נײַער פערסאָנאזש בערגעלסאָנס קומט גלײַך ארײַן אין ווערק מיט א געפיל פון טיפער פרייד און לעבנס־לוסט.

אָט די פרייד מיט איר אומיטלבארער ניט־געצווימטער אופגעשפרודלט־קײַט און אופגעברויזטקײַט באומרויקט שטארק דאָס „הויז“. דער עלטסטער אין „הויז“, דער גוויר דער מאָרעשכוירעניק מיכאָעל לעווין, ווענדט זיך צו זײַן מעזינעק, צום זיבניאָריקן פענעקן: „איך בעט דיך: דערצייל מיר, וואָס איז אזוינס מיט דיר די געדולע... וואָס איז דיר אזוי פריילעך, וואָס טופעסטו אזוי? וואָס טאנצסטו אזוי... אדראבע, זאָג מיר אויס דעם סייכל, — איך וויל אויך זײַן פריילעך“ („באם דניעפער“, ז. 6). אָט דידאָזיקע פרייד און מונ־טערקײַט טיילט אויס פענעקן ביכלאל פון אלע בערגעלסאָנס ביזרעוואָליוציאָ־נערע פערסאָנאזשן. אין בערגעלסאָנס פריערדיקע ווערק האָט מען זיך ניט געפרייט, ניט געטאנצט און ניט געטופעט. אין אזא גרויסן ראָמאן, ווי „נאָך אלעמען“, באווײַזט זיך זעלטן, זעלטן ווען א שמייכל אפן לייענערס פּאָנעם,

און דאָ זײַנענ פיל זײַטלעכ איבערגעפולט מיט פרייד און מיט געזונטנ הומאָר. ס'איז ניט קיינ וווּנדער דערום, וואָס בערגעלסאָנס פּענעק דערמאַנט אונדז ערטערווײַז אינ שאָלעמ־אַלייכעמס מאָטל פּייסיס. פיל שטעלנ אינ „באַם דניעפּער", וואָס באַהאַנדלענ פּענעקנ, דערמאַנענ אָנ דערדאָזיקער שאָלעמ־אַלייכעמס קינדער־געשטאַלט: די שילדערונג, אַשטייגער, פונ פּענעקס באַציִונג צומ פּאָטערס טויט אינעמ סאָפּ בוכ, פּענעקס נייגונג נאָכצומאַכנ יענעמס טנועס און באַוועגונגענ און נאָכ אַנדערע. אייניקע שטעלנ זײַנענ אַפּילע ווי מאַמעש גענומענ בײַ שאָלעמ־אַלייכעמענ (זע, אַשטייגער, אַפּ זז. 50, 64, 68, 155, 255, 533, 535 און נאָכ אַנדערע). אינ גרונט האָבנ מיר אינ פּענעקנ גאָר אַנ אַנדער פיגור, איידער מאָטל פּייסיס. און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זײַנ, ווײַל מאָטל פּייסיס האָט שאָלעמ־אַלייכעמ ניט געהאַט וווּהינ צו פירנ. צערזעענדיק און אויסלאַכנדיק די אומנאָרמאַלקײַטנ אינעמ לעבנ פונעמ ייִדישנ קליינבירגערטומ אינ צאַרישנ רוסלאַנד, האָט שאָלעמ־אַלייכעמ ניט געזעענ פאַרנ דאָזיקנ שיכט קיינ שומ אויסוועג פונ אָט דער לאַגע. מאָטל פּייסיס אינעמ געוועזענעמ רוסלאַנד און מאָטל פּייסיס אינ אַמעריקע, מאָטל פּייסיס אַ קינד פונ פינפ יאָר און מאָטל פּייסיס אַ קינד פונ צענ, שוינ אַליינ אַ „באַל־פּאַרנאָסע", אַ פאַרדינער, זעט ער פאַר זיכ דורכויס די אומבאַהאָלפנקײַט פונ זײַנ ברודער עליענ מיטנ כאַווער פּיניענ און מיט נאָכ פיל אַנדערע עליעס און פּיניעס אינ זייערע באַמיִונגענ צו געפינענ פאַר זיכ אַ זיכער אָרט אינעמ לעבנ. שאָלעמ־אַלייכעמ לאַכט זיי דורכ מאָטלענ אויס, ער פאַרורטיילט זיי אָבער ניט און קענ זיי ניט פאַרורטיילנ. אַנדערש איז אָבער דאָ מיט פּענעקנ. דאָ ווייסט בערגעלסאָנ פונ טכילעס, פונוואַנענ און וווּהינ ער דאַרפ פירנ זײַנ העלד. בערגעלסאָנ מערקט אָנ פאַר זײַנ העלד אַ פיל וויכטיקערע און באַדײַטנדיקערע נעסיִע, ווי פונעמ צאַרישנ רוסלאַנד אינ דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע. פּענעקנ שטייט פאָר, לויט בערגעלסאָנס אָנצייכענונג, צערײַסנ מיט איינ קלאַס, מיטנ בורזשואַזנ קלאַס, און פאַרבינדנ זיכ מיט אַנ אַנדער קלאַס, אַ קלאַס, וואָס טראָגט מיט זיכ און שטעלט אײַנ גאָר אַ נײַע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. אַליינ פאַרבונדנ מיט בלוט און פלייש מיטנ אַלטנ קלאַס, מיט אַנ אַלטער בורזשואַזער מישפּאָכע, מוז פּענעק דורכמאַכנ אַלע ווייטעקנ און פּײַניקונגענ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיטנ פּראָצעס פונ אָפּלייקענענ, אָפּרײַסונג און איבערגעבורט. די בלויזע אָפּלייקענונג פונ מאָטל פּייסיס איז ווייניק פאַר פּענעקנ. פּענעק מוז קעמפנ מיט דער אַרומיקער סוויווע און אײַנצײַטיק קעמפנ אויכ מיט זיכ אַליינ. ווײַל פּענעק איז נאָכ אַליינ שטאַרק אײַנגעוואַקסנ אינ דער סוויווע, מיט וועלכער ער שטרעבט צו צערײַסנ און וועלכע ער באַקעמפט דורכויס. אײַנצײַטיק מיטנ אָפּרײַסנ און אויסשפּאָטנ די שוואַכע זײַטנ אינ דער אַרומיקער סוויווע—אָט די מאָמענטנ, וואָס זײַנענ אַלגעמיינ פאַר פּענעקנ מיט מאָטלענ,—אײַנצײַטיק מיט דעמ שטייט פּענעקנ פאָר אַ לאַנגדויערנדיקער און ווײַטערדיקער פּראָצעס פונ קאַמפ און ווידערגעבורט, און

אָט אפנ לעצטנ איז געווענדט די הויפּט־אופמערקזאמקײַט אינ דער פאנאנ־
דערוויקלונג פונ דער פענעק־געשטאלט.

דערדאָזיקער פּראָצעס ווערט נאָכ מער פארקאָמפּליצירט מיט פאָלגנדיקנ
אומשטאנד. מיר האָבנ פריִער געזאָגט, אז פענעק שטעלט מיט זיכ פאָר גאָר
א נײַ געשטאלט אינ דער ריי פונ בערגעלסאָנס פּערסאָנאזשנ, וואָס האָבנ א
שײַכעס צו דער פארדעוואָליוציִאָנערער ווירקלעכקײַט. איינ גרונט־שטריכ
אָבער אינ פענעקס כאראקטער פארייניקט אימ גראָד מיט אָט די בערגעלסאָנס
פּערסאָנאזשנ. דאָס איז זײַנ דורכויסיקע נייגונג צו פּאסיווער צושויערײַ. „פּע־
נעקס פּאָנעם איז פול מיט אויגנ“—אזוי דערציילט אונדז בערגעלסאָנ צוויי
מאָל אינעם בוכ („באם דניעפּער“, ז. 55 אונ ז. 92). א דריט מאָל דער־
ציילט אונדז בערגעלסאָנ, אז „פענעקס אויערנ זײַנענ אָפנ“ (דאָרטנ, 258). אינ
אזוי זעענ מיר טאקע פענעקנ דורכויס פארנומענ מיט צוזענ אונ צוהערנ.
„פענעק קוקט צו“, „פענעק זעט“, „פענעק הערט“,—דידאָזיקע אויסדרוקנ
טרעפנ זיכ דאָ אינ פארשיידענע ווארִיאציִעס פיל צענדליקער מאָל. ד. בער־
געלסאָנ אליינ שטרײַכט אונטער, אז דאָס אלצ איז בא פענעקנ א גרונט־אייגנ־
שאפט, אז פענעק מוז עס צוליב עפּעס האָבנ: „עס וועט צונוצ קומענ“. אפּאָ־
נעם, אז בערגעלסאָנ דענקט צו פירנ פענעקנ אפנ וועג פונ א קינסטלער.

אינ איינ אָרט דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ פענעקס טיפער עמאָציִאָנעל־
קײַט אונ אײַנדרוקפילבארקײַט אָט ווי:

> פענעקנ קומט אויס „צו פארכאזערנ בא זיכ אינ זיקאָרנ געשטאלטנ,
> געשעענישנ, גאנצע פרימאָרגנס, שטימונגענ פונ גאנצע וואָכנ אונ פונ
> באזונדערע איבערגעלעבטע קלייניקײַטנ. אלצ איז וויכטיק. יעדער כוש
> בא פענעקנ איז ביז גאָר פארשארפט, האָט א זיקאָרנ אונ פאָדערט, מע
> זאָל אימ אָנפילנ, ווי א ליידיקנ מאָגנ בא א פרעסערל; יעדער געשעע-
> ניש האָט א הויפּט־פּינטעלע—אזא מינ קריטשיקל; אז מע דערמאנט זיכ
> אָנ דעמ קריטשיקל, שווימט גלײַכ ארויס די גאנצע געשעעניש, דער
> טאָג, דער פרימאָרגנ, ווענ זי האָט פּאסירט, אפילע די לופט, ווי זי
> האָט דענסטמאָל אויסגעזענ, אפילע דער רייעכ, וואָס די נאָז האָט דע־
> מלט ארײַנגעשמעקט. פענעק פילט: צוליב עפּעס איז דאָס אימ ביז גאָר
> נייטיק, כאָטש אליינ ווייסט ער ניט צוליב וואָס, פּונקט ווי א זויג־קינד,
> בייס מע לאָזט דעמ נאָכ די וויקל-שנורנ, ווייסט ניט, צוליב וואָס נוצט
> דעמ דאָס דריגענ מיט די פיסלעכ“ (דאָרטנ, זז. 142־144).

מיר זעענ דאָ, אז פענעק איז דורכויס פארנומענ מיט פּאסיווער צושויערײַ.
דאָס איז אָבער איבערהויפּט דאנ, ווענ פענעק געפינט זיכ אינדערהיימ אָדער
אינ כיידער. קומט ער אָבער נאָר ארײַנ אינ די הינטערגעסלעכ, אזוי ווערט
פענעק גלײַכ טעטיק. דאָ באקומט ער גלײַכ ארבעט. דאָ טאנצט ער צוזאמענ
מיט אלטער מייטעס אפ דער זשאָרנע, דאָ ארבעט ער צוזאמענ מיטנ שמיד־
יינגל באמ בלאָז־זאק. דאָ מאכט ער פאר שמוליקנ דעמ שנײַדער-ארבעטער א

פרעס, דאָ העלפט ער מיט שמוליקן דורכצופירן דעם שטרײַק. אָט אזוי באַרײַכערן די הינטערגעסלעך פּענעקן ניט בלויז מיט נײַער לעבנס־דערפאַרונג, נאָר בלויז מיט א נײַעם קוק אפן לעבן, זיי ווירקן אויך אפ זײַן כאַראקטער און ענדערן אים ביסלעכווײַז אזוי, אז ער זאָל אין דער צוקונפט קאָנען פול־קום צופאסן זיך און אײַנלעבן זיך מיט דער נײַער סוויווע, וווהין בערגעלסאָן הייבט אים אָן ארײַנצופירן פון זײַנע ערשטע קינדער־יאָרן.

אָט די אלע מעשׂים פענעקס, ווי אויך זײַנע געשלעגן מיט פּאָלעקן, זײַנע מילכאָמע קעגן מעלאמעד — ביכלאַל אלע זײַנע טריט, וואָס גרייטן צו דאָס אײַנרײַסן פון פענעקן מיטן „הויז" און דאָס בעהאַדראָגעדיקע באהעפטן זיך צו די הינטערגעסלעך און צו די קינדער פון די הינטערגעסלעך — דאָס אלץ ווערט דאָ געשילדערט אפ א נאַטירלעכן און קינסטלעריש־איבערצײַגנדיקן אויפן. אָבער בערגעלסאָן פּרוווט דאָ ערטערווײַז פאַרלויפן פענעקן דעם וועג. ער פּרוווט פאַר פענעקן דעם קינד אָנצייכענען די ווײַטסטע אויספירן און פאַראלגעמיינערונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט פענעקס מעשׂים און קינדער־שע באַאָבאַכטונגען. אין פיל סצענעס פּרוווט בערגעלסאָן „אונטערצוזאָגן" פּענעקן אזוינס, וואָס עס דאַרף אים קלאָר ווערן אפ א נאַטירלעכן אויפן מיט פיל יאָר שפּעטער. און אָט דידאָזיקע מאָמענטן רײַסן ארונטער די גאַנצקײַט פון פענעקס געשטאַלט און צעשטערן אמאָל אויך דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער האַנדלונג.

מירן דאָ ברענגען איינעם אזא בײַשפּיל — די גלענצנדיקע סצענע, ווען פענעק טרעפט זיך מיטן פּויערשן יינגל אין דער גוראַלניע.

ווען מיכאָעל לעווינ האַלט באַם שטאַרבן, ווען דאָס „הויז" און די גוראַלניע הייבן אָן אונטערגיין, פירט בערגעלסאָן צונויף פענעקן מיטן קומענדיקן יורעש פון די לעווינס, מיטן קומענדיקן גוראַלניע־באַלעבאָס און לעסאַטע — דער סאַמע לעצטער שעבעלעצטער קנעכט און באַדינער — דאָס שמײַסער־יינגל, וואָס שטעקט ערגעץ אין א פינצטערער לאָך פון דער גוראַלניע־געבײַדע. אין דערדאָזיקער לאָך שטייט אָט דאָס פּויערשע קינד און טרײַבט אָן די פערד.

„אפ איינעם פון די דראָנגען זיצט באָרוועס אן אָרעם־געלאַטעט אוקראַיִניש יינגל — אין פענעקס עלטער, דרייט זיך רונד ארום, מיט א בײַטש אין האַנט. דאָס רעכטע אייגל באַם יינגל — אײַנגעזונקען אויסגערונען, בלינד, שווארץ, פינצטערער ווי די נאַכט, דאָס לינקע אויג באַם יינגל — העל־זעענדיק, לעבעדיק, ניט קיין אויג, נאָר א גליק, א גאַנצע וועלט פול מיט פרייד... זײַן יונג קלינגענדיק קעלכל צעזינגט זיך... ווי באַם אָנזאָגן א פרײלעכע בסורע דער גאַנצער וועלט:

— נאָ, דערעש!..

— וויאָ, קאַשטאַן!..

עס דאַכט זיך:

דאָס ייִנגל דאָ אינ לאָכ באם דריי־סלופ איז דער טיפסטער וואָרצל פונ דער גאנצער גוראלניע... דער סאמע עק אירער... דער פאָטער, דאָרט אינדערהיימ אינ בעט... מיט די צוגעשלאָסענע אויגנ, מיט די צעשאָקלטע ליפנ, וואָס כאוערנ די געמאָרע „בראָכעס״ — דער פאָטער איז דער אָנהייב פונ גוראלניע, אונ דאָס ייִנגל מיטנ פינצטערנ אויג איז דער סאָפ. אָדער פארקערט: דער פאָטער איז איינ עק, דאָס ייִנגל — דער צווייטער עק... מיט עטלעכע יאָר שפעטער האָט פענעק נאָכ אלצ געהאט אזא געפיל, ווי דאָרט אינ לאָכ לעבנ ייִנגל האָט אימ זיכ אָנגעהויבנ צו דאכטנ... ער, פענעק, קלעטערט ערגעצ אפ א הייכ — דאָס גאנצע לעבנ אפ דער וועלט וועט ער דערזענ מיטאמאָל פונ ביידע עקנ, אָט אזוי, ווי ער האָט דערזענ די גוראלניע פונ ביידע עקנ: דער פאָטער אינ איינ עק, דאָס ייִנגל פונ צווייטנ עק״ („באם דניעפער״, 457—456).

דידאָזיקע סצענקע פאר זיכ אליינ געהערט צו די גלענצנדיקסטע שטעלנ פונעם בוכ. אפ געציילטע זייטלעכ האָט בערגעלסאָנ אָנגעוואָרפנ מיט גרויס מייסטערשאפט אונ מיט דער גרעסטער שפאָרעוודיקייט ניט בלויז א בילד פונ גרויזאמער עקספלואטאציע, נאָר אויכ א סימוואָליש בילד פונ דער קומענדיקער באפרייונג אונ אויסלייזונג. פענעק אליינ אָבער האָט צו דערדאָזיקער סצענקע, אייגנטלעכ, קיינ שומ שייכעס ניט. ער איז דאָ א צופעליקער אונ זייטיקער צושויער, אונ די פילאָסאָפישע אויספירנ, וואָס דער שרייבער בינדט אימ אָנ צומ סאָפ פונ דער סצענקע, באקומענ זיכ אָנגעצויגנ, ניט נאטירלעכ אונ רעזאָנעריש.

3

די צווייטע וויכטיקע פיגור אינ „באם דניעפער״, אינ קינסטלערישער הינזיכט די אמערסטנ איינגעגעבענע אונ פארגאנצטע, דאָס איז מיכאָעל לעווינ. אינ דערדאָזיקער פיגור פירט דורכ בערגעלסאָנ א גרונטיקע רעוויזיע פונ איינער פונ זיינע צענטראלע ביזרעוואָליוציאָנערע קינסטלערישע געשטאלטנ — פונ גדאליע הורוויצנ, ריכטיקער געזאָגט — פונ דער גאנצער הורוויצ־פאמיליע. וויל די צענטראלע געשטאלטנ פונ דער לעווינ־פאמיליע אינ „באם דניעפער״ האָבנ זייער פיל געמיינזאמע שטריכנ מיט די צענטראלע געשטאלטנ פונ דער הורוויצ־פאמיליע אינ „נאָכ אלעמענ״. מיכאָעל לעווינ, זיינ פרוי אונ שיינדל די גרויסע אינ „באם דניעפער״ דערמאָנענ שטארק אינ גדאליע הורוויצנ, גיטעלענ אונ מירעלענ פונ „נאָכ אלעמענ״. בערגעלסאָנ האָט מיט א קיוונ גענומענ דאָ קימאט די זעלביקע פיגורנ, קעדיי אראָפצורייסנ פונ זיי דעמ שלייער פונ איידלקייט אונ הומאנישקייט, אינ וועלכע ער האָט זיי איינגעהילט אינ זיינע פריערדיקע ווערק, אונ ארויסצובאווייזנ זיי אינ זייער עמעסער אונ ווירקלעכער געשטאלט. דערדאָזיקער נייער צוועק האָט געפאָדערט אנ אנדער קאָמפאָזיציע אונ א נייעמ סיוזשעט. אינ „נאָכ אלעמענ״ איז בערגעלסאָנס צוועק געווענ די רעאביליטאציע פונ די הורוויצעס. קעדיי צו פארגרעסערנ די סימפאטיע צו גדאליע הורוויצנ, האָט בערגעלסאָנ ניט געוויזנ אינעמ ווערק גדאליעס אופ־

קום און בלייִונג, א מאָמענט, וואָס איז שטענדיק קימאַט פאַרבונדן מיט שווינדל און ספּעקוליאַציע. ער האָט אָנגעהויבן גלייַך מיט הורוויצעס ווערקונג, מיט זייַנע דראַמאַטישן באַרג־אַראָפּ. דאָס איז איינס. צווייטנס, בערגעלסאָן האָט אין „נאָך אַלעמען" אוועקגעשטעלט אין צענטער ניט גדאַליען, נאָר זייַן טאָכטער מירעלען. מירעלע האָט געזאָלט מיט איר גאַנצער מיידלשער אומשולד, מיט איר גאַנצער אַריסטאָקראַטישער לייַטישקייַט און אויסגעיידלטקייַט פאַרשטעלן דעם פּאַראַזיטישן טאָך פון גדאַליע הורוויצעס לעבן און אויסקומעניש. איינצייַטיק מיט דעם האָט מירלס לייַדנדיקע געשטאַלט געזאָלט פאַרגרעסערן דעם דראַמאַטיזם פון גדאַליעס אומקום.

דריטנס, אין „נאָך אַלעמען" האָט בערגעלסאָן אויסגענוצט נאָך א מיטל אַפּ צו פאַרגרעסערן די סימפּאַטיעס צו די הורוויצעס: ער האָט אָנגעטאָן אַפּ גדאַליע הורוויצן א מאַנטל פון א הויכער מאָראַלער און אינטעלעקטועלער קולטור. גדאַליע הורוויץ איז לויט „נאָך אַלעמען" די העכסטע קולטורעלע און עטישע געשטאַלט אין דער גאַנצער שטעטלדיקער אַרומרינגלונג. גדאַליע הורוויצעס „נאָך אַלעמען" האָט דערום באַטייַט אין בערגעלסאָנס שילדערונג דעם „נאָך אַלעמען" פון א הויכער קולטור, וואָס געפינט פאַר זיך ניט קיין יאָרשים.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז וויפל אַזא שטאַנדפּונקט איז רעאַקציאָנער אין טאָך און איז פאַקטיש ניט ריכטיק. דער אונטערגאַנג פון די הורוויצעס איז גראָד א פּראָגרעסיווע דערשייַנונג, ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם אויבן געענ־ טפערט. אָט דעדדאָזיקער אונטערגאַנג איז מיט גרויס קינסטלערישער קראַפט געשילדערט אין „נאָך אַלעמען". דערדאָזיקער פּראָצעס איז דאָ פאַרקערפּערט געוואָרן אין א רייי אומפאַרגעסלעכע קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס איבער־ צייַגן דעם לייענער אין דער אייַזערנער נויטוועדיקייַט און אומפאַרמייַדלעכקייַט פון די הורוויצעס אונטערגאַנג, און דאָס איז די גרעסטע מייַלע פונעם בוך. איינ־ צייַטיק מיט דעם דריקט אָבער בערגעלסאָן אויס זייַן טיפסטן צאַר און טרויער איבער גדאַליע הורוויצעס אומקום. גדאַליע הורוויץ מיט זייַן פאַמיליע ווערן דאָ דורכויס אידעאַליזירט. בערגעלסאָן פאַרבאַהאַלט אין „נאָך אַלעמען" די עקספּלואַטאַציע פון די הורוויצעס, ער פאַרמאַסקירט דאָ די רעאַלע ווירקלעכ־ קייַט, ער שטעלט זי אַרויס באַ א פאַלשער שייַן, וואָס פאַרקריפּלט דעם ווירקלעכן טאָך און זייַנען פונעם געשילדערטן געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס, און דאָס גיט צו דעם בוך א רעאַקציאָנערן כאַראַקטער.

אָט דעמדאָזיקן פעלער נעמט אַראָפּ און פאַריכט בערגעלסאָן אין „באַם דניעפּער". דאָ האָבן מיר אַנערעך די זעלביקע טעמע—דער אונטערגאַנג פון דער לעווין-פאַמיליע. דאָ האָט שוין אָבער בערגעלסאָן געשטעלט פאַר זיך אַנדערע צוועקן—אַנטקרויצן און דעמאַסקירן די לעווינס. ער האָט דערום אוועקגע־ שטעלט אין צענטער פון ווערק גראָד מיכאָעל לעווינען.

מיכאָעל לעווין ווערט דאָ באַוויזן ניט בלויז אום שאַבעס, נאָר אויך און דעריקער אינדערוואָכן, באַ אַלע זייַנע פּילע און פאַרשיידנסטע מיסכאָרים און

אונטערנעמונגענ. עס ווערט דערבײַ אויכ געשילדערט די גאנצע וואָכעדיקײַט פונ מיכאָעלס פרוי, איר טעמפקײַט, צוויִעס אונ ווילקירלעכקײַט. לעווינס קלוגע אונ געראָטענע טאָכטער, שיינדל די גרויסע, ווערט דאָ ארויסגעפירט ניט אינ איר יוגנט, ווי מירל הורוויצ אינ „נאָכ אלעמענ", נאָר אינ א שפעטערדיקנ פעריִאָד פונ איר לעבנ. בערגעלסאָנ באווײַזט אונדז דאָ שיינדלענ די גרויסע שוינ היפש נאָכ איר כאסענע, ווענ אלע אירע מיידלשע טרוימענ האָבנ שוינ לאנג אָפגעוועלקט אונ זי, שיינדל, יארשנט לעבעדיקערהייט אירע עלטערנ — איר מוטערס טיראנישע הערשאפט אינעמ „הויז"־לעבנ. אונ איר פאָטערס געלטגיריקײַט אינ אירע מיסכאָרימ (די געשיכטע, אשטייגער, מיט דער שוטפעסדיקער גוראלניע, ווענ שיינדל די גרויסע וואלגערט ארומ דעמ גאנצנ העזעק אפנ פאָטערס פלייצעס). אָט אזוי האָט בערגעלסאָנ אנטפלעקט פאר אונדז אינ „באמ דניעפער" די גאנצע סאָציִאלע שעדלעכקײַט פונ די הורוויצעס־לעווינס.

בא דער שילדערונג פונ דער צענטראלער געשטאלט פונעמ הויז, פונ מיכאָעלנ, איז בערגעלסאָנ ניט געגאנגענ אפנ וועג פונ קלענסטנ ווידערשטאנד ער פירט ניט ארויס מיכאָעל לעווינענ ווי א בוילעט־ארויסגעשפּראָכענע נעגאטיווע פיגור. מיכאָעל לעווינ פארמאָגט „א וואָכעדיקע באָרד אונ א יאָנטעוודיקנ פאָנעמ", בערגעלסאָנ באווײַזט אונדז דאָ אויכ מיכאָעלס „יאָנטעוודיקנ פאָנעמ" אונ מיר באקומענ אזא פערסאָנאזש, וואָס וועקט ערטערווײַז אפילע סימפאטיע־געפילנ צו זיכ. בערגעלסאָנ ווײַזט אונדז דאָ אויכ, וויִאזוי מיכאָעל לעווינ, דער בעסערער פאָרשטייער אינ דער גווירישער מישפאָכע, בלײַבט אָפט איינזאמ. באזונדערס פילט זיכ די איינזאמקײַט זײַנע פארנ טויט. ניט געקוקט אפ דעמ אלעמ, טרעט דאָכ ארויס דאָ זייער שארפ אונ בוילעט דער פאראזיטישער טאָכ פונ מיכאָעלס לעבנ, דאָס לעבנ פונ א גוויר, וואָס פרעסט אופ די מי פונ צענדליקער מישפאָכעס. מיכאָעל לעווינ טרעט ארויס פאר אונדז ווי א פאָרשטייער פונ אנ עקספלואטאטארישנ קלאס, וואָס בא זײַנ בעסטנ ווילנ קאָנ דאָכ די עקספלואטאציע ניט געמינערט ווערנ אפילע אפ קיינ האָר. די איידעמס זײַנענ בא אימ די זעלבע אָנגעשטעלטע, וואָס אנדערע, אונ דער טאָכטער צירלענ טיילט ער אויס אפ שאבעס א דרײַערל א נעדאָווע, ווי ער טיילט עס צו יעשיִע פריידעס. ווײַל בא זײַנ גאנצער „יאָנטעוודיקײַט" קאָנ דאָכ מיכאָעל לעווינ ניט אריבערשפרײַזנ איבער זײַנ בורזשואזער נאטור פונ א סויכער א דעראָבערער, וואָס אזא פארבלײַבט ער ביז זײַנע לעצטע טעג.

זייער אסאכ אופמערקזאמקײַט גיט דאָ אויכ אָפ בערגעלסאָנ, קעדיי צו דעמאסקירנ די אלטע רעליגיעזע קולטור פונ די הורוויצעס־לעווינס. אינ פיל ערטער ווערט דאָ באוויזנ די ענגע פארבינדונג, וואָס הערשט צווישנ „הויז" מיט די פאָרשטייער פונעמ קלער אינ שטעטל. בערגעלסאָנ דעקט דאָ דורכויס אופ דעמ צוויִעסדיקנ אונ בורזשואזנ טאָכ פונ דער רעליגיעזער קולטור, וואָס די הורוויצעס־לעווינס האָבנ זי קונציק אויסגענוצט ווי א מיטל פונ מאָראליִ־שער אופווירקונג אפ די נידעריקערע שיכטנ פונ פאָלק. די זײַטלעכ, וואָס שיל־

דערנ די „יאָמימ־נוראָים" (די „שרעקלעכע טעג", געמיינט ראָשעשאָנע אונ יאָמ־קיפּער), ווו בערגעלסאָנ „טוט אויס נאקעט" דעמ יאָמקיפּער, געהערנ צו די בעסטע אינעמ בוכ.

די רעליגיע, די רעליגיעזע ליטעראַטור העלפט אָבער מיט דער בורזשו־אזיע ניט בלויז אומ שאַבעס אונ יאָנטעוו, נאָר אויכ א גאַנצ יאָר. מיכאָעל לעווינ רינגלט זיכ אָפּט ארומ מיט בערג ספאָרימ, ווו ער זוכט אונ געפינט שטענדיק א שטיצע, אנ אָנשפּאר אונ פארטיידיקונג פאר זיינע עקספּלואטא־טארישע פּאָזיציעס, אונ קעדיי „אויסצוטונ נאקעט" מיכאָעלנ פונ אָט די ספאָרימ, האָט בערגעלסאָנ אריינגעפירט אינ די סאמע אַנטימסטע כאדאָרימ פונעמ „הויז" דעמ קאפּצאָנישנ לאמדנ יעשיִע פריידעס. יעשיִע פריידעס דעקט שטענדיק אופ די צוויִעסדיקע פּראזעס פונ מיכאָעל לעווינענ. ער אנטקרויִנט אימ דורכויס. יעשיִע פריידעס, דער פרייִלעכער קאפּצנ, ווערט דאָ ביכלאל קעגנגעשטעלט מיכאָעל לעווינענ. יעשיִע איז שטענדיק פרייִלעכ אונ מונטער, מיכאָעל דער גוויר איז שטענדיק פארמאָרעשכוירעט אונ פארזאָרגט. אינ דער־דאָזיקער קעגנשטעלונג, וואָס ווערט געגעבנ מיט גרויס קינסטלערישער איבער־צייגונג, באקומענ מיר א סימוואָל פונעמ גוירל, וואָס שטייט פאָר די ביידע שטאָט־„עקנ": דעמ „הויז" אונ דער אָרעמשאפט. ווי דורכ דער פיגור פונעמ פויערשנ ייִנגל, זאָגט אונדז בערגעלסאָנ אָנ דורכ יעשיִע פריידעס דעמ אונ־טערגאנג פונ די מיכאָעלס אונ דעמ אופקומ פונ די הינטערגעסלעכ.

4

דער דריטער אונ וויכטיקסטער אויפנ פונ אנטקרויִנענ דאָס „הויז" דאָס איז די שילדערונג פונ די קיכ־מענטשנ אונ פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס בער־געלסאָנ האָט אפּ דעמ אָפּגעגעבנ זייער פיל פלאצ אינעמ בוכ.

די „קיכ" דינט אינ „באמ דניעפּער" פארנ וויכטיקסטנ באאָבאכט־פּונקט, פונ־וואנענ עס ווערט באלויכטנ אונ באשאָסנ דער „אייבערשטער שטאָק". די בלויזע עקזיסטענצ פונ דער „קיכ" דעקט שונ, אייגנטלעכ, אופ דעמ עקספּלואטאטע־רישנ כאראקטער פונעמ „הויז"־לעבנ. ווענ בערגעלסאָנ האָט אינ „נאָכ אלע־מענ" געהאט די טענדענצ צו שילדערנ בלויז דעמ „יאָנטעוו" פונ גדאליע הורוויצעס הויז, האָט ער דאָרט די קיכ־מענטשנ אינגאנצנ אויסגעמיטנ. אינ א גרויסנ ראָמאנ פונ פיר טיילנ האָבנ די קיכ־מענטשנ אבסאָליוט ניט פיגורירט. ריכטיקער געזאָגט, זיי האָבנ פיגורירט בלויז ווי „מענטשנ" אינ געגנדזנפיסלעכ, בלויז ווי א נייטיקער זעלבסטפארשטענדלעכער צוגאָב אונ אטריבוט צו א גווירישער הויז, ווי די ברישקע, די גארדינענ אונ אנדערע שטוב־זאכנ. אויב עס ווערט שוינ יאָ דערמאָנט אינ „נאָכ אלעמענ" דער באדינער־פּערסאָנאל פונעמ „הויז", ווערט עס געטאָנ בלויז, קעדיי צו באווייזנ, וואָס פאר א פּאטריאר־כאלע באציִונגענ עס הערשנ צווישנ „הויז" מיט זיינע באדינער. דערמאָנט זיכ, אשטייגער, ווי מירל הורוויצ באגעגנט זיכ מיט בראָכע דער שוסטערנ, איר

געוועזענער אמ, וויאזוי זי צווינגט איר כאָסנ שמוליק זיידענאָווסקינ, אז ער זאָל זיכ באשטעלנ א פּאָר שיכ בא בראָכעס מאנ, אָדער מירלס באגעגענישנ מיט יאנ דעמ וועכטער, ווענענ זי שענקט זילבערנע רובלענ.

איינציַיטיק מיט דער עקספּלואטאציע באווייַזט אונדז בערגעלסאָנ אויכ דעמ פּראָטעסט פונ דער „קיכ" קעגנ דערדאָזיקער עקספּלואטאציע. אינ „קיכ" ווערט געזאמלט האס אונ סינע, פּראָטעסט אונ אופגעבראכטקייַט קעגנ דעמ „הויז". פענעק, דער קומענדיקער ווידערשפּעניקער, ווערט זייַנע ערשטע לעקציעס פונ קריטיק אונ ווידערשטאנד באקומענ אינ קיכ.

צווישנ די קיכ־באדינער גופע איז דער פּראָטעסט קעגנ „הויז" געגעבנ דעריקער, ווי אנ אומיטלבארע נאטירלעכע רעאקציע קעגנ עקספּלואטאציע. קיינ פּאראלגעמיינערנדיקנ כאראקטער טראָגט נאָכ אָט דער פּראָטעסט ניט. בלויז יאנקל פורמאנ דערהייבט אינ אייניקע מאָמענטנ זייַנ פּראָטעסט קעגנ לעווינס „הויז" אינ א פּראָטעסט קעגנ גווירימ ביכלאל. אינ יאנקלענ האָבנ מיר שוינ עפּעס אנ אָנצוהערעניש אפ א קומענדיקנ רעוואָליוציאָנער.

דער פיגור פונ יאנקל פורמאנ ווערט דאָ אָפּגעגעבנ פיל פּלאצ אונ אופמערקזאמקייַט. יאנקל פורמאנ פארמאָגט אינ זיכ דעמ געזונטנ פארשטאנד פונ א פּאָלקסמענטש, א האָרעפּאשניק, וואָס קוקט אפ דער וועלט מיט אָפענע אונ ניכטערע אויגנ. ניט מיכאָעל לעווינ, נאָר יאנקל פורמאנ ווערט דער ערשטער לערער אונ דערציִער פונ פענעקנ. זייער אָפּט פארטרויט דער שרייַבער יאנקלענ זייַנע אייגענע געדאנקענ. דורכ יאנקלענ אורטיילט דאָ בערגעלסאָנ וועגנ די מענטשנ אונ געשעענישנ פונעמ „הויז" אונ פונעמ גאנצנ שטעטל ביכלאל.

אָבער דאָ טרעפט, אז יאנקל פורמאנ הייבט אָנ צו ריידנ מיט א שפּראכ, וואָס איז פאר אימ ניט גאָר נאטירלעכ. אזא לאמדאָנישער אויסדרוק, אשטייגער, ווי „מיקצע מאכמעס מיִעס", פּאסט ניט פאר יאנקלענ. אָפט קלינגענ אייניקע יאנקלס ארויסזאָגונגענ אונ רעפּליקעס צו איבערגעשפּיצט. אשטייגער, די כאראקטעריסטיק פונ פענעקס ברודער, פונ שאָלעמענ (אפ ז. 465). ביכלאל, אפ וויפל יִאנקל איז מיט קיינעמ אויסערנ „הויז" ניט פארבונדנ, איז שווער צו טרעפנ, פונוואנענ נעמט זיכ צו אימ אָט די הארמאָנישע רויִקייַט זייַנע, אָט די גלאטע אונ געטאָקטע רעפּליקעס וועגנ אלע ארומיקע, אָט די פּארטיקע מייַנונגענ וועגנ לעבנ אונ טויט. אינ יאנקלענ זעענ מיר ביכלאל ניט קיינע קאָליזיעס. דידאָזיקע פיגור איז דערומ ארויס צו גראדליניק אונ ערטערווייַז רעזאָנעריש.

די אייַנטאָניקייַט פונ יאנקלס כאראקטער ווערט עטוואָס געלינדערט דורכ זייַנ אומעטיק לידל „טי־די־דר־ניי־דאָ", וואָס ער זינגט בא א שלעכטער שטימונג. דאָס איז אָבער ווייניק. בא דער גרויסער אָנלאָדונג, וואָס ווערט ארופגעלייגט אפ יאנקלס פּלייצעס, האָט ער געמוזט פארמאָגנ א גרויסע אונ רייַכע לעבנס־דערפארונג אונ זייַנ ענגער פארבונדנ מיט די סוויווע, מיט די שטעטלדיקע האָרעפּאשניקעס אונ אָרעמשאפט, אונ דאָס זעענ מיר אינעמ בוכ ניט.

אָבער די „קיכ״־מענטשנ זײַנענ דאָכ סאָפּקאָלסאָפּ אנ אָרגאנישער טייל — דער פּאָרפּאָסט פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס פארנעמענ אינעמ ווערק א צענטראלנ אָרט. אויב אינ דער קיכ באווײַזט אונדז בערגעלסאָנ די עקספּלואטאציע פונעמ „הויז״ איבער געציילטע מענטשנ, באווײַזט ער אונדז אינ דער שילדערונג פונ די הינטערגעסלעכ, וויאזוי דאָס „הויז״ הערשט אונ געוועלטיקט איבער א גאנצער שטאָט. אינעמ גאנצנ ווערק ווערט דאָס לעבנ פונעמ „הויז״ געשילדערט פּאראלעל מיט די הינטערגעסלעכ. אָט די פּאראלעלע שילדערונג האָט מעגלעכ געמאכט, אז בערגעלסאָנ זאָל ניט גיינ אפּנ אויסגעטראָטענעמ ביליקנ אונ סכעמאטישנ וועג, אפּ וועלכנ עס גייענ פיל שרײַבער, ווענ זיי קומט אויס צו שילדערנ פּאָרשטייער פונ בורזשואזע שיכטנ. אינ „באמ דניעפּער״ טרעפט איר נימ קיינ שרײַענדיקע צעלייגונג־בילדער פונעמ „הויז״־לעבנ. עס איז דאָ אויכ ניט פאראנ עפּעס קיינ אויסערגעוויינלעכע גזיילעס, פארשווענדונגענ אונ שווינדלערײַענ. דאָס „הויז״ איז א טיפּיש מיטל־בורזשואז הויז, ניט פונ די ערגסטע, וואָס זײַנענ געווענ אינעמ יידישנ שטעטל. ס׳איז גענוג אָבער, אז פּאראלעל מיטנ לעבנ פונעמ „הויז״ זאָל געשילדערט ווערנ דאָס לעבנ פונ די הינטערגעסלעכ, דאָס הייסט פּאקטיש פונ 90 פּראָצענט שטעטלדיקער בעפעלקערונג, — אזא קעגנשטעלונג אליינ פאר זיכ איז גענוג, אז דאָס גאנצע פּאראזיטישע אונ בלוטזויגערישע לעבנ פונ די לעווינס זאָל ארויסטרעטנ באזונדערס בולעט אונ קלאָר.

מע דארפ אָבער זאָגנ, אז די ק ל א ס ע ו ו ע פּאנאנדערגלידערונג פונ שטעטל, דער ק ל א ס ע ו ו ע ר טאָכ פונ לעווינס פּאראזיטיזמ איז געבליבנ ניט גאָר דײַטלעכ אָנגעצייכנט אינעמ ווערק. ווײַל בערגעלסאָנ שילדערט אונדז דאָס „הויז״ אונ די הינטערגעסלעכ איבערהויפּט פּ א ר א ל ע ל, אָבער ניט איבערגעפלאָכטנ איינס מיטנ אנדערנ (בלויז נאכמענ דער פארבער שטויסט זיכ אפּ א צײַט צונויפּ אומיטלבאר מיטנ „הויז״). דערפאר איז דאָ בולעט בלויז דער גרויסער אומרעכט פונ אָט דער פּאנאנדערטיילונג פונעמ שטעטל אפּ אָרעמ אונ רײַכ. ס׳איז אָבער ניט גאָר בולעט, אז דאָס רײַכטומ פונעמ „הויז״ איז אנ אומיטלבארער רעזולטאט פונ דער אָרעמקײַט אינ די הינטערגעסלעכ. אזא בילד וואָלט ארויסגעשווומענ אומבאדינגט, ווענ בערגעלסאָנ וואָלט אינ צענטער פונעמ ווערק אוועקגעשטעלט די גוראלניע, אשטייגער, אָדער דעמ ביר־זאוואָד מיט זייערע ארבעטער.

דערדאָזיקער פעלער האָט אויכ געבראכט צו דער פארמינערונג פונעמ קינסטלערישנ בילד פונ שטעטל ווי א גאנצער אָרגאניזמ. מיר האָבנ דאָ פאָרגעשטעלט אבסאָליוט אלע שטעטלדיקע שיכטנ. אָבער דאָס שטעטל, ווי א גאנצקײַט, פעלט דאָ אינ „באמ דניעפּער״. אינ דער „פארגרעבטער שטאָט״, ווו בערגעלסאָנ האָט געשילדערט די שטעטלדיקע שיכטנ אינ דער אומיטלבארער, עקאָנאָמישער אונ סאָציאלער פארבונדנקײַט, איז דאָס שטעטל־בילד ארויס בולעטער אונ פארגאנצטער.

איינצלנע פֿאָרשטייער אָבער פֿונעם שטעטל, פֿונ די הינטערגעסלעכ, האָט אונדז בערגעלסאָנ ארויסגעפֿירט דאָ אינ אזא צאָל אונ מיט אזא קינסטלערישנ פֿארנעם, ווי נאָכ קיינמאָל ניט אינ זײַנע פֿריִערדיקע ווערק.

5

מיט וואָס פֿאר א מעטאָדנ האָט דאָס בערגעלסאָנ פֿארווירקלעכט? ס'איז אומבאדינגט נייטיק זיכ אָפּצושטעלנ אפֿ דעמ, ווײַל אינ דער שילדערונג פֿונ די הינטערגעסלעכ־געשטאלטנ אינ „באמ דניעפּער" טרעט אמבוילעטסטנ ארויס בערגעלסאָנס קינסטלערישער וווקס. ווײַל, אייגנטלעכ גערעדט, האָט שוינ בערגעלסאָנ ניט איינמאָל זיכ גענומענ צו שילדערנ די הינטערגעסלעכ. גענוג צו דערמאָנענ די קאצאָווישע פֿיגורנ פֿונ ד'ער נאָר וואָס דערמאָנטער „פֿאר־גרעבטער שטאָט", די הינטערגעסלעכ־פֿיגורנ אינ „אָפּגאנג", אייניקע פֿיגורנ פֿונ די „דרויבּ"־דערציילונגענ אונ אנדערע. אָבער די דאָזיקע פֿיגורנ האָט בערגעלסאָנ געשילדערט אָדער פֿאָלקיסטיש־סענטימענטאל — אונ דעמלט האָבנ מיר באקומענ ביז גאָר בלאסע סילועטנ, וואָס פֿארגעדענקענ זיכ אבסאָליוט ניט, אָדער הומאָריסטיש. בערגעלסאָנס הומאָר אָבער פֿונ זײַנע פֿריִערדיקע ווערק האָט קיינ באזונדערע דערגרייכונגענ ניט געהאט. דעמ הומאָר האָט בערגעלסאָנ דעמלט אָנגעווענדט בלויז באמ שילדערנ דאָס קליינבירגערטומ. די בורזשואזיע האָט בערגעלסאָנ געשילדערט דורכויס אינ דראמאטישע טענער. צו די לופֿט־מענטשנ, צומ ייִדישנ האָרעפּאשניק, האָט באמ ביז־אָקטיאבערדיקנ בערגעלסאָנענ געפֿעלט א טיפֿערע אינערלעכע באציִונג. דערפֿאר זעענ מיר, אז ניט בלויז דער ארבעטער, נאָר אפֿילע דאָס שטעטלשע קליינבירגערטומ האָט ניט געקאָנט באגײַסטערנ בערגעלסאָנענ אפֿ א גרעסערנ לײַוונט. צומ שטעטל־דיקנ האָרעפּאשניק אונ לופֿט־מענטש איז בא אימ געווענ א געפֿיל פֿונ גרינג־שעצונג, א קוק פֿונ אויבנ אראָפּ, אונ דאָס דערפֿירט אמאָל בערגעלסאָנענ צומ פֿלאכנ גראָטעסק אונ אמאָל אפֿילע צו אומגלויבלעכע אנעקדאָטנ.

עס טרעפֿט אמאָל אויכ בא בערגעלסאָנענ, אז די הומאָריסטישע פֿאָרמ אנטשפּרעכט ביכלאל ניט דער גאנצער האנדלונג פֿונעמ ווערק. דערמאָנט זיכ, אשטייגער, בערגעלסאָנס נאָוועלע „דרויבּ" — די מײַסע מיט ביילע־העניענ, וואָס געט זיכ מיט איר געזונטנ מאנ דעמ שמיד, וועלכער האָט זי ליב, אונ האָט כאסענע פֿאר אנ אלטנ קראנקנ טויגעניכטס, פֿארנ מעלאמעד, וואָס שטארבט אינגיכנ אוועק. אייגנטלעכ, לויטנ סיוזשעט איז עס דראמאטיש, אפֿי־לע טראגיש. דאָס זעלביקע די דערציילונג „שיוועט גדאליע" אינעמ בוכ „וועלט־אויס, וועלט־אײַנ": דער באלעגאָלע גדאליע לייגט אונטער א פֿוס אונטערנ צוג מיט דער האָפֿענונג צו באקומענ פֿאר דעמ ניזעק־געלט פֿונ „קאזנא"... בערגעלסאָנ האָט געמוזט אָנקומענ צו אנ אויסערגעוויינלעכער געשעעניש אינעמ לעבנ פֿונ אָט די פֿארשוינענ, קעדיי ער זאָל קענענ אפֿ דעמ אויסבויענ א קליינינקע דערציילונג, — אי דאָס מיט א הומאָריסטישנ בײַטאָנ...

דער הומאָר איז דערבײַ געווענדט ניט אזוי אפ דער סיטואציע, ווי דאָס קומט פאָר צומיינסטנ בא שאָלעמ־אלייכעמענ, נאָר אפ די פערסאָנאזשנ גופע.

אויכ אינ „באמ דניעפּער" האָבנ מיר רעשטנ פונ בערגעלסאָנס היפּער־באָליש־גראָטעסקישנ הומאָר. צומ בײַשפּיל: שיינדל די לאנגע, וואָס האָט ליב זוסי־דאָווידנ, איז זיכ צעגאנגענ מיט איר מאנ פונקט א שאָ פאר דער כופּע. דאָס זעלביקע האָט געטאָנ אויכ זוסי־דאָוויד מיט זײַנ ווײַב, כאָטש ער האָט שוינ אפּאָנעמ שיינדל די לאנגע דאפקע ניט ליב...

איינצײַטיק מיט דעמ אָבער האָט אונדז בערגעלסאָנ דאָ ארויסגעפירט א גאנצע גאלערייע פיגורנ אונ געשטאלטנ, ווו ער האָט אונדז באוויזנ פּרעכטיקע מוסטערנ פונ פײַנעמ אײַנפאלערישנ הומאָר. גענוג צו דערמאָנענ ראכמיעלנ דעמ שוסטער, זײַנ ברודער הערשל בעקער, שמוליקס ווײַב מיט די שווארצע אויגנ, יעשיע פריידעס אונ נאָכ פיל אנדערע. דאָ האָט בערגעלסאָנס הומאָר דערגרייכט צו זייער א הויכער קינסטלערישער מאדרייגע. ער האָט זיכ ארויסגעוויזנ זייער פולבלוטיק, בייגיק אונ פילפארביק.

מיר טרעפנ דאָ אויכ געשטאלטנ פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס זײַנענ געשילדערט דראמאטיש. מירנ דערמאָנענ די גלענצנדיקע געשטאלטנ פונ אלטער מייטעס, נאכמענ דער פארבער, די געשטאלט פונעמ פויערשנ שמײַסער־יינגל אינ דער גוראלניע אונ אנדערע.

די פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע ווערנ דאָ, פארקערט, געשילדערט איבערהויפּט סאטיריש.

דאָס אלצ באווײַזט אונדז, אז די הינטערגעסלעכ הייבנ אָנ צו ווערנ אנ אָרגאנישער באשטאנד פונ בערגעלסאָנס דערפארונג־קרײַז, אז בערגעלסאָנ הייבט אָנ צו שעפּנ פונ אָט דעמדאָזיקנ נײַעמ קוואל זײַנעמ מיט דער זעלביקער פרײַקײַט, ווי דאָס איז בא אימ פריער געווענ מיט די בורזשואזע געשטאלטנ.

אונ נאָכ א זאכ לערנט אונדז דערדאָזיקער פאקט: בערגעלסאָנס וועלט־באנעמ הייבט דאָ אָנ צו באקומענ יענע אײַנהײַטלעכע אלזײַטיקײַט אונ פארגאנצטקײַט, וואָס איז אומבאדינגט נייטיק פאר א קינסטלער, קעדיי צו שאפנ עמעסע רעאלע בילדער, קעדיי צו געבנ די ווירקלעכקײַט מיט דער גרעסטער אָביעקטיווקײַט. בערגעלסאָנס קינסטלערישע דערפארונג הייבט אָנ ארומצוכאפּנ אונ באנעמענ אלע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט מיט אלע זייערע צווישנבאציונגענ אונ צוזאמענשטויסנ דורכ איינ פאראלגעמיינערנדיקנ קוק אפנ לעבנ. אָט דאָס מאכט פאר אימ מעגלעכ צו דערשפּירנ אונ קינסטלעריש אָפּשפּיגלענ אלע יענע דערשײַנונגענ אונ פּראָצעסנ, וואָס קומענ פאָר אינ דער לעבעדיקער ווירקלעכקײַט אונ וואָס מוזנ פירנ בלויז צו איינס — צו דער ענדערונג פונ דערדאָזיקער ווירקלעכקײַט, צו דער נײַער, סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

צוועלפטער קאַפּיטל.

די פעריאָדיזאציע פונ בערגעלסאָנס ווערק.

אונדז איז נאָכ פארבליבנ אָנצווואַרפנ די פעריאָדיזאציע פונ בערגעלסאָנס ווערק.

אפנ סמאכ פונעמ פאָריקנ אנאליז וועלנ מיר דאָ מאכנ א פּרווו צו קלאסיפיצירנ בערגעלסאָנס גאנצ שאפנ, אָנהייבנדיק פונעמ „ארומ וואָקזאל“ אונ ענדיקנדיק מיטנ „באמ דניעפּער“. אינ גרונט פונ דערדאָזיקער פעריאָדיזאציע לייגנ מיר די פארשיידענע סאָציאלע אָריענטאציע בערגעלסאָנס אינ יעדנ באזונדערנ פעריאָד, אונ אינ ענגער פארבינדונג מיט דעמ—דעמ אופקומ, ענדערונג אונ אומבייט פונ בערגעלסאָנס סטיל.

פעריאָדיזירנ בערגעלסאָנס שאפנ איז זייער א שווערע אופגאבע. מיר ווייסנ שוינ, אשטייגער, אז „אָפּגאנג“ האָט בערגעלסאָנ אָנגעהויבנ שרייבנ אינ 1913־טנ יאָר אונ פארעפנטלעכט האָט ער דאָסדאָזיקע ווערק ערשט אינ 1920־טנ יאָר. אייג קאפיטל פונ „פארטונקלטע צייטנ“ („יאנקעוו־נאָסנ ווידערפּאָלער“) איז פארעפנטלעכט אינ 1915, דאָס גאנצע ווערק—ערשט אינ 1918. דער אָנהייב פונ „מידאס־האדינ“ האָט אפּ זיכ א דאטע 1924־1925 (זע „אינ שפּאנ“, בוכ 1) פארענדיקט איז דאָס גאנצע ווערק ערשט אינ 1929־טנ יאָר.

אונ נאָכ א שוועריקייט איז דאָ בא קלאסיפיצירנ בערגעלסאָנס ווערק. עס טרעפט אמאָל, אז זיינע ווערק פאר איינ אונ דעמ זעלביקנ צייט־אָפּשניט טראָגנ א ביז גאָר פארשיידענעמ כאראקטער. פאר בערגעלסאָנענ איז דידאָזיקע דערשיינונג מער ווי א נאטירלעכע, ווייל, ווי מיר האָבנ געזענ, האָט בערגעלסאָנ פארבונדנ זיינ שאפנ פונ טכ־לעס אָנ מיט א שיכט, וואָס דער שרייבער גופע האָט פאָרויסגעזענ די אומפארמיידלעכקייט פונ זיינ אומקומ. דערפאר טאקע איז בערגעלסאָנ מער ווי א וואָסער ניט איז אנדער שרייבער געווענ פארמישפעט אפּ א געוויסנ סאָציאלנ „וואנדער אונ וואָגל“ אינ זיינ שאפנ.

מיר וועלנ דאָכ פרווונ צו פעריאָדיזירנ בערגעלסאָנס ווערק, נעמענדיק אינ אכט די הויפּט־טענדענצ פונ יעדנ געגעבענעמ פעריאָד אונ רעכענענדיק זיכ איבערהויפּט מיט דער צייט, ווענ דאָס גאנצע ווערק איז פארענדיקט געוואָרנ אונ פארעפנטלעכט געוואָרנ.

צו דעמ ערשטנ פעריאָד פונ בערגעלסאָנס שאפנ פארעכענענ מיר פאָלגנדיקע ווערק: „ארומ וואָקזאל“, „דער טויבער“, „נאָכ אלעמענ“ אונ אנדערע קלענערע זאכנ. כראָנאָלאָגיש וועט עס באטייטנ די יאָרנ 1909—1912 („נאָכ אלעמענ“ האָט בערגעלסאָנ פארענדיקט אינ 1912).

דאָס סאמע כאראקטעריסטישע ווערק פארנ דאָזיקנ פעריאָד איז „נאָכ אלעמענ“. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ זיינ שאפנ איז בערגעלסאָנ דורכויס אָריענטירט אפּ דער בורזשואזיע. ער זעט אָבער איבערהויפּט איר אונטערגייענדיקנ פליגל. בלויז אָט דער פליגל פארכאפּט אימ, אונ ער איז אינגאנצנ

פארטאָנ מיט דער שילדערונג פונעם אָפּגאנג פונ אַט דעמדאָזיקנ בורזשואזנ שיכט. דעמ אונטערגאנג פונ אַט דעמ שיכט זעט בערגעלסאָנ פאָרויס, נאָכ מער: ער פילט דורכויס די אומפארמײַדלעכקײַט פונ דעמדאָזיקנ אונטערגאנג. ער שילדערט אפילע יענע שיכטנ, וואָס קומענ צו פארבײַטנ די אונטערגײענדיקע רעשטלעכ פונ דער יידישער האנדלס־בורזשואזיע. זײַנע סימפאטיעס אָבער זײַנענ דורכויס אפ דער זײַט פונ די אונטערגײענדיקע, וואָס זײער רעאבילִיטאציע איז בערגעלסאָנס צענטראלע אופגאבע אינ דעמדאָזיקנ פעריִאָד פונ זײַנ שאפנ.

בערגעלסאָנס סטיל אינ דעמ ערשטנ פעריִאָד — דאָס איז דער אימפּרעסיִאָניסטישער סטיל, אָנגעהויכט אינ א היפּשער מאָס מיט סימוואָליסטישע עלעמענטנ. בערגעלסאָנס אימפּרעסיִאָניזמ איז א לירישער אונ א טיפ־סוביעקטיווער. די שילדערונג איז גוואלדיק אָנגעײלגעמעריש. דעמ שרײַבערס באציִונג צו די געשילדערטע פערסאָנאזשנ איז אזא בוילעטע, אז אָפטמאָל איז שווער אונטערצושײדנ דעמ סוביעקט פונעמ אָביעקט. דעמ קינסטלערס בליק איז אויסשליסלעכ קאָנצענטרירט אינ זיכ, אפ דער אײגענער שטימונג אונ עמאָציִאָנעלער אופרעגונג, אונ די גאנצע ארומיקע ווירקלעכקײַט פארבט ער אונ פארמאָלט אינ דערדאָזיקער אָפּגאנג־שטימונג.

דער צווײטער פעריִאָד פונ בערגעלסאָנס שאפנ כאפט ארומ אנערעכ די יאָרנ 1917—1913.

כאראקטעריסטיש פארנ דאָזיקנ פעריִאָד איז דאָס, וואָס קײנ גרויסע ווערק שאפט דאנ בערגעלסאָנ ניט. דאָס סאמע גרעסטע אונ באוויַזלעכע ווערק פאר דערדאָזיקער צײַט איז די דערצײלונג „אינ א פארגרעבטער שטאָט".

דערדאָזיקער פעריִאָד צײכנט זיכ אויס דערמיט, וואָס בערגעלסאָנ הײבט דאנ אָנ אָפּגײנ פונ די אונטערגײענדיקע שיכטנ בורזשואזיע אונ ער זוכט פאר זיכ א נײַע געזעלשאפטלעכע אָריענטאציע. אינ 1913־טנ יאָר האָט בערגעלסאָנ געהאט אָנגעהויבנ צו שרײַבנ „אָפּגאנג", וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר א נאטירלעכנ העמשעכ פונ „נאָכ אלעמענ", — אפ דעמ זאָגט אײדעס שוינ דער נאָמענ גופע פונעמ ווערק. „אָפּגאנג", ווי מיר ווײסנ, שטעלט מיט זיכ פאָר א פארשטארקונג פונ בערגעלסאָנס רעאקציע־שטימונגענ, א פארטיפונג פונ דער געזעלשאפטלעכער איזאָלירטקײַט פונ זײַנע העלדנ אונ א שטײַגונג פונ זײער געפאלנקײַט, ייִעש אונ פעסימיזמ. בערגעלסאָנ פארלאָזט אָבער אינגיכנ דאָסדאָזיקע ווערק אונ הײבט אָנ צו שרײַבנ אונ פארעפנטלעכנ ווערק פונ גאָר אנ אנדער כאראקטער, — „אינ א פארגרעבטער שטאָט", „יאנקעוו־נאָסנ ווידערפאָלער" א. אנד. דער קאפיטאליזמ אינ רוסלאנד לעבט דאנ איבער א פעריִאָד פונ שטײַגנ. אונ בערגעלסאָנ פארלאָזט די אָפּגײענדיקע בורזשואזע שיכטנ אונ נעמט זיכ פאר דער שילדערונג פונ אירע אופגעקומענע שיכטנ. בערגעלסאָנ הײבט אָנ שילדערנ די עלישע אָסנאס, די פרויקע טשערקיסעס אונ אנדערע פאָרשטײער פונעמ שטײַגנדיקנ מיטלבירגערטומ. זײַנ

באציִונג צו דידאָזיקע שיכטנ איז פונ אָנהייב א סקעפּטישע, א וואקלדיקע אונ
זײַטיקע. בערגעלסאָנ שילדערט דידאָזיקע שיכטנ אָנ קיינ שום בוילעטער טענ־
דענצ. אינ „נאָכ אלעמענ" האָט בערגעלסאָנ געטאדלט איינ שיכט מיטנ צוועק
צו פארטיידיקנ א צווייטנ שיכט. דאָ, „אינ דער פארגרעבטער שטאָט", זעט
בערגעלסאָנ ניט פאר זיכ יענע שיכטנ, אינ וועמעס נאָמענ ער זאָל קומענ
טאדלענ. די שטאָט דובראָוויטש איז א פארגרעבטע, די גאנצע שטאָט. ווו אונ
ווער זײַנענ ניט פארגרעבט? דערופ איז דאָ קיינ ענטפער ניטאָ. בערגעלסאָנ
איז אינ אָנהייב פונ דעמדאָזיקנ פעריִאָד פאקטיש דעזאָריענטירט. דערפאר
פעלט שוינ אינ זײַנע ווערק דער צענטראלער פערסאָנאזש, ניטאָ שוינ דאָ
אויכ די מאָבילִיזאציע פונ דער נאטור אונ פונ די זאכנ אפ צו פארשטארקנ די
שטימונג פונעמ פערסאָנאזש. דער צענטער פונ דער דערציילונג איז שוינ ניט
אזוי דער פערסאָנאזש, ווי די געשעעניש. אָנשטאָט שטימונג קומט דאָ דער
טאט. בערגעלסאָנ פרווט דאָ ארויסגייִנ פונ די ענגע אינ זיכ קאָנצענטרירטע
איבערלעבונגענ אינ דער ברייטער וועלט ארײַנ. דער סטיל ווערט דאָ מער רעא־
ליסטיש, מער געווענדט אפ דער ארומיקערווירקלעכקײַט. די שילדערונג
איז מער אָביעקטיוו. די נײַע פערסאָנאזשנ פארכאפנ אָבער דעמ שרײַבער ניט
אונ רעגנ אימ ניט אָנ אפ א גרעסער ווערק.

צומ סאָפ פונעמ דאָזיקנ פעריִאָד ענדערט זיכ בערגעלסאָנס באציִונג צו די־
דאָזיקע שיכטנ. דער שרײַבער נעמט זיכ אָריענטירנ אפ דער בורזשואזיע אונ
פארעפנטלעכט אינ 1915־טנ יאָר דעמ אָנהייב פונ „אינ פארטונקלטע צײַטנ".
די רעזולטאטנ אָבער פונ דעמדאָזיקנ פראָצעס וועלנ זיכ ארויסווײַזנ ערשט
שפּעטער אינ דעמ ווײַטערדיקנ פעריִאָד פונ בערגעלסאָנס שאפנ.

דער דריטער פעריִאָד פונ בערגעלסאָנס שאפנ כאפּט ארומ אנערעכ די
יאָרנ 1921—1918, די יאָרנ פונ אָנהייב אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די ווערק אָבער,
וואָס בערגעלסאָנ פארעפנטלעכט פארנ דאָזיקנ פעריִאָד, האָבנ צו דער רעוואָ־
ליוציע קיינ שומ דירעקטע ש[illegible]כעס ניט. אינ 1918 פארעפנטלעכט בערגעלסאָנ „אינ
פארטונקלטע צײַטנ", 1919—„אינ איינעמ א זומער", 1920—„אָפּגאנג". אינעמ
ערשטנ פונ דידאָזיקע ווערק האָבנ מיר א פעסטע אָריענטאציע אפ דער אופ־
געקומענער בורזשואזיע. „די פארטונקלטע צײַטנ" זײַנענ שוינ פאר בערגעלסאָ־
נענ פאקטיש ב א ל ו י כ ט נ. בערגעלסאָנ האָט דאָ געפונענ פאר זיכ א פעסטנ
אָנשפאר, ער שטייט פעסט אפ בורזשואזע פּאָזיציעס. בערגעלסאָנס שאפנ איז
דאָ זייער נאָענט צומ בורזשואזנ רעאליזמ פונ באלזאקס שניט. בערגעלסאָנס
קונסט איז דאָ אָביעקטיוו, ניכטער, מיט א ברייטער פערספּעקטיוו. דידאָ־
זיקע אָביעקטיווקײַט איז שוינ אָבער א רעזולטאט ניט פונ דעזאָריענטאציע,
נאָר פונקט פארקערט, זי קומט פונ א גאנצ בוילעטער אונ באשטימטער אָריענ־
טאציע אפ דער בורזשואזיע. די בורזשואזיע אינ צײַט פונ רעוואָליוציע נייטיקט
זיכ ניט אינ קיינ געזעלשאפטלעכ־אקטיווער קונסט. פארקערט, זי איז דאנ
פארינטערעסירט, אז די קונסט זאָל אָפּווענדנ די אופמערקזאמקײַט פונ די־

סאָציאַלע שלאַכטן. דערפאַר פריידיקן דאַן די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע די „קונסט צוליב קונסט״־טעאָריע. בערגעלסאָנס אָביעקטיוויזם אין די „פאַרטונקלטע צײַטן״ שטעלט מיט זיך פאָר א פאַרווירקלעכונג פון אָט דער דאָזיקער טעאָריע.

מיטן דערנעענטערן זיך צו די ראַפּאָפּאָרטס און צו די שורס גייט צו בערגעלסאָן נאָענט צו יענע שיכטן, וואָס בילדן דעם הויפּט־יעסאָד פון דער דעמלטיקער יידישער ליטעראַטור. בערגעלסאָן שטעלט זיך דאַן אפילע אוועק, אינעם אַזויגערופענעם „קיִעווער פעריאָד״, אין שפּיץ פון דער יידישער ליטעראַטור מיט איר יידישיסטיש־נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג.

„אין פאַרטונקלטע צײַטן״ איז אַן אָנהייב פון א גרויס־געפּלאַנטן קינסטלערישן לײַוונט. דאָסדאָזיקע ווערק איז אָבער געבליבן ניט פאַרענדיקט. דער פולער זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געמאַכט אומעגלעך פאָרצוזעצן דעם „יויסעף שור״־ראָמאַן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אָפּגעראַמט פאַר איין מאָל אלע הורוויצעס, ראַפּאָפּאָרטס און שורס צוזאַמען. בערגעלסאָן קערט זיך דאַן אום אָפּ צוריק און הייבט אָן צו פאַרעפנטלעכן ווערק, וואָס זײַנען נאָענט לויט זייער שטימונג צו די ווערק פון זײַן ערשטן פעריאָד. ער פאַרעפנטלעכט „אין איינעם א זומער״, „דרויבן״, „פײַוולס מײַסעס״. „אין אָפּגאַנג״. דערגרייכט בערגעלסאָנס אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג צו דער העכסטער מאַדרייגע. נאָכדעם קומט דאָס פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער אָנטייל אין דער אויסלענדישער בורזשואַזער פרעסע.

דער פערטער פעריאָד פון בערגעלסאָנס שאַפן כאַפּט אַרום אַנערעך די יאָרן 1922—1925. דערדאָזיקער פעריאָד צייכנט זיך אויס מיט אַן אַן אויסערסטער צעריסנקײַט און צעשפּליטערטקײַט פונעם שרײַבערס באַוווסטזײַן. אין 1922 אַרבעט בערגעלסאָן מיט אינעם „מילגרוים״, אינעם זעלביקן יאָר אַרבעט ער מיט אין דער סאָוועטישער פרעסע (אינעם „שטראָם״), ווי ער מעלדעט, אַז ער טרעט אַרויס פונעם „מילגרוים״. שפּעטער ווידער באַטייליקט ער זיך אינעם „פאָרווערטס״ און איינצײַטיק זעצט ער פאָר צו שרײַבן אייניקע זאַכן, וואָס זײַנען דערנאָך אַרײַן אין דער זאַמלונג „שטורעם־טעג״.

קיין באַדײַטנדיקע ווערק שאַפט דאַן בערגעלסאָן ניט. עס פעלט דער קלאָרער וועג, דעריבער פעלט דער גרויסער לײַוונט בא בערגעלסאָנען, די גרויסע קינסטלערישע פאַרמעסטונג. עס קומט ווידער די קלענערע דערציילונג, וואָס פרעוואַלירט א היפּשע צײַט אין בערגעלסאָנס ווערק. בערגעלסאָנס גרויסע דעזאָריענטירטקײַט פילט זיך נאָך אויך אין דער טעמאַטיק, וואָס ווערט גענומען פון ביידע „וועלטן״, פון „וועלט־אויס״ און פון „וועלט־אײַן״.

אַזוינע דערציילונגען אָבער, ווי „איינעמס א וועג״, „וואָלי ברענער״ און אַנד., האָבן שוין איידעס געזאָגט, אַז בערגעלסאָן דערנעענטערט זיך צו דער רעוואָליוציע, כאָטש מיט זייער לאַנגזאַמע שריט. עס קומט דער פינפטער פעריאָד אין בערגעלסאָנס שאַפן.

דער פינפטער פּעריאָד הייבט זיך אָן מיטן „אין שפּאַנ" און כאַפּט אַרום די יאָרן 1932—1926. בערגעלסאָן נעמט אַ פעסטן קורס אַפּ מאָסקווע, אַפּ דער אַקטיאַבער־רעוואָליוציע. ער ווערט אויס זײַטיקער צושויער. ער שפּאַנט זיך אײַן אינעם רעוואָליוציאָנערן וואָגן און הייבט אָן שרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן „מידאַס־האַדינ".

קיין נײַעם סטיל אָבער האָט נאָך בערגעלסאָן אין „מידאַס־האַדינ" ניט געשאַפן. דאָ האָבן מיר בלויז די ערשטע „אָנפאַנגלעכע אָנזאַמלונג" פאַר אַזאַ סטיל—די טעמאַטיק און דער פערסאָנאַזש, וואָס אַ היפּשער טייל פון אים הייבט אָן אַרויסצוטרעטן אַפּ בערגעלסאָנס קינסטלערישן האָריזאָנט צום ערשטן מאָל און איז נאָך פאַר אים דערום ניט אינגאַנצן בוילעט קלאָר. די קינסט־לערישע אויסשטאַלטונג און אויספורעמונג גייט נאָך דאָ איבערהויפּט אין בערגעלסאָנס פריערדיקן נוסעך.

אַ ווײַטערדיקן וווּקס פון בערגעלסאָנס סטיל האָבן מיר באַקומען אין „באַם דניעפּער". אינעם דאָזיקן ווערק האָט בערגעלסאָן צום ערשטן מאָל פאַר זײַן רעוואָליוציאָנערן שאַפונגס־פּעריאָד אָנגעהויבן אָנווענדן דעם מעטאָד פון „יויסעפ שור", דעם מעטאָד פונעם אָביעקטיוון רעאַליזם. בערגעלסאָן האָט אָבער דעמדאָזיקן מעטאָד פאַרפולקומט. אויב אין „יויסעפ שור" האָט בער־געלסאָן דערגרייכט צו די שפּיצן פונעם בורזשואַזן רעאַליזם, וואָס זעט די ווירקלעכקײַט בלויז אין אַ באַגרענעצטן שטעטל און פאַרנעם, דערנעענטערט זיך דאָ בערגעלסאָן אין „באַם דניעפּער" צום סאָציאַליסטישן רעאַ־ליזם. בערגעלסאָן פּרוּווט דאָ צוגיין צו דער רעאַלער ווירקלעכקײַט אין אַלע אירע פאַרשיידענע שיכטן, אין איר גאַנצער פילזײַטיקייט. ער פירט אַרויס אַפּ דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע אַלע טרײַב־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט און פּרוּווט צו באַווײַזן זיי אין קאַמפּ און געראַנגל, באַ דער פּערספּעקטיוו פון די ווײַט־גייענדיקע קלאַסן־שלאַכטן, וואָס פירן צום אויפקום פון אַ נײַער, אָן־קלאַסעוווער געזעלשאַפט.

די דערגרייכונגען בערגעלסאָנס אין „באַם דניעפּער", ווי אויך די בלויזן, האָבן מיר פריער געפרוווט אָנמערקן. אויך אין „באַם דניעפּער" האָבן מיר נאָך רעשטלעך — און גאַנץ היפּשע — פון בערגעלסאָנס פריערדיקע מעטאָדן. אָבער די ריכטונג פון בערגעלסאָנס נײַעם מעטאָד וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן, זי איז שוין שאַרפּ און בוילעט אָנגעצייכנט אין „באַם דניעפּער". דאָס איז דער מעטאָד פונעם אָביעקטיוון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס צו אים דערנעענטערט זיך בערגעלסאָן מיט זיכערע און פעסטע טריט.

אינהאלט פונעם בוכ:

פאָרוואָרט 5

ערשטער טייל

1־טער קאפּיטל

אייניקע פאָרבאמערקונגענ: דאָוויד בערגעלסאָנס ארייַנטריט אונ דער ליטעראטור; די ערשטע באגעגעניש מיט דער קריטיק, בערגעלסאָנס ערשטע ווערק אונ די רעוואָליוציע פונ 1905־טנ יאָר. 9

2־טער קאפּיטל

די עפּאָכע, ווענ ד. בערגעלסאָנ איז ארייַנגעטראָטנ אינ דער יידישער ליטעראטור 23

3־טער קאפּיטל

ד. בערגעלסאָנס ערשטע ווערק.—אייניקע אלגעמיינע שטריכנ. „ארום וואָקזאל״ . 37

4־טער קאפּיטל

„נאָכ אלעמענ״ 42

5־טער קאפּיטל

„אָפּגאנג״ 75

6־טער קאפּיטל

דער סאָציאלער טאָכ פונ „ארום וואָקזאל״, „נאָכ אלעמענ״ אונ „אָפּגאנג״ . . 91

7־טער קאפּיטל

בערגעלסאָנס אנדערע ביז־רעוואָליוציאָנערע ווערק 97

2־טער טייל.

8־טער קאפּיטל

בערגעלסאָנס סאָציאלע אָריענטאציע ערעוו אונ אָנהייב דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. בערגעלסאָנס ווערק אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע . . 113

9־טער קאפּיטל

בערגעלסאָנס ערשטע סאָוועטישע ווערק 125

10־טער קאפּיטל

„מידאס האדינ״ 133

11־טער קאפּיטל

„באמ דניעפּער״ 141

12־טער קאפּיטל

די פּעריאָדיזאציע פונ בערגעלסאָנס ווערק 160

ווײַטיקסטע דרוקפעלערנ

ז.	שורע	שטייט	דאַרפ זײַנ
„ 44	„ 14 פונונטנ	פונ אלע רעשטלעכ	פונ אלע רעשטלעכ אלטערטומ
„ 57	„ 5 „	ווי עס זאָגט בערקלי	ווי עס האָט געזאָגט בערקלי
„ 66	„ 4 „	נאָר מער אלצ פונ אלע	נאָר מער פונ אלצ
„ 69	„ 15 פונויבנ	א גרויס אָרט אינ דער טרילאָגיע פארנעמענ	א גרויס אָרט פארנעמענ
„ „	„ 7 פונונטנ	די שטילקײַט	דער שטילקײַט
„ 71	„ 5 פונויבנ	קאפ. 7	קאפ. 8
„ „	„ 7 פונונטנ	ג. א	ב. א
„ 74	„ 5 פונויבנ	אינ	אונ
„ „	„ „ „	פונקטנ	פונקענ
„ 75	„ 17 „	איז דאָס	דאָס איז דאָס
„ 86	„ 9 פונונטנ	אינ	אונ
„ 102	„ 19 פונונטנ	ערשטנ. אינ	ערשטנ אונ
„ 119	„ 6 פונויבנ	„יידיש" אייגנס"	„יידיש—אייגנס"
„ 122	„ 4 פונונטנ	באָרעכ־נאכמענ דעמ פארבערס	באָרעכ נאכמענ דעמ פארבערס
„ 128	„ 4 פונויבנ	צו א גאנצנ פאָלק	צו א גאנצנ פאָלק
„ 142	„ 12 פונונטנ	צומ	מיטנ